STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06601

GROYSE NESHOMES

Sch. Gorelik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל־אנדזשעלאָ בואָנאַראָטי
נאך אן אנאנימען שטיך
(פאט. פ. ברוקמאן א.־ג., מיונכען)

ש׳ גארעליק

גרויסע נשמות

WOSTOK

דרעזדען
פארלאג «וואסטאק»׳ דרעזדען A. 24
1921

Copyright 1921 by Wostok (Der Osten)
Verlag und Büchervertrieb G. m. b. H., Dresden

Druck der Spamerschen Buchdruckerei in Leipzig

אינהאלט

	זייט
מיכאל־אנדזשעלאָ	1
בלעז פּאַסקאַל.	29
טאָמאַס קאַרלייל	51
דזשאָן רעֶסקין	73
וואָט וויטמאן.	102
לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי	121
ראַבינדראַנאַט טאַגאָרעֶ	135

מיכאל־אנדזשעלאָ.

I

דער באַשיידענער, אבער אביסל כמורעֶר לאָדאָוויקאָ די ליאָנארדא בואָנאַראָטי, איז געוועזן זעהר פארדראסיג און צעטראָגן, ווען ער האט דערזעהען, אויף וואס פאר א וועג זיין זון מיכאל־אנדזשעלאָ קלייבט זיך צו גיין. ער האט זאגאר געדראהט נישט צוצולאזן אזא חרפה און שאַנד, און נאר די השתדלות פון לאָרענצאָ מעֶדיטשי האט אביסל אפגעשוואכט דאס ביטערע געפיל פונ׳ם פאטער וועגן דער אומזיכערער און ווייניג בכבודיגער פראפעסיע פון דעם זון. עס איז באוואוסט, אז גראד די נאהנטסטע צו אונז מענשן, די, וואס האבן, דאכט זיך, מער פון אנדערע די מעגליכקייט אריינצוקוקן אין אונזער אינערליכן לעבן, שטודירן אונזער כאַראקטער, און וויסן, וואוהין עס ציהט אונזער הארץ, מיט וואס איז אנגעפילט די נשמה, אז גראד אטדי נאהנטסטע שטעלן זיך ארויס אלס די ווייטסטע. זיי פערשטייען אין אונז גאר נישט, און ווען, זייענדיג געצויגן פון דעם אינערליכן רוף, ווילן מיר מוטיג לאזן זיך איבער דעם באַשערטן וועג, שרייען זיי, אטדי בלינדע, אז דער וועג אונזערער איז פאלש, און אז מיר האבן זיך פאַרבלאנדזשעט.

דער געניאלער גאלדשמיד בעֶנוועֶנוטאָ טשעֶליני, צום ביישפיל, פארשאפט זיין פאטער ערנסטע עגמת־נפש: אנשטאט זיך צו פאר־פולקומען אין דעם שפיל אויף דער פלייטעֶ, גיט ער זיך גאר אפ מיט אזא נארישער ארבעט, ווי מאכן זעלטענע זאַלצפעסלעך, וואַזעס, נאך וועלכע עס האבן זיך געיאָגט מלכים און פויפסטן. דעם גוטן, נאאיוון דזשיאָוואַני איז ווירקליך שווער געוועֶזן איינצורייד׳ן, אז אויף זיין זון האַרט א גאנץ אומגעוואוינליכע צוקונפט — א פיל, פיל גלענצנדערע, איידער די צוקונפט פון א פלייטיסט. ער איז,

אטדער אלטער, דוכט זוך, געשטארבן מיט דעם פארדראסיגן באַוואוסטזיין, אז זיין זון בענוועַנוטא איז א פארלארענער מענש...

אבער אויסער אטדער קורצזיכטיגקייט, רעדט נאך אין אזעלכע פאלן די שטימע פון א פאטערס הארץ, וואס שפירט אינסטינקטיוו די גרויסע ליידן, ווארום דער וועג, אויף וועלכן דער גענֿי קלייבט זיך און מוז גיין, איז כמעט אלעמאל פול מיט ליידן און דערנער. און דער נאהנטער מענש שעצט ניט די רויזן פון דער אומשטערבליכקייט, גיכער שרעקן אים אפ די ליידן, וואס לויערן, די אלע אינערליכע קאנפליקטן, וואס באגלייטן שטענדיג דאס לעבן פון דעם גרויסן מענש. פונדאנען נעמט זיך דער גערANGל צווישן די קורצזיכטיגע, אבער ליבנדע עלטערן און געניאלע, צו גרויסע מעשים אויסדערוויילטע קינדער. זיי זיינען אלעמאל ניט צופרידן, די טאַטעס. זיי באוויינען אלעמאל דעם פארעקשנטן גענֿי, וואס וויל ניט ווערן א יוריסט, א פאַסטאר אדער א פלייטיסט.

גאָבינאָ אין זיינע מייסטערהאפטע סצענעס פון דער רענעסאנס־עפּאָכע, טוט דעריבער זעהר ריכטיג, ווען ער לאזט לאָדאָוויקאָ בואַנאַראָטי, אין א ערנסטן געשפרעך מיט זיין זון מיכאל־אנדזשעלאָ, פאלגענדן פארוואורף און ברוגזדיגע ווערטער זאגן: «ווען אטדער מענש (לאָרענצאָ מעדיטשי) וואלט דיר נישט פארדרייט דעם קאפּ, וואלטסטו מיך דאן געוויס געהערט. אנשטאט צו גיין צו די פּוסטאַפּאסנע מאַלערס און באפלעקן זיך און דעם כבוד פון דער פאמיליע מיט אזא פּראפעסיע, וואלטסטו איצט געווען ביי דעם זייד־האנדל און איך וואלט דיך נישט באדארפט זעהען שטענדיג באדעקט מיט גיפּס און די הענט שמוציג».

פאר אטדי אלע נישט געראטענע, שלים־מזלניקעס האט שוין אמאל הײנע געגעבן דעם ענטפער, ווען ער האט באמערקט: «פון מיר איז גארנישט געווארן, פון מיר איז ארויס נאר א פּאעט»... אים האט מען דאך אויך געוואלט אוועקשטעלן ביי דער קאַסע פון א טוכגעשעפט.

אמת׳ דער אלטער לאָדאָוויקאָ האט זיך שפעטער געקענט איבער־צייגן׳ אז׳ וואס אנבעלאנגט טריישאפט צו אייגענע׳ האט מיכאל־אנדזשעלאָ געקענט גערעכנט ווערן פאר א אידעאַל: ער איז געוועזן א זעלטן טרייער זון און א זעלטן טרייער ברודער· די פילע בריוו צו די מיטגלידער פון זיין פאמיליע באווייזן אונז מיכאל־אנדזשעלאָ פון א גאר באזונדערער זייט· דאס איז שוין נישט דער געניאלער סקולפטאר און מאַלער׳ נאר א באשיידענער איטאליענער פון דער ווייטער׳ פארווארפענער פראווינץ׳ וואס האט זיך אוועקגעלאזט נאך תכלית אין דער גרויסער שטאט׳ אבער ער איז מיט טויזנטער פע־דימער פארבונדן מיט זיין היימאט און מיט זיין פאמיליע· די פאר־דינטע דוקאטן שיקט ער פינקטליך זיינע עלטערן׳ און די בריוו זיינען פול מיט פראקטישע עצות בנוגע דער ווירטשאפט און די געשעפטן אינדערהיים· פאר אונז איז דער באקאנטער טיפ פון האָ־ראָפּאַסניק׳ דעם באשיידענעם און שפארעוודיגן׳ וואס איז טויב צו די אלע זיסע קולות און נעצן פון דער גרויסער שטאט און וואס טוט אקוראט׳ מיט גרויס פלייס ערפילן די התחייבותן פון א איבערגע־געבענעם זון און עלטערן ברודער· געוויס׳ ווען דער ברודער דזשיאָוואני סימאָנע פירט זיך אויף שלעכט׳ פארשווענדט דעם רכוש פון דער פאמיליע׳ זאגט גראבקייטן דעם פאטער און הויבט אפילו די האנט אויף אים׳ דאן׳ פארשטייט זיך׳ גיט שוין מיכאל־אנדזשעלאָ זעהר דייטליך צו פארשטיין׳ וויפיל אטדער אומגליקליכער׳ פאר־בלאנדזשעטער דזשיאָוואני סימאָנע האט אים צו פארדאנקען· ער גיט אים צייט׳ ווידער גוט־פרום צו ווערן׳ זיך צו בעסערן׳ און׳ ווען אזוינס וועט ווירקליך געשעהן׳ איז ער אים גרייט ווייטער בא־הילפליך צו זיין און וועט זיך זאגאר סטאַרען׳ ער זאל קענען עפע־נען עפעס א נייעם געשעפט· ווען ער וועט זיך אבער פארעקשנען אין זיין מיאוסער אויפפירונג׳ דאן וועט ער׳ מיכאל־אנדזשעלאָ׳ שוין אליין מוזן קומען אהיים און וועט שוין די זאך ברענגען אין ארדנונג· דערביי ווערט געגעבן זעהר דייטליך דער וואונק׳ אז דאס

«ברענגען אין ארדנונג» וועט באשטיין נישט נאר אין ווערטער און פריידיגן, נאר עפּעס אין אזוינס, וואס האט מער וואָג און איבער־צייגונגסקראפט. דזשיאָוואני סימאָנעָ זאל וויסן זיין, אז, ווען עס זאל דערצו קומען, וועט ער קריגן די אמתע קלעפּ, ווי ער האט דאס וואויל פארדינט.

«צוועלף יאָר – שרייבט דאן מיכאל־אנדזשעלאָ – ווי איך נע־ונדעווע איבער איטאליע פון איין ארט צום צווייטן, אריבערגע־טראגן אלערליי באליידיגונגען, אלערליי צרות, און טויזנט מאל געוועזן אין געפאר, און אלץ צוליב מיינע אייגענע, און איצט, ווען עס האט זיך מיר איינגעגעבן, זיי ווי עס איז איינצוארדנען, קומט אטדער ברודער און צעשטערט אלץ». ניין, דאס וועט נישט זיין: ער וועט אים שוין בייקומען; און דעם לעצטן מאל גיט ער די עצה, דעם לעצטן מאל איז ער מתרא: א מענש צו זיין, זיך צו באקלערן.

יאָ, ער האט זיך געקענט בייזערן, מעסער מיכאל־אנדזשעלאָ, און זיינע ענטפערן זיינען געווען שארף, שטעכעדיג, גאַליג און כמורע. אין דער יוגנט איז ער אמת געזעסן ביים טיש אויף דער רעכטער זייט פון לאָרענצאָ מעדיטשי, אבער דער הויפישער עטיקעט, די געשליפנקייט אין דעם ריידן, די עלעגאנטקייט אין די מאנערן האט נישט געפונען קיין באזונדערן חן אין זיינע אויגן, און ער האט ליב געהאט דעם צארניגן, פשוטן אמת, מער ווי דאס שיין ריידן, וואס איז אפט נאר א מאסקע, דעם אמת צו פארדעקן. מיכאל־אנדזשעלאָ האט אפילו מיט דעם פויפסט יוליוס דעם II־טן גערעדט אין א טאָן, וואס איז אומענליך געווען צו דעם הויפישן עטיקעט. דארטן, וואו עס איז נויטיג, פארטיידיגט ער זיין כבוד מיט דער גרעסטער שנעליגקייט און מיט דער שארפסטער ענערגיע.

דער ערשטער סיכסוך זיינער מיט דעם פויפסט, צום ביישפּיל, איז ער דען נישט געפארן קיין קאַראַראַ נאך דעם מאַרמאָר, אויס־פילנדיג די שליחות און דעם רצון פונם פויפסט? און איז אים נישט געזאגט געוואָרן, אז, ווען אים וועט אויספעלן געלט, זאל ער אהן

וועלכע עס איז אנמעלדונגען איינפאך קומען אין דעם פאלאץ, כדי עס צו באקומען? גוט, ער איז געקומען. ער דארף טאקע ביז גאר נויטיג געלט, אום אויסצוצאלן זיך מיט די פורלייט, וואס האבן דעם מארמאר געבראכט קיין רוים. אבער מען לאזט אים נישט צו צום פויפסט. אין דער צייט, ווען ער האט זיך געמאטערט, געהארעוועט אין קאַראַראַ, האט דער הויפמאן און ארכיטעקטאר בראַמאנטע געפירט קעגן אים מיאוסע אינטריגעס און האט טאקע איינגערעדט דעם פויפסט, אז ער זאל אוועקווארפן דעם פלאן וועגן יענער גראנדיאזער מצבה, וועלכע מיכאל־אנדזשעלאָ האט געזאלט אויספירן. ער פאלט אריין אין א שטארקן און גערעכטן כעס. ווען מען באגייט זיך מיט אים אזוי, וויל ער אפילו קיין איין איבעריגע מינוט ניט בלייבן אין רוים. און, אויב דער פויפסט נויטיגט זיך אין אים, זאל ער מוחל זיין אים זוכן ערגעץ אנדערשוואו, יאָ, דאס, בעט ער, זאל מען דעם פויפסט איבערגעבן. אזוי רעדט א באליידיגטער געני, וועמענס קליידער זיינען באדעקט מיט גיפס און מיט שטויב פון מארמאר. און אסך שפעטער, שטייענדיג אויף די הויכע ברעטער ביי דער ארבעט פאר די פרעסקעס אין דער סיקסטינישער קאפעלע, און הערנדיג די אומגעדולדיגע און פיבערהאפט־נייגעריגע שאלה פון זיין באשיצער יוליוס: «ווען? ווען וועט שוין אמאל די ארבעט פארטיג ווערן?», האט מיכאל־אנדזשעלאָ ווידער טאקע גאַליג אפגעברומט. «ווען איך וועל קענען», איז געוועזן זיין קורצער און שארפער ענטפער. עס פאלגט – ווי אַסקאַניאָ קאָנדיווי דערציילט אונז – א סטראשענדיגער צורוף פונם פויפסט, «צי וויל ער אקארשט ניט ארפגעווארפן ווערן פון די הויכע ברעטער»? מיכאל־אנדזשעלאָ האט זעהר אפט געליטן פון די קאפריזן פונם פויפסט יוליוס, אבער סוף כל סוף איז דער פויפסט געוועזן דער איינציגער מענש, וועלכער האט ליב געהאט די קונסט מיט א פלאמענדיגער, כמעט ווילדער ליבע. זייערע מחלוקות, זייערע קאנפליקטן דויערן געוואוינליך נישט לאנג, זיי קענען איינער אהן דעם אנדערן נישט

אויסקומען, נישט לעבן. דערפאר שרעקן נישט מיכאל־אנדזשעלאָ די דראהונגען פונם פויפּסט. ער ווייס, אז עס וועט מער ווי ביי ווערטער נישט בלייבן, און ער זאגט צו זיך אליין דארטן אויף די הויכע ברעטער: «נו, אראפּוואַרפן מיך וועסטו ניט לאזן»... יאָ, וואס אמת איז אמת, מיט באזונדערע העפליכקייטן און גלאַטקייטן אין ריידן האט זיך מיכאל־אנדזשעלאָ נישט אויסגעצייכנט, און די, וואס האבן פארשטאנען און געפילט די גאנצע טיפקייט פון זיין פערזענליכקייט האבן אים גענומען אזוי, ווי ער איז. וואס קען מען מאכן! א שווערער, פארביטערטער מענש. געוויס, מיט דעם שיי־נעם, צארטן, געטליכן ראַפאַעל איז געווען לייכטער אויסצוקומען. אטדער יוסף פון דער רענעסאנסצייט האט, אויסער זיין גרויסער קונסט פון מאָלן, נאך פארמאגט א קונסט צו פארצויבערן מענשן, זיין שמייכל איז א נעץ געווען, וואוהין מענשן זיינען אריינגעפאלן, ווערנדיג זיינע הייסטע און טרייסטע אנהענגער. אליין איז ער קיינמאל נישט געווען. אויף דעם גאנג צום וואַטיקאַן פלעגט אים באגלייטן א סוויטע פון פופציג מאלערס און קינסטלערס. פון מיכאל־אנדזשעלאָ אבער דערציילט מען, ווי מען פלעגט אים, דעם אלטן, אפט זעהען איינזאם, בלאנדזשענדיג איבער די גאַסן פון רוים, פארזונקען אין איינזאמע און טיפע געדאנקען.

די רענעסאנס־עפּאכע, אזוי רייך, בולט מיט אירע פארברעכן, מיט דעם דארשט צום לעבן און מיט ליבע צו קונסט, האט געטריבן אירע גרויסע, געניאלע מייסטערס צו אומערמידליכער ארבעט, געפאדערט פון זיי אונאונטערבראָכענע טעטיגקייט. דאס איז געווען א מין טיראניזירן, מאטערן, וואס איז געמאכט געווארן אין דעם נאמען פון ליבע צו דער קונסט. די אלע הערצאגן, פויפּסטן, גאָנפאַלאָניערען ווערן גאר קיינמאל נישט זאַט, ווען עס האנדלט זיך וועגן סקולפּטורן, בילדער, איידעלע יוּוועליר־ארבעטן. זיי זיינען געווען אגב אין אלץ אומערזעטליך: הן אין האַס, והן אין דעם פארלאנג נאך מאַכט, און זיינען נישט געווען קיין באזונדערע

אויסקלייבערס אין מיטלען, ווען מען האט נאר באדארפט דערגרייכן דאס געווינשטע ציל· נעמט אפ פון אטדער עֶפּאָכע די גדולים ליאָנאַרדאָ־דא־ווינטשי, מיכאל־אנדזשעלאָ, ראַפּאַעֶל סאַנטאָ,־ און וואס איז זי, אויב נישט א כראניק פון בלוטיגע טויטן, פון שטענדיגע מלחמות פון איין שטאט מיט דער צווייטער, און אין יעדער שטאט גופא א שטענדיגע מלחמה צווישן די רייכע פאמיליעס, וואס ראנגלען זיך וועגן דער שליטה און השפעה, א גערודער, אין וועלכן אלע מיטלען זיינען געווען ערלויבט: גיפט, דער שפיז, בגידה, פארנארן, פלוצלונג אנפאלן פון א זייט· אפילו די צייט פון דער קירכן־מעסע, ־ ווי דאס איז געשעהען ביי דער פארשווערונג אין פלאָרענציע פון די ברידער פאַצי קעגן די מעדיטשיס ־ האט מען נישט מורא געהאט אויסצוניצן אלס א מיטל פאר פאליטישע אינטריגעס און נקמות·

ווען מיכאל־אנדזשעלאָ, ארבעטנדיג די גרויסע בראנזענע סטאַטוע פונם פויפסט יוליוס, האט אים געפרעגט, וואס אזוינס וואלט ער וועלן האלטן אין דער לינקער האנט, און צי זאל מען אים נישט געבן אין אטדער פרייער האנט (די רעכטע האט געבענטשט די איינוואוינער פון באָלאָניאַ) א בוך, האט פויפסט יוליוס שארף געענטפערט: «וואס, א בוך? ־ א שווערט! איך בין דאך נישט קיין געלערנטער!»

אטאזוי איז געוועזן דער כאראקטער פון יענער צייט· די שונאים האבן איינער אויף דעם צווייטן געשליידערט מיט פארגיפטעטע שפיזן, אבער די הענטלעך פון אטדי קינזשאלען האבן געמוזט זיין געארבעט פון דעם בעסטן קינסטלער, מייסטער· ווארום אלע האבן ליב געהאט די קונסט· פון דעם הערצאג ביז צום המון· ווען די וואנט פון וועלכער עס איז קירך איז אויסגעמאלט געווארן מיט נייע בילדער פון א באקאנטן מאלער, האט דאס פאלק גענומען דעם לעבעדיגסטן אנטייל אין דעם יום־טוב און אין דעם ערפאלג פון דער קונסט· און איז די שמחות איז געלעגן זעהר פיל אויפריכטיגקייט און נישט נאר

נייגעריגקייט אליין· דער קינסטלער האט דעריבער אויך אין יענער בלוטיגער צייט געגאסן זעהר פיל פריווילעגיעס· ער איז געווען זיכער מיט דעם לעבן· נישט איינער אבער פון די הערצאגן, נישט איינער פון די פילע גרויסע און קליינע טיראנען, וואס האבן גע־וועלטיגט איבער די איטאליענישע שטעט, איז ניט געווען זיכער· דאס פאליטישע סיסטעם האט זיך געקענט בייטן, איין הערשער איז בא־זייטיגט געווארן דורך דעם צווייטן, אבער אין דעם מאלער, אין דעם סקולפטאר, אין דעם יוועליר, וועלכע האבן געקענט אויספירן די בא־שטעלונגען פון די פארשיידענע צעכן, באניען און באשיינען די אדער יענע קירך איז אלעמאל געווען א גרויסע באדערפעניש· צי אין פלארענציע האט געהערשט איינער פון די מעדיטשיס אדער פיערא סאָדעריני - דער קוואל פון פרייד מיט דעם שיינעם און ערהאבענעם אין דער קונסט איז קיינמאל נישט אויסגעטריקנט געווארן· אט פאר־וואס איז אפילו אין יענער, בכלל נישט זיכערער, צייט דאס לעבן פון דעם קינסטלער אלעמאל געווען אויסער געפאר, אים האט מען מוחל געווען זאכן, פאר וועלכע א אנדערער וואלט באדארפט בא־צאלן מיט דעם קאפ· אפילו אזא בעסטיאַלישער כאראקטער, ווי טשעזארע באָרדזשיא, האט זיך געקענט פארבייגן פאר דער גרויס־קייט און גייסטיגער קראפט פון דעם געני· איז ווען ניט ווען אויסגעקומען דעם קינסטלער, צוליב פאליטישע סיבות, אדער אנ־דערע אונאנגענעמליכקייטן, אנטלויפן אין א אנדער שטאט, אין באָלאניא, פעראַראַ, ווענעציע, האט ער שטענדיג געקענט בויען אויף א באשיצער, וועלכער פלעגט אגב פאר די באוויזענע גאסט־פריינדשאפט שטענדיג זעהר העפליך, אבער גאנץ ענערגיש פאדערן באצאלט צו ווערן אין דער פארם פון א בראנזענער אדער מאר־מארנער פיגור, אדער מיט א מצבה, אדער מיט א וואזע, מיט א אויס־געצירטער זעלטענער קונסט־ארבעט· אלזא, מען האט זיי, אמת, זעהר געהיט, אטדי גרויסע און מיטעלע מייסטערס, אבער רוה האט מען זיי דאך נישט געגעבן, מען האט שטענדיג פון זיי געפאדערט אר־

בעט, יעדער איז געקומען צו זיי מיט זיינע פּלענער, מיט זיינע אידעעס.

נאָכן טויט פון דעם פּויפּסט קלעמענס איז אויף זיין ארט ארויף פּויל דער III, און עס פּארשטייט זיך, אז ער האט באלד געוואלט, אז מיכאל־אנדזשעלאָ זאל אנגעמען ביי אים א שטעלע. דער לעצטער, נישט וועלנדיג איבעררייסן די ארבעטן, מיט וועלכע ער איז געווען באשעפטיגט, האט אנגעוויזן אויף דעם קאנטראקט, וואס ער האט אפּגעשלאסן מיט דעם אורבאנישן הערצאג (וועגן פּאר־ענדיגן די מצבה פון יוליוס דעם II):

«שוין דרייסיג יאר, ענטפערט מיט כעס פויל ־ אז איך חלום וועגן דעם וואונש. און איצט, ווען איך בין פּויפּסט, זאל איך נישט קענען דעם וואונש ערפילן? וואו איז דער קאנטראקט? איך וועל אים צערייסן».

ביי דעם ליכט פון אזעלכע באציהונגען ־ און אזוינע באציהונגען זיינען אייגנטליך געווען די נארמאלע ־ איז שווער צו ריידן וועגן א אמתער ליבע און אמתער אכטונג צום קינסטלער. א חוץ לאָרענצא מעדיטשי און פּויפּסט יוליוס. יוליוס איז, אמת, געווען ברוגז אויף מיכאל־אנדזשעלאָ פאר זיין פארלאזן רוים נאך יענעם ערשטן סכסוך וועגן דעם נישט צוגעלאזט זיין צו דער אודיענציע, אבער ער האט דאך פאריאגט פון זיינע אויגן דעם ביסקופ דערפאר, וואס ער האט זיך ערלויבט ריידן נישט מיט דעם געהעריגן רעספּעקט וועגן דעם שטאלץ פון איטאליע. מיכאל־אנדזשעלאָ איז מיכאל־אנדזשעלאָ, און עס איז קיינעם נישט ערלויבט עס צו פארגעסן. יוליוס דער II פארגעסט טאקע נישט, אבער ער פארגעסט נישט דערפאר, ווייל זיין אינטערעס פאר דער קונסט איז ווירקליך גע־ווען א טיפער. דער גרעסטער טייל מעצענאטן פון יענער צייט צייכנען זיך אויס מיט א פּיבערהאפטע אומגעזונטע פארלאנג, וואס מער אנצוזאמלען, וואס מער צו האבן. עס האט אפּגעגעבן מיט א שלעכטן געשמאק, אמדער שטענדיגער «נאָך און נאָך». אין דעם

נישט קענען זאט זיין איז נישט נאר געוועזן צו דערקענען די איי־דעלע ליבע צו דעם שיינעם, נאר אויך, און פיליכט דער עיקר, דאס נישט קענען זאַט ווערן פון יענער צייט·

גרים הייבט אן זיין זעלטענע ביאגראפיע וועגן מיכאל־אנדזשעלאָ מיט א לויב־געזאנג אויף פלארענציע און פארגלייכט די היימאט פון דאַנטען מיט אַטען· אין אַטען אבער האט געהערשט חכמה, אין דער צייט ווען פלארענציע איז דורכגעדרונגען מיט א גוואלדיגער ליידנשאפט· אין פלארענציע, ווי אין גאנץ איטאליע בכלל, ליבט מען די קונסט ניט מיט דער רוהיגער, הויכער ליבע ־ דאס הייסט, באַ־האלטנדיג א געוויסע פרייהייט פון גייסט ־ נאר ליידנשאפטליך, מיט רער גאנצער פולקייט און מיט דעם ברען פון דעם דרומדיגן טעמפעראמענט; דאס הייסט ווידער, אז מען ווערט אזוי ווי פאר־שקלאפט פון אטדעם געפיל, פון אטדער גרויסער שוואכ־קייט· אפשר האבן די מענשן פון יענער עפאכע געפילט אינסטינק־טיוו א פארלאנג צו פארענטפערן די גרויזאמקייט פון די מידות, די האַרטקייט פון יענע כאראקטערס, לכל הפחות, מיט אייביגע שעדעווערס פון קונסט, כדי די געשיכטע זאל זייער עפאכע דאך פארהערליכן, ווען ניט אירע מידות, טאָ אירע געניאלע אנשטרענגונגען אויף דעם געביט פון קונסט· און זעהט עס דען נישט אויס, אז די רעכנונג איז געוועזן ריכטיג? זיינען מיר דען ניט נוטה, צוליב «פיעטא», «דויד», «דער שטאַרבנ־דיגער יינגל», «די נאכט» צוליב די מאלערייען אין דער סיקסטי־נישער קאפעלע פון מיכאל־אנדזשעלאָ, צוליב דער «לעצטער סעודה» און «דזשיאקאנדא» פון ליאָנארדאַ דא ווינטשי, «אמאר און פסיכע» פון ראַפאַעֶל, מיט האלב צוגעמאכטע אויגן קוקן אויף דעם זינדיגן, בלוטיגן רענעסאנס? זיינען מיר דען נישט אימשטאנד, צוליב איינער פון די אויבנדערמאנטע שעדעווערס, צו פארגעסן א טוץ איטאליענישע כראניקעס? אין דער אומגעדולד פון א יוליוס דעם II צו זעהען וואס גיכער די פארענדיגטע ארבעט פון מיכאל־אנדזשעלאָ, קען מען אפשר זעהען די אומרוה פון א זינדיגער נשמה,

וואס וויל זיך זוכן א וועג צום גן־עדן, וואס וויל זוכן פאר זיך א מליץ יושר. און געוויס האט זיך פאר אטדעם קריגערישן, זינדיגן פויפסט אויף יענער וועלט משתדל געווען זיין גרויסע, אויפריכטיגע ליבע צו דער קונסט, און א סך איז אים אפשר פארגעבן געווארן נאר דעריבער, ווייל ער איז דאך געוועזן א פריינד פון מיכאל־אנדזשעלאָ.... און זיי שרייען, אטדי אלע פויפסטן, הערצאגן, דאָזשן, גאָנפאלאָניערן אויף די קינסטלער: «שאפט וואס מער, שאפט וואס שנעלער», און זיי יאגן, און האט דער קינסטלער נאך נישט געענדיגט איין ארבעט, ווי עס ווארט שוין אויף אים א צווייטע. און איבער אלע שטעט פון איטאליע איז זיך פונאנדערגעגאנגען די גוואַרדיע מאלערס, סקולפטארן, כדי אפגעווינען כבוד און אומשטערבליכקייט נישט נאר פאר זיך, נאר אויך פאר זייער עפאכע. א סך שיינע נעמען געפינען מיר צווישן זיי: דזשיאָטאָ, מאַסאַטזשיאָ, ברונעלעסטשי, דאָנאַטעלא, קאָרעדזשיאָ, אסך גרויסע, און מען באַוואונדערט זייער ארבעטספעהיגקייט, אויסדויער, געדולד. דזשיבערטי האט 41 יאר געארבעט אויף די טירן פון דער קירכע סאַן־דזשיאָוואני (וואַזאַרי דערציילט אין זיינע בארימטע קינסטלער־ביאָגראפיעס, אז ווען מען האט וועגן די טירן געפרעגט מיכאל־אנדזשעלאָ, האט ער געענטפערט: זיי זיינען אזוי שיין, אום ראוי צו זיין, אז מען זאל דורך זיי אריין אין גן־עדן).

און דאך: נעמט צו פון אטדער עפאכע ליאָנארדא דאַ ווינטשי, מיכאל־אנדזשעלאָ, ראַפאַעל, און מיר וועלן אין געדאנקען איילן אין דעם שאָטיגן הויף פון דעם קלויסטער סאן־מאַרקאָ, וואו א באגייסטערטער עולם הערט די פייערדיגע דרשות פון סאַוואָנאַראָלא, אין וועלכע ער פארשילט די זינד פון פלארענציע און איטאליע. דעם גרעסטן טייל ארבעט, וואס האט געזאלט מאכן יענע צייט אומפערגעסליך און מאכן זי פאר א אביעקט פון שטענדיגער אנטציקונג, האבן גענומען אויף זיך אטדי דריי גיגאנטן, און מיכאל־אנדזשעלאָ האט זיך, דאכט זיך, באמיהט מער פון אלעמען.

דער געניאַלער האָראָפּאַסניק פון רענעסאַנס האָט אַפּט חדשים גאַנצע פאַרבראַכט אין קאַראַראַ און אַליין אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט פון אויסהאַקן דעם מאַרמאָר, וואָכן גאַנצע פלעגט ער זיך לייגן שלאָפן אין די שטיוול, נישט אויסגעטאָנענערהייט, און, ווען שפּעטער האָט מען פאַרט די שטיוול געמוזט אויסטאָן, האָט מען דאָס נישט געקענט טאָן, סיידן אָראָפּרייסנדיג אויך שטיקער הויט.

„מיכאַל־אַנדזשעלאָ – דערציילט זיין תלמיד אַסקאַניאַ קאָנדיווי – איז געוועזן אין זיין לעבן זעהר באַשיידן. געגעסן האָט ער מער בעל כרחך, ווי פון פאַרגניגן. ווען ער איז געוועזן באַשעפטיגט, האָט ער זיך געוואוינליך באַנוגנט מיט אַ שטיק טרוקענע ברויט, וואָס ער האָט געגעסן ביי דער אַרבעט. אָפט האָב איך אים געהערט ריידנדיג: „וויפיל געלט איך האָב נישט געהאַט, אַסקאַניאַ, לעבן האָב איך אָבער אַלעמאָל געלעבט ווי אַ אָרימאַן“.

מיכאַל־אַנדזשעלאָ באַלויכט מיט זיינע גרויסע ווערק די רענע־סאַנס־עפּאָכע מיט דעם ליכט פון אייביגקייט, נאָר מיט דעם „עולם הזה“ פון זיין צייט, מיט דער גאַנצער סומע פון פאַרגניגונגען און וואוילטאָגן באַנוצט ער זיך נישט. אין דעם ליגט דער אונטערשייד צווישן אים און די אַנדערע. אין זיין גאַנצער פיגור פילט מען די שטריכן פון דעם אַסקעט און שטרענגן סעקטאַנט. אַטדער וואונ־דערליכער מענש שטייט אין צענטר פון זיין עפּאָכע, נישט זייענדיג כמעט באַהעפט מיט וועלכע עס איז פון אירע פילע שוואַכקייטן. אין דער ווילע פונם פויפּסטליכן באַנקיר, וואו עס איז געוועזן ראַ־פאַעל און וואו עס זיינען געגעבן געוואָרן בעלער, אויף וועלכע מען האָט די גאָלדענע טעלער און שיסלען געוואָרפן אין טיבר אריין, נאָכדעם ווי די מאַלצייטן האָבן זיך געענדיגט, אויף אַטדי קיניגליכע און פאַרשווענדערישע בעלער וואָלט אומזיסט געוועזן צו זוכן מיכאַל־אַנדזשעלאָ.

צווישן די העלדן פון קונסט פון דער רענעסאַנסצייט, זיינען פאַרהאַנען גליקליכע, וואָס האָבן אָפּגעלעבט די שטורמישע, פול מיט

ווילדע געשעהענישן צייט אהן וועלכע עס איז אינערליכע סתירות· צווישן זיי און זייער עפאכע הערשט די פולסטע הארמאָניע· זיי טיילן אלע פעלערן, אלע זינד פון זייער עפאכע· מען זאל נאר א טראכט טאן וועגן דעם גאלדשמיד בענווענוטא טשעליני! וואס פאר א פרייליכע, זארגלאזע אוממאראלישקייט· פאר בענווענוטא טשע־ליני איז די הויפטזאך אין זיין לעבן געוועזן זיין קונסט· ער איז געוועזן פארליבט אין די פיגורן, וועלכע ער האט אויסגעגאסן פון בראָנזע, און אין די געניאלע פארצירונגען פון איידלסטע מעטאלן, וועלכע ער האט געמאכט אויף די וואזעס, זאלצפעסלעך און באקאלן· אלדאס איבעריגע טוט ער אפּ אזוי ווי כלאחר יד, פארבייגייענדיג· אבער אין דעם, וואס ער טוט אפּ, פארבייגייענדיג, שפּיגלט זיך אפּ אלץ, וואס פאראייביגט אים אזוי און מאכט אים אלס קינד פון זיין צייט· פארבייגייענדיג, מישט ער דיר זיך אריין אין אַ געשלעג, באקומט קלעפּ און גיט זיי אין א גרויסער מאס אויך אנדערע; פארבייגייענדיג, פארטיידיגט ער רוים, טויט מענשן, שטעכט, פּעכט· די שרעקליכסטע זאכן דערציילט טשעליני מיט דער נאאיווסטער אָפנקייט: ווי ער שלאגט זיין געליבטע, און ווי ער קען זיך אלץ נישט דערמאנען, וויפיל קינדער אייגנטליך ער האט· סוף כל סוף ווערט מען מיד, לייענענדיג אין זיין אווטאביאגראפיע וועגן זיינע אומצאליגע אוואנטיורעס, און מען פארגעסט דעם חשבון פון אלע געשלעגן, סקאנדאלן, אין וועלכע טשעליני האט אנטייל גענומען· אזוי האט זיך אפּגעלעבט דער געניאלער קינסטלער זיין זעהר לאנגן לעבן אהן וועלכע עס איז אינערליכע סתירות, אהן דער מלחמת־הנפש, אויף וועלכער עס איז אזוי אפּט פארמשפּט דער אמת גרויסער מענש· זיין פיגור האַלט זיך פעסט אין דער פילפארביגער, בלוטי־גער ראם פון יענער צייט, ווי די פיגור פון פיליפּאָ־ליפּי, וועלכער גנבעט ארויס א נאָנע פון קלויסטער· דאס זיינען אלץ העלדן פון באָקאַטשיאָס נאוועלן· וואס אנבאלאנגט ראַפאַעלן, שטעלט ער אונז זיך פאר אלס דער פריווילעגירטער פרינץ פון דעם

רענעסאנס· די נאטור האט אים געגעבן די שליחות שאפן גרויסע, אומפארגעסליכע ווערק אין זעהר א קורצער צייט, און אלס לוין פאר אזא קורצן לעבן (ראַפאַעֶל איז געשטארבן, זייענדיג ערשט 37 יאר אלט), האט זי אים געשענקט גאלדענע לאקן, א געטליכן שמייכל און א טאלענט צו פארצויבערן מענשן· דער ביטערער שטויב פון דאגות, זארגן, אינטריגעס פארוואלקנט ניט, פארשווארצט נישט זיינע טעג· ער איז גליקליך און ארומגערינגלט מיט אלעמענס ליבע און אויפמערקזאמקייט· אויף די הויכע ברעטער ביי דער ארבעט אין דער ווילע פון דעם פויפסטליכן באנקיר איז ער נישט אליין געווען· לעבן אים איז געזעסן זיין געליבטע· וועגן דעם האבן שוין געזארגט זיינע פריינד, וועלכע האבן געוואוסט, ווי שווער אים איז אפילו אויף א קורצער ווײַלע זיין געשיידט פון זיין געליבטער· ראַפאַעֶל האט אויסגעקליבן דעם בעסטן, זיסטן האָניג פון די רענעסאנס־בלומען און ער האט פשוט נישט געהאט די מעגליכקייט, עס האט אים קיין צייט נישט געקלעקט אין דעם זיסן טומל, צווישן דער באגייסטערונג, מיט וועלכער מען האט זיך באצויגן צו זיין קונסט, צווישן דער ליבע און אנערקענונג, וואס מען האט אים באוויזן, צו מערקן, אז אין דעם פרעכטיגן רענעסאנסגאָרטן זיינען דא זעהר פיל פארגיפטעטע בלומען··· און ליאָנארדא דאַ ווינטשי? ער איז געשטאנען העכער פון זיין עפאכע, זי אזוי ווי נישט געמערקט און פולקום איגנארירט· ער גייט ארומגערינגלט מיט א גאנצער סוויטע איבער די שטעט פון איטאליע ווי א חשובער אויסלענדער: אטדער גאנצער לאָקאַלער פאטריאָטיזם פון א פלארענציע, באָלאָניא, פיזאַ אינטערעסירט אים נישט· צו די הויכקייטן, וואו עס שוועבט זיין גייסט דערגרייכט נישט דער טומל פון די גאַסן און דאס שטענדיגע קריגן זיך פון איין שטאט מיט דער צווייטער· אומעטום, וואו עס לאזן זיך נאר אנווענדן זיינע פלענער, נישט נאר קינסטלערישע, נאר פארשיידענע ארכיטעקטארישע, און פלענער וועגן פולקומער באוועסערונג, וועגן באפעסטיגן שטעט, איז זיך זיין געני גרייט זיך

אראפצולאזן, און עס ארט אים בכלל נישט, אז די נייע באפעסטי־גונג ווערט אויסגעפירט, כדי בעסער מלחמות צו פירן קעגן זיין אייגענער שטאט. אבער ווען איטאליע הערט אים אויף צו געפעלן, ווען ער פילט זיך באליידיגט, פארט ער אוועק קיין פראנקרייך! און שטארבט דארטן אויף די הענט פון א פרעמדן קיניג... א קאל־טער, אונדורכדרינגליכער, שווייגנדיגער געני, וואס באשעפטיגט זיך מיט שטודירן דאס פליהען פון די פויגלען און מיט בויען א לופט־מאשין, א גלייכגילטיגער און איינזאם שטאלצער, אזוי שטעלט זיך פאר ליאָנארדא דאַ ווינטשי. זיין נשמה האט ער קיינעם נישט אנטפלעקט.

ווי אנדערש איז מיכאל־אנדזשעלאָ, וועלכער קאנטראסט צו אלע איבעריגע. ער מאכט דעם איינדרוק פון א מענש, וואס האט זיך אליין איינגעשפאנט, אום צו שלעפן גוואלדיגסטע משאות, זייענדיג אבער גלייכצייטיג אויך געפלאגט, צעריסן פון די ביטערסטע פסיכישע קאנפליקטן. זיין ארבעטסקראפט האט נישט זיין גלייכן, ער ארבעט שטענדיג אהן אויפהער ביז דעם לעצטן טאג פון זיין לאנגן לעבן. ער פירט א אויסערסט שפארזאמען לעבן, וואס גרעניצט שוין מיט אסקעטיזם, יעדע קליינינגקייט, וואס ער גיט אויס פון זיין געלט, פארשרייבט ער גענוי אין דעם קאסע־ביכל, און אין די בריוו צו זיינע קרבים האט ער ליב אפט צו נעמען דעם טאן פון א מענש, וואס איז א גרויסער מבין אין פראקטישע זאכן. דורך זיין שטענדיגן פארהאַוועט זיין, דורך דעם שטענדיגן זיך אייג־שפאנען, מערקן די ארומיגע ווייניג אדער כמעט גאר ניט פון דער טיפער זיילישער דראמע, וואס נאגט אים, די דראמע, וועלכע האט ארויפגעלייגט אויף מיכאל־אנדזשעלאָ די חתימה פון אנגעשטרענגטן טרויער און מרה־שחורה. עס פארשטייט זיך: סתם נישט צו מערקן דאס משונהדיגע אין איהם, דאס מאדנע און באזונדערע, האבן זיי נישט געקענט, אלעמען איז געווען באוואוסט די גרייצטקייט מיכאל־אנדזשעלאָס, אלע האבן געוואוסט, אז פון אים איז לייכט צו

ווארטן א בייזן ענטפער, ווי נאר ער האט זיך דערפילט אויף דאס קליינסטע באליידיגט. פאר נארישע, אומפאסנדיגע באמערקונגען וועגן קונסט פון עם־הארצים און דילעטאנטן איז זיין אויער בכלל נישט געווען צוגעפאסט, און ביי אזא פאל האט דער העכסטער נאמען נישט געהאלפן און נישט געקאנט באווארענען פון א בייז־סארקאסטישער באמערקונג מיכאל־אנדזשעלאָס. פיעראָ סאָדעריני, נישט קוקנדיג אויף זיין כבוד און הויכן טיטל (דער גאָנפאַלאָניער פון פלארענציע) וועט באגעגנען פונקט אזוי ווייניג העפליכקייט, ווי יענער נייגעריגער בירגער פון באָלאָניא, וואס האט ניט אנדערש געוואלט וויסן, אויב די בראנזענע פיגור פון יוליוס דעם II, וועלכע ער האט געמאכט, איז העכער פון א אָקס. «עס הענגט אפ, האט געענטפערט מיכאל־אנדזשעלאָ, פון דעם, וועלכע אָקסן איר מיינט; באָלאניער אָקסן זיינען גרעסער».

א שווערער, כמורער מענש! אזוי האט מען וועגן אים גערעדט, נאר אריינדרינגנדיג טיפער אין זיין נשמה, צו דעם זיינען געווען אומפעהיג די מענשן פון יענער צייט, צו הארמאניש, צו גאנץ, צו אַמאָראליש, צו געזונט זיינען זיי געווען, אום צו פארשטיין די קראנקע נשמה פון א מיכאל־אנדזשעלאָ. דער פויפסט לעא דער X האט פשוט מורא געהאט פאר אים, און אזוי האט ער טאקע אויך ערקלערט, אז מיכאל־אנדזשעלאָ איז א ווילדער מענש און עס איז אוממעגליך מיט אים צו האבן צו טאן.

יא, ווי א נישט צוגעפאסטע, ווילדע חיה קומט ער אונז פאר אין פארגלייך מיט אלע אנדערע קינסטלער פון יענער צייט, וועלכע האבן זיך גאר גוט געפילט אין די גאלדענע שטייגלעך, וועמענס אינערליכע וועלט האט זיך אויסגעשעפט אין דער ליבע צו זייער קונסט און אין דער פרייד, ווען דער הערצאג אדער דער פויפסט האט א פריינדליכן פנים באוויזן און עטליכע גוטע ווערטער געזאגט. זיי אלע זיינען סוף כל סוף געניאלע קינדער, אינדערצייט ווען מיכאל־אנדזשעלאָ איז אַ פערזענליכקייט, א גרויסער מענש.

«מיכאל־אנדזשעלאָ איז אומגערעכט ־ האט זיך איין מאל גע־קלאגט דער פויפסט קלעמענס דער VII ־ איך האב אים קיין שלעכטס ניט געטאָן».

פונקט ווי דאס אליין איז נאר וויכטיג! אים פערזענליך האט ער, אמת, קיין שלעכטס ניט געטאָן, אבער אדאנק די אינטריגעס פון אט־דעם פויפסט האט זיין שטאט פלארענציע פארלארן די פרייהייט, און דאס האט מיכאל־אנדזשעלאָ אזוי לייכט ניט געקענט פארגעסן. מיר ווייסן, אין וואס פאר א טרויער עס האט אים געבראכט דער אומגליקליכער גורל פון זיין לאנד. דעם טרויער האט ער אויסגע־גאסן אין זיינע סאנעטן און אויסגעדריקט אין די עטליכע טיף מעלאנכאלישע שורות, וועלכע האָבן געזאלט דינען אלס ענטפער אויף דעם שיר, וואס איינער האט אויפגעשריבן אויף מיכאל־אנדזשעלאָס סטאטוע «די נאכט». דער אַווטאָר פון דעם שיר צע־גייט זיך אין קאפלימענטן און פארזיכערט, אז די סטאטוע לעבט, זי איז נאר איינגעשלאפן, און, אז מען וועט זי אויפוועקן, וועט זי אנ־פאנגען צו ריידן. אויף דעם ענטפערט מיכאל־אנדזשעלאָ ־ און וויפיל טרויער איז אין דעם ענטפער פארהאנען!

«ליב איז מיר דער שלאָף, בפרט ווען איך בין פון שטיין, אינ־דערצייט ווען ארום הערשט בזיון; נישט זעהען, נישט הערן, אט איז א גליקליכער גורל. דעריבער וועק מיך נישט, איך בעט דיך, רעד שטילער!»

עס איז ביז גאר אינטערעסאנט צוצוקוקן זיך צו די באציהונגען פון די בני־דורו צו מיכאל־אנדזשעלאָ. עס הערשט א גוואלדיגע אומבאהאלפנקייט, זיי ווייסן ניט, ווי צו אים צוצוקומען, ווי זיך מיט אים באגיין, און אזוי האבן זיי טאקע גאר נישט פארשטאנען זיין גייסטיגע פערזענליכקייט און האבן נאר באשלאסן: «וואס זאל מען טאן, פון א קאפריזנעם געני קומט שוין אויס הערן אמאל א בייז ווארט אויך, מען דארף עס מיט ליבע אָננעמען», און זיי האבן געזעהען ארומצורינגלען אים מיט ווארימקייט. עס עקסיסטירט א

בריוו׳ ספעציעל אנגעשטעלט דורך די פריינד פון מיכאל־אנדזשעלאָ׳ כדי זיין אינהאלט זאל דערגרייכן צום פויפסט׳ א בריוו׳ וואס שיל־דערט די טרויעריגע לאגע פון דעם געניאלן קינסטלער׳

«אזויווי מיכאל־אנדזשעלאָ ־ ווערט אין יענעם בריוו געזאגט ־ האט אונז אויסגעזעהען זעהר אפגעמאגערט׳ האבן מיר אפט וועגן דעם גערעדט׳ איך׳ בוזשארדיני און מינו׳ און מיר זיינען געקומען צו דעם באשלוס׳ אז פון מיכאל־אנדזשעלאָ וועט באלד א סוף ווערן׳ אויב מען וועט עפעס נישט טאָן׳ ער ארבעט זעהר פיל׳ עסט שלעכט און ווייניג׳ נאך ווייניגער שלאָפט ער׳ און אט שוין א חודש׳ אז ער ליידט שטארק פון ריימאטיס׳ קאפווייהטאג און קאפ־שווינדל׳ ׳ ׳»

«צוויי קראנקהייטן מאטערן אים׳ ענדיגט זיך דער בריוו׳ די קראנקהייט פון קאפ און די קראנקהייט פון הארץ׳ אוןביידע קראנקהייטן קען מען אויסהיילן׳»

עס ווערט דאן געגעבן אנגעוויזן׳ וויאזוי די קראנקהייטן צו היילן׳ די ערשטע׳ די קאפקראנקהייט וועט אויסגעהיילט ווערן׳ ווען מען וועט אים פארווערן צו ארבעטן אין דעם אויסערסט שעדליכן פאר זיין געזונט רוים׳ און זיין הארצקראנקהייט קען מען לינדערן׳ ווען מען וועט אים העלפן׳ ווי עס איז באפרייען זיך פון דעם קאנטראקט מיט דעם אורבינער הערצאג; אטדער אומגליקליכער קאנטראקט׳ וועגן פארענדיגן די מצבה פון יוליוס דעם II-טן׳ וואס דריקט אזוי זיין גע־מיט; א מתנה פון צענטויזנט סקודי קען די זאך אין ארדנונג ברענגען׳

פון די פריינדס צד איז עס געוויס שיין און רירנד׳ וואס זיי דאגהן אזוי וועגן מיכאל־אנדזשעלאָ׳ וועלכער איז שוין אַלט׳ אבער צי זיינען זיי זיכער׳ אז דורך די אנגעוויזענע מיטלען וועט זיך זיי איינגעבן היילן זיין קראנקע הארץ? ווייסן דען אטדי בלינדע דעם וועג צו דער קראנקער נשמה פון מיכאל־אנדזשעלאָ? און צו איז נישט באשערט אטדער היכער׳ ערהאבענער נשמה שטענדיג בלייבן איינזאם?

וואס איז די סיבה פון מיכאל־אנדזשעלאָס איינזאמקייט?

II

נישט דער קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען אין נאָז אין די יונגע יאָרן פון זיין חבר טאָרידזשיאַנא, און וואָס האָט אַביסל העסליך געמאַכט זיין געזיכט (דער גוטער אַסקאַניאָ קאָנדיווי, ריידנדיג וועגן דעם פאַקט באַמערקט: טאָרידזשיאַנא האָט, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון פלאָרענציע, אַגב, זעהר שלעכט זיין לעבן געענדיגט) איז שולדיג אין זיין איינזאַמקייט און אין דעם, וואָס ער פלעגט אַ שטייגער אַנטלויפן פון מענשן, ניין, אַ טיפערער, אינערליכער קאָנפליקט האָט אים געמאַכט פאַר אַ נישט צוגעפּאַסטן צו דער געזעלשאַפט.

«צוויי זעלען וואָהנען, אַך, אין מיינער ברוסט» האָט געקענט וועגן זיך זאָגן מיכאל־אַנדזשעלאָ. איין נשמה האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן אין זיך די אָפּקלאַנגען פון די הייסע דרשות, וועלכע דער עקסאַלטירטער, פאַנאַטישער מאָנאַך סאַוואָנאַראָלא האָט געהאַלטן קעגן דעם זינדיגן רענעסאַנס, אינדערצייט ווען די צווייטע נשמה האָט זיך געריסן וואָס מער אויף וואָס מער צו שאַפן. יעדער שטיק מאַרמאָר איז געווען די איינגעשלאָפענע וועלט, וועלכע דער געני פון מיכאל־אַנדזשעלאָ איז פאַרפליכטעט געווען אויפוועקן צום לעבן. וואָלט אים די נאַטור באַשאָנקען נאָר מיט דעם שטרענגן שטריך פון אַסקעטיזם און מיט דער נטיה צו איינזאַמע געדאַנקען וועגן גאָט, אומשטערבליכקייט, וואָלט ער געווען צווישן די תלמידים פון דעם פערראַרער מאָנאַך, און נאָך דעם מאַרטירערטויט פון דעם לעצטן אַ אַקטיווער מיטגליד פון די פּיאַניאָנען (אַזוי האָבן אין פלאָרענץ געהייסן די אָנהענגער פון סאַוואָנאַראָלא). נאָר אים איז געגעבן געוואָרן דער געניאַלער כוח פאַרקערפּערן אין פאַרבן גרויסע אידעעס און שאַפן אין מאַרמאָר אומפאַרגעסליכע געשטאַלטן, און די קראַפט איז אים געגעבן געוואָרן אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז נישט אויסניצן, נישט אויסדריקן וואָלט פאַר אים פשוט געווען אוממעגליך.

דאס איז נישט די שטילע לעמפּעלע פון דעם ברודער דזשיאָוואני דאַ פיאָזאלע, וועלכער האט אין זיין פרוש־צימערל אין דער רוה פון הייליגן לעבן געמאָלט זיינע רעליגיעזע בילדער, לעבנדיג אין פולן שלום מיט זיך און מיט גאָט. דאס איז נישט די שיינע ראמאנטיק פון באָטיטשעלי און אויך נישט די רירנדע טריישאפט צו גאט פון פראַ באַרטאָלאָמעאָ, וועלכער האט פארברענט זיינע מאלערייען אין יענע טעג, ווען גאנץ פלארענציע, עלעקטריזירט דורך די רעדן פון סאַוואָנאַראָלא, איז געווען אזוי ווי משוגע און אין א אומ־באשרייבליכן עקסטאז פון תשובה טאָן. ניין! מיכאל־אנדזשעלאָ איז א געני און דארף דערגרייכן די הויכקייט פון דעם ערשטן סקולפּטאר פון איטאליע. נאך כבוד יאָגט ער זיך נישט און קיינעם וועט ער אויך ניט חנפנען, אבער ער איז זעהר אייפערזיכטיג און זיינס וועט ער נישט דורכלאזן. עס איז נישט פארהאנען קיין איין גרויסער געדאנק, וואס דער מארמאר זאל נישט האלטן אין זיך פארבארגן, זאגט מיכאל־אנדזשעלאָ. און אט זעהען מיר אים, בלאנדזשענדיג איבער די מארמארפעלדער פון קאַראַראַ, כדי די גרויסע געדאנקען איבערגעבן דער וועלט, כדי טרעפן די גרויסע סודות. אין דעם שאָטן פון די בוימער פון די קלויסטערס קען ער נישט לעבן, אויף זיינע פּלייצעס ליגן צופיל התחייבותן פון א שאפנדן גייסט. אין דעם פרוש־צימערל וועט זיך זיין געני געענג ארט ניט קענען געפינען, דערצו איז זיין «דוד», זיין «משה», ווי בכלל אלע זיינע פיגורן, צו גרויס. וואס זשע וועט ער טאָן? ער וועט מאכן פון זיין ווארשטאט א פרוש־צימערל, ער וועט לעבן כמעט ווי א נזיר אהן די פריידן פון ליבע, ער וועט אומגעוואוינליך פיל ארבעטן, ערלויבנדיג זיך רוה נאר, כדי אין סאָנעטן אויסגיסן, אויסדריקן אלץ, וואס האט זיך אנגעקליבן אין זיין פארטרויערטער נשמה. פארטרויערט דערפאר, ווייל נישט קענענדיג נישט ארבעטן פאר זיין צייט, נישט קענענדיג ניט זיין דער גרעסטער אויסדריקער פון דער רענעסאנספּאכע אין פארבן און מארמאר, האט ער פאר־

איינס דאך ניט געקענט נישט פילן, אז ער שטייט אזוי ווי דרויסן פון זיין צייט. מיכאל־אנדזשעלאָ איז געוועזן א צו גרויסער מאָראַ־ליסט פאר דעם אוממאראלישן רענעסאנס, צופיל פילאסאף פאר זיינע בכלל נישט פילאסאפישע מיטברידער. און צו אפט זיינען פאר אים געשטאנען די שטרענגע, מוסר זאגנדיגע געשטאלטן פון דאַנטע און סאַוואָנאַראָלא. ער איז דער געני, וואס דער גורל האט געשיקט איטאליע אויסצופילן די ארויפגעלייגטע אויף אים גרויסע שעפפע־רישע התחייבות. נאר נישט זעלטן הערן מיר פון אים ווערטער, וועלכע זאגן אונז, אז א גאנץ אנדערע וועלט האט זיך פאר אים אפט אנטפלעקט, און אז פון שטאנדפונקט פון אטדער אנדערער וועלט, האט איטאליע געמוזט אויסזעהען ווי א לאנד, וואס איז פארזונקען אין זינד.

נאך דער מיינונג פון דעם פויפסט יוליוס דעם II־טן האט די פיגורן אויף די פרעסקעס אין דער סיקסטינישער קאפעלע געפעלט פראַכט, רייכקייט. ער וואלט וועלן, מען זאל זיי צוגעבן אביסל מער גאָלד, אגיט וועט דאס אלץ צו ארעם אויסזעהען.

«אבער די, וואס זיינען דא געמאלט, זענען דאך טאקע געוועזן ארעמע מענשן» – האט ברוגז געענטפערט מיכאל־אנדזשעלאָ, און אין דעם ענטפער איז געווען דער טאַדל פון א פיאַגיאָנע. ער האט פארבארגן אין זיך, דער שנעל געגעבענער ענטפער, א שארפן, טיפן פראָטעסט קעגן דער קיניגליכער פראכט, קעגן דעם אומגעוואוינליכן לוקסוס פון די דינער פון דער הייליגער קירך. יענע פראכט און יענער לוקסוס, קעגן וועלכע עס האט מיט אזא פייער גערעדט סאַוואָנאַראָלא, און וועלכע האט ארויסגערופן די גרויסע באוועגונג פון דער רעפארמאַציע. און דאס אלץ, וואס סאַוואָנאַראָלא האט גערעדט, אלע ליידן פון גיהינם, וואס ער האט אויסגעמאלט פאר זיינע באגייסטערטע צוהערערס, האט זיין פאר־בארגענער תלמיד מיכאל־אַנדזשעלאָ, אזוי נאהענט צו אים מיט דעם גייסט, אבער טראגיש צעשפאלטן, מיט די צוויי נשמות אין איין

ברוסט, דערנאך פארקערפערט אין זיין «לעצטן יום הדין». אין דעם כעס, מיט וועלכן די מלאכים שליידערן צוריק אין גיהינם יענע אומגליקליכע זינדיגער, וואס וואלטן זיך אויך וועלן דורכרייסן צו דער זעליגקייט און צום אייביגן, גאלדענעם שלום, אין אטדעם כעס באמערקט זיך דער פאנאטישער סעקטאנט. מיכאל־אנדזשעלאָ פלעגט אננעמען באשטעלונגען פון די פויפסטן, הערצאגן, נאר צווישן דעם עולם מאלערס, סקולפטארן, ארכיטעקטאָרן, וואס האבן אנגעפילט די זאלן פון די שטארקע און מעכטיגע פון דער וועלט, האט מען אים נישט געקענט טרעפן. מען דארף נאר אין זינען האבן דאס רייכע, לוקסוסדיגע לעבן פון טיציאַנען, סעבאסטיאנא דעל פּאָמביאָ, און דערנאך לייענען דעם בריוו פון מיכאל־אנדזשעלאָ צו זיין פלעמעניק ליאָנארדאָ:

«ליאָנארדאָ! דו שרייבסט מיר אין דיין בריוו, איך זאל דיר מודיע זיין, אויב איך באדארף א דינער אדער וועמען עס איז, ווער זאל אויף מיר אכטונג געבן. איך ערקלער דיר, אז איך באדארף איצט קיין זאך ניט, ווייל איך האב צוויי דינער, וועלכע קלעקן מיר פולקום».

אטדי דינער איז באזונדערס לייכט געווען צו באדינען זייער אלטן הערן, ווייל ער האט כמעט נישט געהאט קיין באדערפעונישן, און זיין אַרט לעבן איז געווען א אסקעטישער.

«איך וואלט זעהר וועלן — שרייבט ער א צווייטן מאל צו דעמ־זעלביגן ליאָנארדאָ — אז, אויב דו וועסט זיך דערוויסן וועגן א גרויסער נויט פון וועלכן עס איז פּאָרנעמען בירגער, איבערהויפּט פון אזעלכן, וועלכער האט דערוואקסענע טעכטער אין הויז, זאלסטו מיר וועגן דעם מודיע זיין, ווייל איך וואלט זעהר וועלן עפּעס טאָן פאר מיין נשמה.»

און די נשמה פון מיכאל־אנדזשעלאָ געפינט זיך שטענדיג אין אומרוה און אין טיפער בענקשאפט. ער טראכט אפט וועגן טויט. איבער די טרעפּ פון זיין הויז איז געווען אויף דער וואנט אויס־

געמאלט דער טויט אין דער געשטאלט פון א סקעלעט׳ מיט א שווארצן ארון אויף דער פלייצע׳ פאלגנדע ווערטער זיינען גע־ ווען אנגעשריבן אונטער דער צייכענונג׳

«איר׳ וואס האט זיך ערדישע ענינים איבערגעגעבן׳ הערט׳ וואס איך וועל אייך זאגן: אמאל וועט אייך פאר דעם גוף און פאר דער נשמה׳ וואס איר האט אים צום קרבן געבראכט׳ דער שווארצער ארון׳ וואס איך טראג׳ געגעבן ווערן» (גרים׳ דאס לעבן פון מיכאל־ אנדזשעלאָ)׳ מיכאל־אנדזשעלאָ האלט זיך פאר א זינדיגער׳ אים וואס האט געלעבט ווי א נזיר׳ האט זיך נישט אויפגעהערט צו דוכטן׳ אז «זיין גייסט איז ווייניג פארזונקען אין דאס געטליכע׳ און אז אין אלע אוועקפליהענדיגע יארן האט ער זיך מיט צו גרויסער התמדה צוגעהערט צו די שיינע מעשהלעך פון דער וועלט און נאכ־ געגאנגען נאָך דעם צויבער פון זינד»׳

דער מעלאנכאלישער כאראקטער פון זיין איינזאמער נשמה גע־ פינט דעם אויסדרוק אין זיינע סאָנעטן׳ מיר זעהען אין זיי דעם איינזאמען זקן׳ וועלכן די בארימטקייט פון זיין געני און די ראלע פון א פארדינטן פאטריארך אין דער קונסט פארשאפט נישט דעם טרייסט און דעם אינערליכן פרידן׳ אין א זעהר מרה־שחורהדיגן שיר שילדערט ער זיך ווי א קראנקן׳ צעבראכענעם זקן׳ און ער זאגט׳ אז׳ ווען ער קוקט זיך ארום׳ באטראכט זיין פארגאנגענהייט׳ דוכטן זיך אים אויס אלע זיינע סטאטועס׳ צייכענונגען׳ בילדער׳ ווי ליאלקעס׳ ווי געצלעך׳ ער זעהט זיך ענליך צו א מענש׳ וועלכער איז בשלום אריבערגעשוואומען דעם אקעאן׳ כדי דערנאך דערטרונקען און פארזונקען ווערן אין בלאָטע׳ ארעם׳ קראנק און הילפלאז׳ ווינשט ער נאר איין זאך: דעם טויט׳ ער דארשט נאך אים׳ ווארום פאר אים׳ דעם טיף גלויבנדיגן׳ איז דער טויט נישט דער סוף׳ נאר דער אנפאנג פון א נייעם לעבן׳ דער לעצטער טאג איז פאראיינס אויך דער ערשטער׳ בפרט נאך׳ ווען קיין זאך אין לעבן האלט אים שוין מער נישט אויף׳ דער פאטער׳ די ברידער זיינען שוין גע־

שטארבן· דעם פלעמעניק ליאָנארדאָ· וועגן וועלכן ער האט גע־זאָרגט· ווי וועגן א אייגענעם קינד· וועט בלייבן דאס קליינע פאר־מעגן· וואס ער האט אפגעשפּאָרט· און דער גרויסער פריינד זיינער· די· וועלכע האט זיין עלטער באשיינט מיט איר ערהאבנקייט· מיט איר קלוגקייט· מיט דער הויכקייט פון איר נאטור· וועלכע האט אים· דעם אלטן· מרה־שחורהדיגן געקענט פארוואנדלען אין א וייכן· צארטן מענש· וואס האט נאר געוואַרט אויף א באפעל ־ וויטאָריאַ קאָלאָנאַ· די געטליכע מארקיזע· איז שוין ניטאָ מער צווישן די לעבעדיגע·

דער פעריאָד פון מיכאל־אנדזשעלאָס באקאנטשאפט און פריינד־שאפט מיט וויטאָריאַ קאָלאָנאַ (לויט גרים· האט זיך די פריינדשאפט אנגעהייבן אין יאר 1536)· וועלכע האט געדויערט ביז איר טויט אין 1547· דארף גערעכנט ווערן פאר דעם איינציגן גליקליכן אין זיין לעבן· דאס פינסטערע און איינזאמע לעבן אהן פרייד· אהן אינטימ־קייט איז בעלויכטן געווארן דורך דעם אינהאלט פון א צארטער און ריינדיגער פריינדשאפט· שוין זייענדיג אַלט· האט ער זיך באגעגנט מיט דער איידעלער מארקיזע· יינגער פון אים אין יארן· אבער לאנג שוין געזעגנט זיך מיט די פריידן פונם לעבן· לעבט זי נאר אין די זכרונות וועגן איר גרויסן מאן; און דער גלויבן· אז זי וועט זיך מיט אים באגעגענען אין דער אנדערער· אייביגער און אמתער וועלט· לייגט א חתימה פון א באזונדערער· ערהאבענער פארטראכטקייט· פארקלערטקייט אויף איר געשטאלט· און מיט דערזעלביגער פאר־טראכטקייט און שטילן אומעט זיינען אויך דורכגעדרונגען אירע לידער· וועלכע האבן געהאט אזא ערפאלג אין רוים· איר לעבן האט נישט געקענט גערעכנט ווערן פאר גליקליך· עס איז דורך אין אומזיסטע פארלאנגען און אין נישט ערפילטע האפענונגען· אבער· נישט קוקנדיג אויף די אריבערגעטראגענע ליידן· ליגן אויף דעם גרונט פון דער נשמה פון אטדער איידעלער פרוי נישט שווערע שטיינער· נאר לייכטנדיגע דימענטן· אין מיכאל־אנדזשעלאָ שעצט זי נישט

נאר דעם גרעסטן קינסטלער פון איטאליע (אין דעם וואלט ניט געוועזן א באזונדערער זכות), נאר דעם מענש מיט די גרויסע אוצרות פון נישט אויסגעגעבענער צערטליכקייט און ליבע. איר האט, ווי עס ווייזט אויס, פארשאפט א באזונדערן פארגניגן אויפמונטערן, אויפטרייסלען דעם בער, וואס איז פארפרארן אין דער קעלט פון איינזאמקייט, זעהענדיג, ווי ער, וואס האט געשראקן אפילו די פויפסטן מיט זיין מרה־שחורה, מיט זיין שטרענגקייט און ברוגזדיגן וועזן, קען איר נישט אפזאגן אין וועלכער עס איז ביטע. זי האט איבער אים א גרויסע מאכט, אבער זי ניצט עס אויס נאר אין דער מאס, אויף וויפיל ער אליין זעהט אין דעם פאר זיך דאס העכסטע גליק און צויבער, זי שעצט אין אים אויך דעם חכם, דעם פילא־סאף און דעם פריינד פון אירע חלומות.

ענדליך איז דא א מענש, פאר וועלכען ער קען ריידן, וועמען ער קען פערטרויען זיינע פערבארגנסטע געדאנקען. אָ! ער האט צו פיל געשוויגן אין זיין לעבן. די מענשן האבן זיך באגייסטערט מיט זיינע בילדער, דער עולם איז געלאפן אין דער קירך, אום צו זעהען זיינע פאר־ענדיגטע מאלערייען, אבער, וואס מיכאל־אנדזשעלאָ טראכט, דענקט, מיט וואס זיין נשמה איז באשעפטיגט, אינטערעסירט קיינעם ניט. ביי דעם פרעכטיגן לוקסוס־טיש פונם פויפסט אדער הערצאג וואלט מיכאל־אנדזשעלאָ נישט אויסדערציילט דאס, וואס באשעפטיגט זיין גייסט, ווארים מיט אנדערע טעמעס זיינען דאן געוועזן אנגעפילט די קעפ פון די הערשערס, די גרויסע ווי די קליינע, מיט דער גאנצער משפחה טעלערלעקערס און חנפניקעס. וואס איז שייך די ברידער קינסטלער, האבן זיי פארגעשטעלט נאר א צעך פון געניאלע מייסטערס, אפילו די פון זיי מיט כשרע הערצער, די, וועלכע האבן זיך נישט באשעפטיגט מיט אינטריגעס און ארויסכאפן איינער פון דעם אנדערן באשטעלונגען, אפילו די זיינען געוועזן פארטאן נאר אין זייער קונסט, און דאס גרעסטע, אויף וואס זיי זיינען געוועזן פעהיג, איז צוצוהערן שמועסן וועגן קונסט. די קרובים זיינע

האבן געוויס אים אויף זייער אופן ליב געהאט, אבער דאך איז ער פאר זיי געוועזן הויפטזעכליך א קוואל, פון וועלכן זיי האבן גע־קענט אין א שווערער שעה שעפן די דוקאטן. און אזוי האט זיך מיכאל־אנדזשעלאָ געלעבט אליין אין זיין אומגעמיטליכן הויז, מיט זיין דינער אורבינא, א אנגעלאדענער מיט אוצרות פון נישט ארויס־געזאגטע געדאנקען און טרוימען. די איידעלע מארקיזע וויטאָריאַ קאָלאָנאַ האט אויפגעעפנט אטדעם אוצר. די לאנגע שעהן, וועלכע מיכאל־אנדזשעלאָ האט ביי איר פארבראכט אין שטילע שמועסן וועגן ערהאבענע און געטליכע ענינים, זיינען געוועזן פאר אים דאס ליכט און די ווארעמקייט, ארום וועלכע עס האט זיך געווארעמט זיין נשמה, וואס האט אזוי שטארק געליטן פון קעלט. צווישן פאר־שיידענע מעשות וועגן דער פריינדשאפט פון גרויסע מענשן איז שווער צו געפינען שענערס און רירענדערס, ווי די פריינדשאפט פון מיכאל־אנדזשעלאָ צו דער מארקיזע וויטאָריאַ קאָלאָנאַ. גאָבינא איז איינגעפאלן א קלוגער רעיון, און אסך איידעלן געשמאק האט ער באוויזן, וואס ער האט זיין געניאלע סימפאניע פון רענעסאנס פארענדיגט מיט דעם טיפן און שטילן אקארד פון פריינדשאפט צווישן דעם גרויסן מאעסטרא און דער איידעלער מארקיזע.

מיכאל־אנדזשעלאָ קומט צו גיין צו זיין פריינדין אין דער בא־גלייטונג פון זיין דינער, ער איז שוין צו אַלט, אום צו גיין ביינאכט אליין, די מארקיזע האט עס אים שטרענג פארווערט.

«קומט אהער, זעצט זיך לעבן קאמין – זאגט די מארקיזע – אטדאָ ... אין אטדעם פאָטעל ... קאטערינאַ! – ווענדט זי זיך צו דער דינערין – קיין טריט ווייטער, איך וועל מיכאל־אנדזשעלאָ באדינען. אטאזוי, גוט! האלט אייערע פיס נעהנטער צום פייער».

מיכאל־אנדזשעלאָ גיט זיך אפ אונטער דעם שוץ פון אטדער צערטליכער אויפמערקזאמקייט און פאנגט אן צו ריידן. וועגן זיך, וועגן זיין וועלן שטארבן. ער בעט גאט, ער זאל אוועקרופן זיין דינער. נישט דער טויט, פילט ער, וועט קומען, נאר א נייער,

אנדערער לעבן. ער רעדט וועגן דער רוהי, וועגן דער מנוחה, וואס איז געקומען איבער אים, דערציילט וועגן זיין דור און וועגן דעם, אז ער האט געקענט דעם ברודער סאַוואָנאַראָלא, און אז אטדי גרויסע ערהאבענע געשטאלט איז קיינמאל נישט פארשוואונדן פון זיין זכרון. ער רעדט לאנג, פיל, ביז די מארקיזע באמערקט:

— איר זייט ערשעפּט, מיין פריינד, אייער קאפּ נייגט זיך.

מיכאל־אנדזשעלאָ. יאָ, איך בין מיד... איך וויל אייך פארלאזן... איך בין ניין און אַכציג יאר אלט, מארקיזע, און יעדע באוועגונג שטרענגט מיך אביסל אן; מיר האבן היינטיגן אוונט פון א סך ערנסטע זאכן גערעדט. לעבט וואויל!

די מארקיזע. ביז מארגן, ניט אמת?

מיכאל־אנדזשעלאָ. ביז מארגן... יאָ... אויב איך וועל נאך זיין אויף דער וועלט... און ווען איך וועל דאָ מער ניט זיין, דאן אויף ווידערזעהען, איידעלע פרוי.

די מארקיזע. לענט זיך אן אויף מיין אָרם... איך וויל אייך ביז אונטן צו די טרעפּ באגלייטן.

מיכאל־אנדזשעלאָ. איך בין מסכים צו אטדעם כבוד... איך נעם די ליבנסווירדיגקייט אן. מיר דוכט, אז היינט דארף איך עס וועלן. איך וויל אייך דאס לעצטעווארט זאגן...

די מארקיזע. און וואס, מיין פריינד?

מיכאל־אנדזשעלאָ. אייך, וועלכע איך האב אזוי ליב, אייך בענטש איך פון דער טיפקייט פון מיין הארצן... לעבט וואויל!

מיכאל־אנדזשעלאָ האט אבער איבערגעלעבט זיין פריינדין. איר טויט, ווי קאנדיווי דערציילט, האט אים געבראכט אין א צושטאנד פון פולשטענדיגער צעטראגנקייט, און ער איז ארומגעגאנגען, ווי א משוגענער. די סאנעטן אויף דעם טויט פון וויטאָריאַ קאָלאָנאַ, וואס זאגן עדות וועגן זיין שטארקן פאעטישן טאלאנט, דערציילן אונז זעהר קלאר, וואס פאר אים האט באטייט אטדי אומגעוואוינליכע פרוי, אויסגעצייכנט נישט נאר מיט קלוגקייט, נאר אויך מיט א

זעלטענער פאַרנעמקייט פונם כאַראַקטער. און, ווען דאס ליכט האט זיך אויסגעלאשן, האט מיכאל־אנדזשעלאָ, זייענדיג שוין זעהר אלט, נאך אלץ געאַרבעט און געוואַרט אויפן טויט; און צום פלעמעניק ליאָ־נאַרדאָ שרייבט ער, ער זאָל זיך נישט וואונדערן, וואס אויף אסך זיינע לעצטע בריוו האט ער נישט געענטפערט. עס איז אים שווער געוואָרן צו שרייבן. די האַנט האט זיך אפגעזאָגט צו דינען. ער בעט אנדערע עס צו טאָן און אליין שרייבט ער זיך נאָר אונטער.

דעם 18 פעברואר 1564 איז מיכאל־אנדזשעלאָ געשטאָרבן. זיין לעצטער וואונש איז געוועזן: מיין נשמה אין גאָטס הענט, דעם גוף דער ערד, און דאס, וואס איך האב פאַרמאָגט, מיינע קרובים. פלאָרענציע, וואס האט איר גרויסן זון נישט געזעהען אין משך פון דרייסיג יאָר (מיכאל־אנדזשעלאָ איז, נאָכדעם ווי זיין היימאט האט פאַרלאָרן די פרייהייט, געוועזן אין פרייוויליגן גלות), האט געוואָלט אים אומקערן צוריק כאָטש א טויטן. פאַרבאָרגענערהייט האט מען אוועקגעפירט זיין גוף פון רוים. וואַזאַרי באַשרייבט אויספירליך די פייערליכע לויה. א גרויסע צאָל קינסטלער, וואס האבן אַרומ־גערינגלט דעם אָרון, און מאַסן פון פלאָרענטינער בירגער זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דער פּראָצעסיע. און וואַזאַרי דערציילט ווייטער, אַז, נישט קוקנדיג אויף דעם, וואס עס איז שוין געוועזן פינף און צוואַנציג טעג נאָכן טויט, האט דער קערפער זיינער אויסגעזעהען אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט געשטאָרבן ערשט מיט עטליכע שעה צוריק...

בלעז פּאַסקאַל
שטיך פון ג. עדעלניק
(פאט. פ. ברוקמאן א.־ג., מיונכען)

בלעז פאַסקאַל.

איז אייך אויסגעקומען באטראכטן א מענש, וועלכער לאזט זיך פון בארג אראפ פארנאכט, ווען דאס לעצטע גאלד פונם הימל פארבלייכט, ווען די ריינע, דורכזיכטיגע לופט הייבט אויף די וועלן פון אומעטיגן Ave Maria און טראגט זיי פונאנדער איבער די טעלער, דורך די אפענע פענסטערס, וואס הערן זיך, דוכט זיך, איין אין דער פארנאכטיגער שטילקייט, און אין די נשמות, דורכגעדרונגענע מיט א אומערקלערליכער אומרוהיגקייט, וואס איז פול מיט טיפן, סודותדיגן אינהאלט . . . ווי שיין איז דעמאלט דאס געזיכט פון דעם מענש! מיט וועלכן באזונדערן, אומגעוואוינליכן גלאנץ לייכטן זיינע אויגן! וואס האט ארויסגערופן אטדי ענדערונג אויף דעם פנים פון דעם מענש, וואס לאזט זיך אראפ פון בארג? עס פאר־שטייט זיך, אז ניט נאר די ריינע, אפפרישנדיגע ווירקונג פון דער בארגיגער לופט, וואס נעמט אראפ פון אונז גאנצע משאות פון שמוץ און יענע העסליכע רעסטן פון דעם שטויב, וואס דרינגט דורך דעם גאנצן קערפער און מאכט שווער די נשמה, פון דעם שטויב, וואס איז אייגנטליך אונזער איינציגער שכר פאר יענעם קליינעם, נישטיגן טומל אויף די גאסן, וואס יעדער פון אונז, אנטלויפנדיג פון זיך אליין, פון זיינע אמתע התחייבותן בנוגע זיך, טראגט אריין אין דעם אלגעמיינעם גרויסן און ניט וויניגער נישטיגן טומל פון דער וועלט. ניין, ניט נאר די «פיזישע» תנאים אליין, וואס זיינען גורם א בעסערע און ריכטיגערע צירקולאציע פון אונזער בלוט, נאר די «מעטאפיזישע» מאמענטן, די ערשטע שוואכע סימנים פון דער «הייליגער קראנקהייט» (ווי הערקליט רופט אן די רעליגיע) האט

ארויסגערופן דעם שינוי אויף דעם פנים פון דעם מענש, ווען ער לאזט זיך פון בארג אראפּ. דער נייער גייסטיגער אויסדרוק האט אפּגעשטעלט אונזער אויפמערקזאמקייט. עס ליגט געוויס טיף אין אונז פארבארגן דאס באוואוסטזיין וועגן דער באזונדערער מיסיע פון דעם מענש, דאס באוואוסטזיין, אז ער איז ווערט, מען זאל אים רופן צו בעסערע, העכערע אויפגאבן, איידער די, וועלכע מיר פילן אויס. אבער די ערד האט אונז מיט שווערע קייטן צוגעבונדן צו זיך, האט געצוואונגען יעדן צו שפּילן א פרעמדע ראלע, און דער־צו נאך שפּילן מיט אַזאַרט, מיט א אומבאשרייבליכן ליארם, מיט אזא ליארם, אז די שטימען פון דער אנדערער וועלט, פון דער אמתער וועלט, פונוואנען מיר האבן זיך אליין ארויסגעטריבן, קענען אונז ניט דערגרייכן. אבער דער מענש האט געפּרובט עטליכע שעה אליין צו בלייבן מיט דער נאטור, ער איז אביסל העכער, ער איז הויך געשטיגן ... פון דארטן, פון יענער ריינער הויכקייט האט ער דערזעהען דעם ים פון נעפּל, וואס האט אונטן אין טאָל פארשטעלט דאס ליכט פון דער זון. און ער האט פארשטאנען, אז פונקט אזא נעפּל האט דער הימל ארויסגעצויגן אויך פון זיין נשמה. און דער מענש ווערט לאנגזאם, לאנגזאם ארומגענומען פון דעם געפיל פון טיפן טרויער וועגן זיין אייגענער אומפולקומענקייט און וועגן דער אומפולקומענקייט פונם לעבן בכלל. דאס זיינען אבער ניט די בלייערנע וואלקנס פון יאוש, נאר לייכטע וואלקנדלעך פון א עלעגישן שמאַרץ. דער שווערער פינסטערער פעסימיזם טראגט זיך דורך, ווי א שטורים, אין יענע אומגליקליכע מאמענטן, ווען עס איז ניטא, דוכט זיך, קיין אויסגאנג, ווען אלע וועגן זיינען פאר־מאכט. דער עלעגישער צער, פארקערט, זאגט גלייכצייטיג, אז, ווי שטארק די וואונד זאל ניט ווייהטאָן, איז זי דאך ניט געפערליך, ניט טויטליך. . . און צו הילף איילט שוין די האפענונג, אז הינטער דעם נעפל ליגט פארבארגן א אומגעוואוינליך שיינע וועלט . . . אטדי מישונג פון שטילן אומעט מיט אויפמונטערנדיגער האפענונג

שאפט יענע באזונדערע שטימונג, וועלכע מיר קענען באצייכענען, אלס א רעליגיעזע דערלעבונג. און ווען מיר פרעגן זיך דעריבער: וואס זשע איז דאס געווען אזוינס, וואס האט אזוי פאראיידלט דעם פנים פון דעם מענש, ווען ער גייט פארנאכט אַראָפּ פון א בארג, וועט אונז א אינווייניגסטע שטים געוויס זאגן, אז דאס איז ניט אנדערש, ווי דער אָטעם פון א מין רעליגיעזער אינטואיציע. נאך ניט קלאר באוואוסט, אבער פונדעסטוועגן פּאָרט פארהאנען, די רייצנדע אינטואיציע באשטייט טאקע דעריין, וואס א שיינער שטילער קלאנג ציטערט אין דער נשמה, און דאס באוואוסטזיין קען אים נאך קיין נאמען ניט געבן... אטדי וואונדערבארע שטימונג איז באוואוסט יעדערן פון אונז. געוואוינליך באצייכענען מיר אטדי שטימונג מיט דעם אויסדרוק «זיסער אומעט»; זי נעמט אונז כמעט שטענדיג ארום, ווען מיר גיבן זיך אפּ מיט דער באטראכטונג פון שיינקייט: מיט דעם אונטערגאנג פון דער זון, דעם פארקלערטן מורמלען פונם וואלד, דער אומענדליך אויסזעהענדיגער לענטע פון א שאסיי, אדער א געניאַלן קונסטווערק.

אבער אומעט באגלייט אויך יעדעס אמתע רעליגיעזע געפיל, ער איז איינער פון זיינע טיילן. אין עצם פון יעדער רעליגיע געפינט זיך באשטימט אויך דער עלעמענט פון ערהאבענעם פעסימיזם בנוגע דער וועלט. דער מענש, וועלכער איז קראנק געווארן מיט דער «הייליגער קראנקהייט רעליגיע», וועט אלעמאל פארוואונדערן די געזונטע מיט זיינע מאדנע אייגנטימליכקייטן, מיט דעם «טשי־קאווע־זיין», ער וועט פארוואונדערן, ווי אַ מענש, וואס פלוצלונג, אין מיטן דערינען, כלומרשט אהן וועלכער עס איז סיבה, הייבט ער זיך אויף פון טיש, וואס איז באדעקט מיט די בעסטע מאכלים און משקאות און גייט אוועק. אטדאס אוועקגיין, מחמת ס'איז אנגעווארן געווארן דער חשק, דעם טעם צו וואוילטאג און צו תענוגים פון דער נידעריגסטער מדרגה, מחמת ס'איז דערעסן געווארן די לאנגזאמע הארטנעקיגע איבערשאצונג פון כלומרשט אייביגע ווערטן, איז

געוועזן אלעמאל די ערשטע אינווייניגסטע גרונטליכע ארבעט פון אלע גרינדער פון רעליגיעזע און מאראלישע סיסטעמעס, און בכלל פון אלע טיף פילנדיגע, רעליגיעזע נאטורן. פון דעם לעבן ווערט אראפּ־גענומען דער פאלשער שלייער, א אומברחמנותדיגער אנאליז לאזט קיין זאַך ניט איבער פון די אלע אילוזיעס, צו וועלכע מיר האבן זיך צוגעבונדן. פאר אונז ווערט אויפגעשטעלט א שפיגל, וואס שפיגלט אפּ די גאנצע נישטיגקייט פון אונזערע טעגליכע תאוות, אונזערע זארגן, אונזער טומל. עס לאזט זיך אויס, אז אייגנטליך לויפן מיר גאר ניט צו דעם גליק, ווי מיר מיינען דאס שטענדיג, נאר מיר לויפן פון זיך אוועק. און דער טומל, מיט וועלכן מיר רינגלען זיך ארום, דער כלומרשט פריילעכער טומל, איז נאר א מיטל צו פארטויבן און איינצושטילן דאס געוויין פון דער נשמה, וואס ליידט אין דער ענגער וואַך און בעט זיך, מען זאל זי באפרייען. די שטילקייט איז אונזער גרעסטער שונא, ווייל דעמאלט זיינען מיר אליין, און פאר דאס האבן מיר מער פון אלץ מורא. די אומ־געוואוינליכע צאל פון די אונבאקוועמליכקייטן פונם לעבן, פון דאגות, צרות דינען אונז דעם גרעסטן דינסט, ווארום אדאנק זיי פארגעסן מיר זיך וועגן דעם גרעסערן אומגליק, וועגן דער גרעסטער צרה: אז אויף אונז ווארט דער תהום.

וועז דו וואלטסט א מלך ווערן, א הערשער פון דער וועלט,
פריי זיך ניט: נישטיג איז די גאנצע וועלט.
ווען דו ועסט די מאַכט איבער דער וועלט פארלירן,
טרויער ניט: נישטיג איז די גאנצע וועלט.
זאל די וועלט אונטערגיין מיט איר נחת און מיט איר צער,
וויין ניט, ווייל ניט: נישטיג איז די גאנצע וועלט.

אטדער בודיסטישער מאטיוו איז אין געוויסן זין אויך דער לייט־מאטיוו פון יעדער רעליגיע. די רעליגיע הייבט זיך אן מיט דער אפּ־לייקענונג, מיט דעם «ניין» בנוגע דעם כלומרשטן גליק, למען דעם אמתן גליק, דאס הייסט ליבע צו דעם מענש און צו גאט. דער

דאזיגער פּעסימיסטישער ניגון האט קיינמאל ניט אויפגעהערט· צי איז דען מעגליך בכלל אַ אינווייניגסטע רעליגיעזע באלויכטונג· ווען אפריהער טוט מען ניט ארײנקוקן אהן שרעק דעם אמת אין פּנים אריין? כמעט מיט אלע גרינדער פון רעליגיעס און מיט הייליגע איז שטענדיג פארבונדן די לעגענדע וועגן רייכע פּרינצן· וואס ליידן פון בענקשאפט מחמת זייער גייסטיגער און מאראלישער אומ־באפרידיגונג· און דערנאך· ווען עס האט דורכגעשיינט דאס באַ־וואוסטזיין וועגן דער נישטיגקייט פון עשירות און פון מאכט· גייען זיי אוועק אפריכטן גלות אין דער וויסטעניש אדער צו די ארעמע· יענע רוימישע פּאטריציער· וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א הומאנער באציהונג צו זייערע קנעכט· זיינען געווען מער פון אלעמען מסוגל צו באנעמען די דרשות פון יענע מאדנע «גלגולים»· וואס האבן מיט אזא התלהבות גערעדט וועגן דעם גליק פון עניות און וועגן ברידערליכקייט צווישן די מענשן· און הומאן האבן זיך באצויגן צו זייערע קנעכט דוקא יענע פּאטריציער· וואס זיינען גע־וועזן אונטער דער השפעה פון דער פּעסימיסטישער· מאראליש־שטאלצער שיטה פון די סטאָיקער· «דער טויט האט גלייך געמאכט אלכסנדר מוקדנען מיט דעם שמייסער פון זיינע אייזלען»· זאָגט מארק אורעליוס· אזא ביטול בנוגע פאלשער גרויסקייט נעמט ממילא אפּ די פרייד פון מיליטערישע מארשן און האמלעטיזירט די נשמה פון דעם אימפּעראטאר· דער קהלת־מענש אויף דעם קיניגשטול האט· אמת· ניט דעם כוח צו פארניכטן דאס שפּיל פון די גלאדיאטארן· ער באזוכט אפילו אליין דעם צירק· אבער אים איז שוין לאנג נמאס געווארן אטדאס שפּיל· און זיין פּראטעסט און זיין עקל קעגן פארגיסן מענשליך בלוט דריקט ער אויס דורך דעם· וואס ער פארטיפט זיך· בעת דעם שפּיל· אין לייענען··· ער איגנארירט די גרויזאמקייט· ניט זייענדיג געגוג ענערגיש זי צו פארניכטן· פּונקט ווי ער שטעלט ניט אפּ די רדיפות קעגן די קריסטן· הגם ער אליין· ניט ווייסנדיג· איז כמעט א קריסט· ווי אלע סטאָאיקער בכלל·

אטדי געצנדינער׳ פּאַרסמטע מיט פּעסימיזם און מיט מאָראַל· זייער עטיק איז די אומאינטערעסירטע און די אומאייגענוצקייט· דער מענש דאַרף זיין עטיש׳ אומאפּהענגיג פון דעם׳ אויב עס איז דא א יענע וועלט אדער ניט׳ בכלל אומאפּהענגיג פון וועלכן ניט איז «פּאַרהאַן» אדער «ניטא»· עטיש זיין אין אלע מעשים׳ אויף יעדן טריט׳ דאַרף מען איינפאַך דערפאַר׳ ווייל אויף דעם וועג קומט מען אריין צו דעם שטילסטן מקום מנוחה׳ וואו דעם מענשנס נשמה גע־ניסט פרייד און שלום: מען קומט צו דער אינוויינינגסטער האַרמאָניע· אבער אויף די סטאָאיקער ליגט די חתימה פון דעם טראַגישן· מיט די ערסטע קריסטן פאַראייניגט זיי דער פּעסימיסטישער טאָן פון דער נשמה און די מאָראַל׳ נאָר זעהר וויכטיגעס טיילט זיי אויך אָפּ׳ דהיינו דאָס פעלן פון האָפענונג׳ בטחון׳ אמונה·

«אַלץ דאַרף מען טאָן — טראַכט זיך מאַרק אווּרעליוס — וועגן אַלצדינג ריידן׳ פונקט ווי יעדע רגע קען זיין פאַר דיר די לעצטע· אויב די געטער עקסיסטירן׳ איז די געזעגענונג מיט די מענשן גאָר ניט שרעקליך׳ ווייל די געטער וועלן דיך דאָך ניט אריינטרייבן אין שלעכטס· אבער אויב די געטער עקסיסטירן ניט׳ אדער זיי דאגהן ניט פאַר די מענשן׳ טאָ וואָס פאַר א זין האָט עס פאַר מיר צו לעבן אויף דער וועלט׳ וואו עס זיינען ניטא קיין געטער׳ אדער ניטא קיין השגחה?»

טאַמער!··· קיין זיכערקייט איז ניטא׳ ניט ביי סענעקען׳ ניט ביי מאַרק אווּרעליוסן· דאָס מאַכט פאַרזינקען דעם סטאָאיקער אין אומעטיגער פאַרטראַכטקייט· אין זיין גוטמוטיגקייט׳ אין דער טאָ־לעראַנץ צו די מענשן שפּירט מען די קלוגע רעזערווירטקייט פון איינעם׳ וועלכער ווייס דעם טיפן סוד וועגן דער נישטיגקייט פון אונזער קיום און שליסט קלוגערהייט שלום מיט אַטדעם באַוואוסט־זיין· דער סטאָאיקער רעדט ערנסט׳ לאַנגזאַם׳ מיט די מאַנירן פון א אַריסטאָקראַט׳ אָפט ניט אָהן א פאַרבאַרגענער איראָניע׳ אבער אַלעמאַל מיט דער צומישונג פון טיפער מעלאַנכאָליע· אַטדי מע־לאַנכאָליע קען מען לייענען אויף זיין פּנים׳ ווען ער זיצט אויף די

מארמארנע שטאפלען פון זיין ווילע און שרייבט דעם קרוב אדער דעם יונגן פריינד טיפזיניגע בריוו׳ אין וועלכע ער לערנט׳ אז מען זאָל ניט מורא האבן פאר דעם טויט·

אבער די דאזיגע מעלאנכאליע און אומעט איז כמעט שטענדיג די אייגנשאפט פון אמת רעליגיעז געשטימטע און רעליגיעז פילנדיגע מענשן׳ וואס׳ אינדערצייט ווען זיי זיינען שוין געשטאנען פאר דעם תהום׳ האבן זיי געפונען נחמה און אמונה· דער אומעט הערט ניט אויף אויף דעם גאנצן משך פון דעם רעליגיעזן וועג׳ וואס דער מענש מאכט דורך· ער איז שטארק אויף דעם ערשטן עטאפ׳ ווען מען שפירט באזונדערס שטארק דאס באוואוסטזיין פון האפענונגס־לאזיגקייט׳ און דער גלויבן׳ דער פעסטער׳ איז נאך ניטא; מען פילט נאר׳ ווי עפעס זאמלט זיך אָן אין דער נשמה׳ פונדערווייטן קלינגט א זיסע שטים׳ און דער מענש גייט צו אטדער שטים׳ אבער ער איז טרויעריג׳ ווייל ער קען ניט פארגעסן דעם ברייטן בית הקברות׳ וואו עס ליגן זיינע טויטע אילוזיעס· דער אומעט ווערט ניט שוואַ־כער אויך אויף דעם צווייטן עטאפ׳ הגם דער מענש פילט זיך שוין אביסל זיכערער פון דעם שטורם פון די ספיקות׳ הגם אים עגבערט ניט די מורא פאר דער פוסטקייט· ער פרייט זיך מיט דעם אלץ פעסטערן באדן אונטער זיינע פיס׳ אבער אַ פולבארעכטיגטער בירגער פון דער נייער ערד איז ער נאך ניט געווארן; געוויס׳ אומקערן זיך צו דעם אַמאָליגן׳ לאנג געוועזענעם׳ איז אוממעגליך׳ אבער אין דערזעל־ביגער צייט ווערט אפט אומעטיג ביי דעם ניט געוואוינטן גאַנג אויף די נייע וועגן׳ און עס פרעסט דאס הארץ פון אלטע זכרונות···

דאס איז דער לעצטער געראנגל צווישן צוויי וועלטן׳ און מיר קענען ניט זיין אין ספק׳ אויף וועמענס זייט וועט זיין דער נצחון· אבער ווען דער מאמענט פון נצחון איז אנגעקומען׳ ווען מען האט שוין דורכגעמאכט דעם לעצטן מהלך׳ וואס האט אפגעטיילט פון דעם שטראלנדיגן גליק׳ הערט דער אומעט פונדעסטוועגן ניט אויף· ער ווערט נאר טיפער׳ ריינער׳ ערהאבענער׳ אין אים איז אסך עלעמענטן

פון ליבע און צארטקייט צום מענש פארהאנען, צום מענש, וועלכער ליידט אזוי שטארק. די סקעפּטיקער זאגן, אז די רעליגיע איז נאר א פארהאנג פאר יענע פחדנים, וואס ציטערן אריינצוקוקן אין דעם תהום, און זיי מיינען, אטדי סקעפּטיקער, אז עס איז אסך העלדישער, ווען מען קוקט אריין אין אטדעם אפגרונט! העלדישער צו וויסן די גאנצע נארישקייט, די גאנצע אומנישטיגקייט פון אונ־זער לעבן, פון אונזערע באמיהונגען, וויסן, אז אין דער צוקונפטווארט אויף אונז קיין זאַך ניט און ··· און פונדעסטוועגן דארפן מיר מאכן אונזער שפאצירגאנג איבער דעם בכלל קליינעם פלאץ, וואס אונזער פלאנעטע שטעלט פאר, מיר דארפן דעם שפאצירגאנג מאכן מונטער, דעם קאפ הויך געהאלטן, און אפילו מיט אביסל א געצוואונגענעם, אביסל א געמאכטן, אבער זעהר באחנטען, זעהר פאסנדיגן, זעהר סטילנעם שמייכל···

עס איז דא ניט דער אָרט אפגעבן זיך מיט חקירות, ווער פוןביידע צדדים איז גערעכט. אינטערעסאנט איז נאר צו וויסן, ווער עס איז גליקליך? די, וואס גלויבן, רימען זיך, אז זייער גליק האט א פעסטערן פונדאמענט, אז זייער גליק איז סאָלידער און גאראנטירט א לאנגן דויער. נאר גיט א קוק! די גלאקן פון די קריסטליכע קירכן, ווי דער מועדזין פון די מינארעטן פון די מחמדנישע מעָטשעָטן, גיסן אריין אין די גלויביגע נשמות צוזאמען מיט דעם טרייסט אויך א אומערקלערליכן, טיפן, צארטן אומעט. פאר די מענשן גייט פון די טענער ארויס א זיסע האפענונג, אבער אין דערזועלביגער צייט קען מען ניט ניט פילן, ווי עפעס ווערט באוויינט, באקלאגט. וואס? טראכטנדיג וועגן דעם, דערמאן איך זיך די לעצטע ווערטער פון א קאפיטל פון פאסקאלס «מחשבות» («Pensées»). פאסקאל, דער אומעטיגסטער פון די קריסטליכע דענקער, פאסקאל, וואס זיין פער־זענליכקייט און זיין שאפונג האבן ביי מיר ארויסגערופן די מחשבות וועגן אומעט, אלס איינעם פון די וויכטיגע עלעמענטן פון יעדן טיפן רעליגיעזן געפיל.

«שטעלן מיר זיך פאר ־ זאגט פאסקאל ־ מענשן, איינגעשמידטע אין קייטן און פארמשפּטע צום טויט. יעדן טאג ווערן אייניגע פון זיי, אויף די אויגן פון די אנדערע, איבערגעגעבן דעם טויט. אין דעם גורל פון זייערע ברידער זעהען די, וואס זיינען נאך לעבן געבליבן, זייער אייגענעם גורל אוןווארטן אויף זייער טאג. מיט ווייטאג און יאוש אין דעם בליק. אט דאס איז דאס בילד פונם מענשליכן גורל.»

א שארפערן פעסימיזם איז זיך גאר שווער פארצושטעלן. אזא געפיל, וואס איז ניט געטרייסט, ניט דורכגעווארימט מיט דער האַפענונג פון רעליגיע, פירט אדער צום יאוש אדער צו דעם ציניזם פון א ניט טיפן, ניט דורכגעטראכטן אפיקורסאיזם.ביידע אויסגאנגען פירן צום תהום. גליקליך איז דער, וואס ראטעוועט זיך אין דעם פּאָרט פון שטילער, הכנעהדיגער רעליגיאזיטעט. בלעז פּאַסקאל קוקט אויף אונז פון דארטן, פון דעם פּאָרט, און דערציילט אונז, ווי ער האט זיך געראטעוועט. ווי זיין הארץ איז דורכגעלויכטן געווארן מיט דעם ליכט פון ליבע און אומענדליכער איבערגעגעבנקייט צו גאט. זיין צורה איז אבער באדעקט מיט דעם שאָטן פון טרויער, דאס איז דער טרויער, וואס האט זיך אפגעשטאנען אויף דער גרונט פון דער נשמה נאך דעם איבערגעליטענעם, אויסגעווייטאגטן שרעק, וואס דאס באוואוסטזיין פון דער נישטיגקייט פונם מענשליכן קיום האט מיט זיך געבראכט.

«מען דארף נאר גאט אליין ליב האבן, נאר זיך אליין פיינט האבן», ־ דאס איז זיין דעוויז. דער הייליגער פראנציסקוס האט זיך שוין אסך בעסער צו זיך באצויגן: «פריי זיך, מיין ברודער קערפער, ווארום פון היינט אן וועל איך גערן ערפילן דיינע פארלאנגען און וועל זיך איילן העלפן דיינע שמאַרצן», טרייסט ער און בעט מחילה ביי דעם אייגענעם גוף, דעם אויסגעמאטערטן און קראנקן פון פאַסטן און אסקעטישע עינוים. פאסקאל אבער, ביי דער קלענסטער פאדערונג פון דעם ווידערשפעניגן קערפער און ביי די קלענסטע

ספיקות פון דעם גייסט, האט זיך געווענדט צו די שאַרפסטע מיטלען: ער האט פעסטער, שטייפער אריינגעדריקט אין לייב דעם גאַרטל מיט טשוועקעס, וועלכן ער האט שטענדיג געטראגן, און דער בונט איז געווען דערשטיקט.

דער קאטוילישׁ געשטימטער פראנצויזישער שריפטשטעלער מאַריס באַרעס רעדט ערגעץ וועגן דעם ביז גאר מעלאנכאלישן און טרויעריגן כאראקטער פון דער לאנדשאַפט ביי טאָלעדאָ, פון די ברעגן פון טאַכאָ, און באמערקט אגב, אז דער, וועלכער איז דארט געוועזן, פארשפארט שוין צו לייענען די ביאגראפיע און די Pensées פון פּאסקאלן.

אבער, ווען מען זאל פארגעסן א ווײלע וועגן דער ליכטיגקייט און וועגן דער חדוה פון פראנציסקוסן (און מען זאל זיך היטן אויסצוּווייזן טרויעריג, באאומרוהיגט און שוואך, נאר מען זאל זעהען אויסווייזן פריילאך, יום־טובדיג און לייטזעליג), רעדט דען ניט צו אונז די רעליגיע פאראיינס מיט דער שטים פון האפענונג אויך מיט דער שטים פון טיפן טרויער? די האפענונג אויף דעם שכר פאר איבערגעליטענע אנטוישונגען, אבער די האפענונג, וואס איז באגלייט מיט א אומעטיגער מעלאדיע.

זאל די וועלט אונטערגיין מיט איר נחת און מיט איר צער,
וויין ניט, וויין ניט, נישטיג איז די גאנצע וועלט.

און למאי אפלייקענען? זיינען מיר דען ניט אזוי ווי פארכישופט דווקא פון אטדער אומעטיגער מעלאדיע, פון אטדעם זיסן טרויער? קען דען בכלל א מענש לעבן אהן טרויער? איז דאס ניט איינע פון אונזערע טייערסטע פריווילעגיעס? ראַמען ראַלאַן, אויך איינער פון די, וועלכע מיינען, אז עס איז אפשר אסך העלדישער צו שטיין לעבן דעם תהום און קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אריין, רעדט איידל און רירעוודיג וועגן די רעליגיעזע מענשן: «איך באדויער אייך, נאר איך בין באגייסטערט פון אייער מעלאנכאליע. איר מאכט די וועלט טרויעריג, אבער דערפאר שענער. די וועלט וועט ווערן

ארימער׳ ווען עס וועט ניט זיין אייער אומעט·» איינער פון אזוינע רעליגיעזע מענשן׳ וואס האבן באשיינט די וועלט ניט נאר מיט דער ערהאבנקייט פון זייער גייסט און פון זייער נשמה׳ נאר אויך מיט זייער טרויער׳ איז געוועזן בלעז פּאסקאל·

II

בלעז פּאסקאל איז געבארן געווארן אין יאר 1623 און געשטארבן אין יאר 1662׳ ער האט אלזא געלעבט נאר 39 יאר און האט ניט געקאנט׳ אין געוואוינליכן זין פון דעםווארט׳ האבן א «גרויסע» ביאגראפיע· ער האט זי אויך ניט געקאנט האבן דערפאר׳ ווייל זיין לעבן׳ ווען מען זאל ניט רעכענען דעם קורצן פעריאד פון וועלטליכע תענוגים׳ וועלכע ער האט זיך אפגעגעבן׳ כדי איינצושטילן דעם מידן שמאַרץ פון דער שווערער זוכעניש נאָכן אמת און די אינווייניגסטע קאנפליקטן׳ די ארויסגערופענע דורך אטדער זוכעניש׳ ווען מען זאל ניט רעכענען אטדעם פעריאד׳ איז זיין גאנצער לעבן פון די קינדערשע יארן אן דורכגעגאנגען אויסשליסליך אין דער אטמאספערע פון גייסט· ער האט בכלל ניט געהאט קיין קינדערשע יארן׳ פונקט ווי ער האט ניט געהאט קיין חברים אין דער שול׳ ווייל דער שוואַכער געזונט האט ביי אים צוגענומען די מעגליכקייט צו באזוכן א שול· זיין «שטיפן» איז באשטאנען בלויז אין דעם׳ וואס׳ ניט קוקנדיג אויף דעם פארבאט צו באשעפטיגן זיך מיט מאטעמאטיק׳ האט ער פארט געגנבעטערהייט געצייכנט מיט קוילן מאטעמאטישע פיגורן· ביי אט־דעם פארווערטן שפּיל האט אים אמאל געטראפן זיין פאטער עטיען פּאסקאל׳ א געבילדעטער׳ ליבעראלער מענש׳ א פריינד פון וויסנ־שאפט און מיטגליד פון דעם געלערטן קרייז׳ וואס׳ האבן פאר זייער גייסטיגן קיניג גערעכנט דעקאַרטן· דער פאטער באשליסט אביסל «באַלעווען» דעם זון און נאכגעבן זיין שוואכקייט· אים ווערט ער־לויבט זיך צו באשעפטיגן מיט מאטעמאטיק· דער יינגל באווייזט אזוינע אומגעוואוינליכע פעהיגקייטן׳ אז ער הייבט אן צו

פארוואונדערן די דערוואקסענע, און אינגיכן זעהען מיר דעם צוועלפ־יאריגן יינגל, זיצנדיג ביי איין טיש מיט געלערטע, ווי א גלייכער מיט גלייכע. ניט נאר ער הערט וויסנשאפטליכע געשפרעכן, נאר ער נעמט אויך אנטייל, ער מישט זיך אריין אין די דיספוטן.

זייענדיג זעכצעהן יאר איז פּאסקאל שוין דער אַווטאָר פון א וויסנשאפטליך־פּאלעמישער שריפט קעגן דעם הערשער איבער די מוחות פון יענער צייט ־ דעקארטן. ער איז שוין א יונגער מ א ן. עס איז אים לייכט אזא צו ווערן, ווארום קינדערשע יארן, קינדערשע זכרונות, אין דעם גאלדענעם און שפילנדיגן זין, ווי עס איז אנגענומען און ווי מען דארף עס פארשטיין, האט ער ניט געהאט. די מוטער האט ער זעהר פריה פארלארן, אין די ערשטע יארן פון זיין לעבן, און דעם פאטערס צערטליכקייט, ווי מיר ווייסן, איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט אים ערלויבט אפגעבן זיך מיט מאטעמאטיק. נאר פאר דעם קינד מיט געני'אלע סימנים האט גאר קיין גרעסערע פרייד ניט געקענט זיין. און אויך דער יונגער מאן פאסקאל וייס ניט קיין אנדער נחת אויסער דער פרייליכער באגייסטערונג מיט דער וויסנשאפט. אגב די גאנצע צייט יענע איז דאך געווען אנגעלאדן מיט אטדער באגייסטערונג, מיט דעם פרייליכן הימן אויף ביל־דונג און אויף די נצחונות פון דעם שכל. מיט דערזעלביגער לופט האט אויך געעטעמט ספינאזא, דער חבר־הדור פון פאסקאלן.

אין יאר 1640 באקומט פאסקאלס פאטער די שטעלע פון א קיניגליכן אינטענדאנט, און די גאנצע פאמיליע קלייבט זיך איבער אין דער פראווינץ. כדי לייכטער מאכן דעם פאטער די שווערע ארבעט פון די חשבונות, טראכט אויס פאסקאל א רעכנמאשין. אויף איר פארפולקומונג פּטרט ער אסך יארן פון אנגעשטרענגטער גייס־טיגער ארבעט און שאדט זעהר שטארק זיין צארטן, שוואכן ארגאניזם. דער יונגער געלערטער ווערט שוין פון דער צייט אן קיינמאל ניט וויסן די פרייד פון געזונט זיין, קראנקהייט ווערט זיין נארמאלער צושטאנד און פארטיפט זיין גייסט. עס איז שטענדיג אינטערעסאנט

צו באַטראַכטן די רעזולטאַטן, וואָס די קראַנקהייט ברענגט. ווען פון איר ליידט אַ זעהר טאַלענטירטער מענש אָדער אַ געני. זעהר אָפט זעהען מיר, אַז גלייכצייטיג מיט די מפּלות, וואָס דער ליידנדער גוף טראָגט איבער, האַלט דער גייסט אָפּ די גלענצנדסטע נצחונות. ביי ניטצשען געפינען מיר אַ העכסט אינטערעסאַנטע און טיפע באַ־מערקונג: «וואָס איז נוגע מיין קראַנקהייט ־ זאָגט ער ־ האָב איך איר אָהן שום ספק מער צו פאַרדאַנקען, איידער מיין געזונט. איך האָב איר צו פאַרדאַנקען מיין העכערע געזונטקייט, יענע געזונט־קייט, דורך וועלכער דער מענש ווערט געשטאַרקט דורך אַלץ וואָס טויט אים. איך האָב איר צו פאַרדאַנקען מיין גאַנצע פילאָסאָפיע. נאָר דער גרויסער שמאַרץ איז דער לעצטער באַפרייער פון דעם גייסט.» געוויס, מען קען אויך ניט זיין אַ אַנהענגער פון אַזאַ געזונטן גייסט אין אַ קראַנקן גוף, אָבער אויף אַסך גרויסע מענשן, וואָס האָבן געליטן פיזיש, זעהען מיר, אַז די קראַנק־הייט ניט נאָר וואָס זי האָט ניט געטויט, נאָר, פאַרקערט, זי האָט העכער און פּראָדוקטיווער געמאַכט דעם גייסט. אינדערצייט ווען אויף איין פראָנט ווערט דעם גוף אונטערגעוואָרפן די ביטערסטע אַטאַקעס, ליידט מפּלות און איז שוין גרייט זיך אונטערצוגעבן, קומען פון דעם צווייטן פראָנט, פון דעם גייסטיגן פעלד, שטאָלצע פרייליכע נייס: ניצחון! ניצחון! און דער אָרימער גוף, וואָס איז שוין גרייט געווען אונטערצוגעבן זיך, אויפגעמונטערט דורך אַזעלכע נייס, זאַמלט זיינע לעצטע כוחות, כדי זיך צו האַלטן, און אָפט האַלט ער זיך טאַקע לאַנג בלויז דערפאַר, ווייל דער גייסט איז אַ העלד...

אין דעם זין דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן פּאַסקאַלס באַקאַנטע תפילה, אין וועלכער ער בעט אויס ביי גאָט די ריכטיגע אויסנוצונג פון דער קראַנקהייט. אַזעלכע תפילה איז אַזוי רירעוודיג און טיף, רעדט אַזוי פיל פון יסורי הנפש, אַז זי האָט ניט געקענט ניט דערגרייכן איר ציל. געוויס איז זי דערגאַנגען ביזן הימל און איז דאָרטן גוט אויפגענומען געוואָרן.

«דו האסט מיר געגעבן דעם געזונט, כדי צו מאכן מיך פעהיג דיר צו דינען, און איך האב עס אויסגענוצט פאר וועלטליכע צילן. דו שיקסט מיר איצט די קראנקהייט צו מיין בעסערונג, דערלאז ניט, אז איך זאל עס אויסנוצן אויף צו ערגערן דיך מיט מיין אומגעדולד.»

ער בעט אויס «דעם גרויסן שמארץ, אלס דעם לעצטן באפרייער פון דעם גייסט»... פאסקאל האט געלעבט אין א עפאכע, ווען דער שכל, דער שטאלצער שכל האט געפייערט זיין האניג־חודש. ער איז אליין געוועזן, א דאנק זיין געניאלקייט, איינער פון די דינער אין דעם טעמפל פון דעם שכל, נאר ער האט נאך קלאר ניט פארשטאנען, אז אפילו אין די יארן פון שטארקער באגייסטערונג מיט וויסנשאפטליכע אנטדעקונגען האט שוין זיין נשמה געטראכט וועגן א מרידה קעגן דעם, דורך אלעמען אנערקענטן, אפגאט און האט שוין לאנג אין זיך געהאלטן פארבארגן א אנדערן פרעטענדענט אויף דעם טראָן. און דער דאזיגער פרעטענדענט איז געוועזן א אמתער, זיין לעגיטימאציע איז געוועזן געגרינדעט אויף דעם הייליגן רעכט פון אינוויניגסטע באדערפעניש. די דאזיגע באדערפעניש אין גלויבן, דאס זוכן פון רעליגיעזער אינטואיציע, איז געוועזן איינער פון די הויפט־עלעמענטן פון פאסקאלס נאטור. עס איז געוועזן. לגבי דער צייט יענער, וועלכע האט די רעליגיע גענומען אונטער דער השגחה פונם שכל, לגבי דער וויסנשאפטליכער ערציהונג אין דער געוואוינהייט אלץ צו קאנטראלירן און צו אנאליזירן. פאסקאל איז געוועזן א רעליגיעזער מענש, זיין נשמה האט געזוכט די נאהנטקייט פון א טיפער, אינטימער אמונה, און די שוואכע געזונטקייט, די אפטע מחלות, ווי עס פאסירט געוואוינליך, האבן גורם געוועזן די פארטיפונג אין זיך, די שיינע מעלאנכאליע. אויף אזא אופן איז אלץ גרייט געוועזן צו פארטרייבן ביי א פאסנדיגער געלעגנהייט דעם אלטן הערשער און אויף זיין ארט ארויפצוזעצן א נייעם... די געלעגנהייט צו א אפענער מרידה, אדער צו א «רעליגיעזער תשובה»,

דארף, לויט דעם ביאגראף, גערעכנט ווערן צו דעם יאר 1646, ווען פאסקאלס פאטער, אויסברעכנדיג זיך ביים פאלן א פוס, איז ערנסט קראנק געווארן און האט זיך געווענדט וועגן הילף צו צוויי באקאנטע אין יענער געגנט כירורגן. אטדי כירורגן, לאזט זיך אויס, זיינען געוועזן הייסע, פאנאטישע אנהענגער פון דער רע־פארמאטארישער, רעליגיעזער באוועגונג, באקאנט אונטער דעם נאמען: «אנסיעניזם». זיי זיינען אפגעוועזן אין פאסקאלס הויז דריי חדשים און האבן אויסגעניצט די צייט ניט נאר, כדי אויסצוהיילן דעם פאציענט, נאר אויך אויף רעליגיעזער פראפאגאנדע. זיי האבן גע־פאנגען נשמות. וואס איז נוגע בלעז פאסקאלן, איז זיין נשמה, פארשטייט זיך, ניט שווער געוועזן צו פאנגען, ווארום זי איז אליין געפלויגן דעם פאנגער אנטקעגן. צופיל ברענענדיגער מאטעריאל האט זיך אין אים אנגעזאמלט, אום ניט אויפצופלאקערן ביי דעם קלענסטן פונק. פאסקאלן איז געוועזן 23 יאר, ווען זיין נשמה האט זיך «אנגענומען». אין דעם פייער זיינען פארברענט געווארן אלע זיינע פריהערדיגע טעמפלען. צוציהענדיג פאסקאלן צו זייער גלויבן, האבן די מיסיאנערן אנגעהייבן מיט דער אפלייקענונג פון דער וועלט, אין וועלכער יעדערן וואלט זיך ווערן ווי מעגליך בעסער זיצן און זיך איינארדנען. זי איז הבל־הבלים, נישטיג, אטדי וועלט, מיט אלע אירע תענוגים, נישטיג אונזער יאגן זיך נאך גליק, וועלכן מען דארף זוכן ניט דארטן, וואו מיר זוכן. די קרוינען אויף די אפגעטער זיינען ניט קיין אמתע, ניט פון גאלד, נאר פאפירענע, און פאלש זיינען אויך די אפגעטער גופא. זיי האבן אנגעפאנגען, אטדי מיסיאנערן, ווי דאס קומט געוואוינליך פאר, מיט פעסימיזם. זיי האבן אריינגעגאסן סם. אבער . . . פארהאנען סמען, וואס שוואכן אפ דאס זעהען, און סמען, וואס עפענען די אויגן (סטרינדבערג). ביי פאסקאלן האבן זיך געעפנט די אויגן . . . זיי האבן גערעדט וועגן די יסורים אויף דער ערד ניט מיט דעם פינסטערן, מרה־שחורהדיגערן טאן, מיט וועלכן דער פראזעליט, דער תלמיד, האט אסך שפעטער גערעדט

אין זיינע «מחשבות»· ווי האפּענונגסלאָז קלינגען ביי פּאַסקאַלן אטדי קאַפּיטלען וועגן «דער אהנמאכט פון די מענשן» און וועגן «דעם עלנד פון די מענשן»·

«קיין זאך וואונדערט מיך ניט אזוי, ווי דאס, וואס די גאנצע וועלט איז ניט פאַרוואונדערט וועגן איר אייגענער שוואכקייט»·

דער מענשליכער שכל? אָ! ווי נישטיג ער איז:

«דער גייסט פון דעם גרעסטן מענש – זאגט ווייטער פּאַסקאַל – איז ניט אויף אזוי פיל אומאפּהענגיג, אז דער קלענסטער טומל זאל אים ניט מבולבל מאכן· ס'איז ניט נויטיג דווקא א שאָס פון א האַר־מאַט, כדי זיינע געדאנקען זאלן ניט קענען אַרבעטן· וואונדערט זיך ניט, ווען ער קען איצט ניט ריכטיג טראַכטן: פליגן הוזשען אין זיין אויער· דאס איז גענוג, כדי אים צו שטערן קומען צו א ריכטיגן אויספיר· אויב פאַר אייך איז וויכטיג, ער זאל טרעפן דאס ריכטיגע, טא פאַרטרייבט די חיה, וואס האלט אין געפאַנגענשאַפט דעם שכל און וואס פאַרפינסטערט אטדעם אומגעוואוינליכן, איבער שטעדט און דערפער הערשנדיגן שכל»·

טראַכטנדיג וועגן פאַרשיידענע שטרעבונגען פון מענשן, קומט פּאַסקאַל צום אויספיר, אז אומגליקן טרעפן זיך מיט מענשן, דער עיקר, צוליב זייער אומפעהיגקייט צו זיצן רוהיג אינדערהיים· פאַר וואס זשע אבער האבן אלע אזוי מורא מיט זיך אליין צו בלייבן? דאס איז דערפאַר, ווייל בלייבנדיג אליין, קענען מיר ניט טראַכטן וועגן דעם עלנדן און טרויעריגן מצב פון די מענשן, און עס איז גענוג וועגן דעם זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן, כדי זיך גלייך צו פילן אומגעטרייסט· לייענענדיג די «מחשבות», קומט אויס אזוי אפּט אנ־צושטויסן זיך אויף פּעסימיסטישע רעיונות פון דעם רעליגיעזן דענ־קער, ביי וועמען די אויגן זיינען ברייט, ברייט אָפן, אבער וועמענס נשמה איז איבערפילט מיט ליבע און גלויבן אין גאָט· אהן אטדעם גלויבן וואלט אים מיט זיין וועלטשמאַרץ געבליבן נאר צו גיין אין דעם לאַגער פון די פאַרצווייפלטע· אבער, האבנדיג א פעסטן באדן

אונטער זיך׳ קען מען און מען דאַרף ריידן וועגן דעם מיט דער קלוגער רוהיגקייט·

יענע דאָקטוירים האָבן׳ אמת׳ ווייניגער רוהיג און ווייניגער קלוג׳ אָבער מסתמא דאָסזעלבע געזאָגט פּאַסקאַלן׳ נאָר אים איז דעמאָלט געוועזן נאָר 23 יאָר און דער נייער גלויבן׳ אַריינרייסנדיג זיך אין דער אינווייניגסטער וועלט׳ האָט דאָרטן אַרויסגערופן אַ גאַנצע קאַ־טאַסטראָפע· דער שונא פון דעם אַלטן קיניגרייך׳ פון דעם איינציגן קיניגרייך׳ דער שכל׳ איז געזעסן אין זיין נשמה׳ און׳ הגם זי איז נוטה געוועזן צו די נייע מיסיאָנערן׳ איז די איבערקערעניש געוועזן אַ צו פלוצליכע און אַ צו ענערגישע· פּאַסקאַל האָט זיך דערזעהן׳ שטייענדיג פאַר צעשלאָגענע געטער׳ אין וועלכע ער האָט שוין ניט געקאָנט גלויבן און צו וועלכע ער האָט שוין ניט געקאָנט תפילה טאָן· ער וואַרפט אוועק די וויסנשאַפט און פאַרטיפט זיך אין לייענען רע־ליגיעזע און טעאָלאָגישע ביכער· ער איז באַשעפטיגט מיט שטודירן דעם מענש·

«איך האָב אַ פולע צייט ־ זאָגט פּאַסקאַל (איינצלנע געדאַנקען צו דער עטיק) ־ אָפּגעגעבן דעם לערנען פון אַבסטראַקטע וויסנ־שאַפטן׳ אָבער דער פאַקט׳ אַז ריידן וועגן זיי קען מען בלויז מיט געציילטע מענשן׳ האָט ביי מיר אָפּגענומען די גאַנצע פרייד· ווען איך האָב אָנגעהייבן צו שטודירן דעם מענש׳ האָב איך באַמערקט׳ אַז די דאָזיגע אַבסטראַקטע וויסנשאַפטן טויגן ניט פאַר אים׳ און דורך דעם׳ וואָס איך פאָרש זיי׳ דערווייטער איך זיך פון מיין נאַטירליכן צושטאַנד נאָך מער׳ ווי די׳ וואָס האָבן קיין השגה ניט פון זיי׳ און איך האָב זיי אָוועקגעוואָרפן· דאָך האָב איך געהאָפט׳ שטו־דירנדיג דעם מענש׳ צו געפינען אַסך חברים׳ וואָרום שטודירן איז דאָךווירקליך גוט פאַר דעם מענש· איך האָב זיך אָנטוישט׳ וואָרום דעם מענש שטודירן קנאַפּער מענשן׳ איידער די מאַטעמאַטיק»·

אַטדי ווערטער צייכענען מיט גלייכע׳ רוהיגע ליניעס די עוואָלו־ציע׳ וועלכע פּאַסקאַל האָט דורכגעמאַכט נאָך זיין תשובה· ער

פּארלאזט די וויסנשאפט און גיט זיך אפּ די מחשבות וועגן דעם מענש, וועגן דעם ציל פון ז י י ן לעבן, וועגן דעם ציל פון דעם לעבן ב כ ל ל. די איינציגע חשובע ארבעט פאר א מענש. אבער די אנטוויקלונג איז ניט דורכגעגאנגען אהן ווייטאגן, אהן קריזיסן, ווי עס קען זיך אויף דעם ערשטן בליק דוכטן. די אלטע געטער האבן, אפּטרעטנ־דיג, נאך געגעבן זייערע לעצטע שלאכטן. וועגן דעם סוף פון די שלאכטן איז קיין ספק ניטא. דער שליטה פון האַרץ און פון אמונה איז באווארנט דער נצחון, נאר עס הערן זיך נאך די אפּקלאנגען פון די לעצטע געראנגלען. מען קען דאך ניט פארגלייכן דעם געלערטן בלעז פּאסקאל מיט זיין עקסאלטירטער שוועסטער, זשאקעלינע, וואס האט ניט געוואוסט פון אינווייניגסטע קאָנפליקטן. דאס אננעמען דעם נייען גלויבן האט זיך איר לייכט איינגעגעבן, ווייל איר אינ־ווייניגסטער לעבן איז ניט געווען אנגעלאדן מיט דעם טייערן באַ־גאזש, וועלכן מען האט באדארפט ארויסווארפן, כדי קענען דער־שווימען צו א נייעם ברעג, אבער פון וועלכן עס איז דאך ניט געווען אזוי לייכט זיך צו שיידן...

א גאנצע רייה פון יארן לעבט פּאסקאל אונטער שטארקע גע־ראנגלען. ער זוכט א מיטל, ווי שלום צו מאכן צווישן דעם שכל און דער אמונה, ער פּרובט מאכן קאנצעסיעס דעם ערשטן און זעהט גיך איין די אומזיסטיגקייט פון דער טירחה. ניט קוקנדיג אויף דער איבערקלייבונג פון פּאסקאלס פאמיליע קיין פּאריז, וואו זיינע שוועסטערס זיינען באקאנט געווארן מיט די נזירים פון Port Royal, ניט קוקנדיג אויף דער ווירקונג פון אטדער נייער באקאנטשאפט, האט זיך דער שטורם אין פּאסקאלס נשמה ניט איינגעשטילט. פארקערט, צייטנווייז שטורימט עס באזונדערס שטארק, און, כדי זיך צו פארגעסן, כדי זיך צו באטויבן, ווענדט ער זיך צו דעם נארקאז פון וועלטליכן לעבן. ניט אויף לאנג, פארשטייט זיך. דער שוואַ־כער ארגאניזם זאגט זיך אָפּ צו פאלגן אזא מין מיטל צו זוכן טרויסט. פּאסקאל ווערט קראנק, און דאן, אין דער צייט פון זיין קראנקהייט,

איז אנגעשריבן געווארן יענע תפילה׳ וועלכע האט ניט געקענט ניט רירן אפילו דעם שטרענגסטן׳ דעם ברוגזדיגסטן גאט. אטדי תפילה איז א גוואלדיגער געשריי פון א נשמה׳ וואס בעט ישועה.

אין דעם יאר 1651 שטארבט פאסקאלס פאטער. אונטער דעם רושם פון דער שרעקליכער אבידה שרייבט ער צו דעם פּאַרפּאַלק Perier א זעלטענעם בריוו׳ פול מיט ערהאבענער הכנעה פון א טיף רעליגיעזן מענש. פאסקאל עצהוועט ניט אפגעבן זיך מיט שמאַרצ־ליכע און טרויעריגע געדאנקען וועגן אטדעם טויט. אהן דעם ליכט פון גלויבן׳ איז דער טויט׳ פארשטייט זיך׳ שרעקליך: דער שרעק פאר דער נאטור. אבער דעם מאמין שטעלט ער זיך אנדערש פאר. ווען מען גלויבט׳ דעמאלט איז דער טויט זיס׳ ווי דער לעצטער קרבן צו גאט. דאס לעבן פון א מענש׳ וואס האט אמונה׳ איז א שטענדיגער קרבן. דער טויט איז נאר זיין לעצטער אקט׳ דער לעצטער עטאפּ פון א לאנגן קרבנות־וועג. «מיר האבן ניט איצט פארלאָרן אונזער פאטער׳ זאגט פאסקאל׳ מיר האבן אים פארלארן פון דעם מאמענט אָן׳ ווען ער איז ארייגעטראטן אין גלויבן׳ ווייל פון יענעם מאמענט האט ער שוין אונז מער ניט געהערט׳ נאר ער האט געהערט גאט. מען דארף זיך דעריבער ניט איבערגעבן דעם טרויער׳ ווי די געצנדינער׳ פאר וועלכע עס איז ניטאָ קיין האפענונג».

אינטערעסאנט איז נאר׳ וואס דער בריוו׳ א סימן פון אזא רעלי־גיעזן געפיל׳ איז קיין מניעה ניט פאר די אלטע שוואכקייטן; די אלטע זכרונות פאדערן אמאל זייער רעכט. די פרומע שוועסטער זשאקעלינע דארף נאך איבערלעבן עטליכע אנטוישונגען׳ ביזקן עס וועט געשעהען די ענדליכע תשובה פון איר ברודער. קעגן איר באשלוס ארייגצוטרעטן אין א קלויסטער׳ אַמפּערט ער זיך מיט אלע מיטלען׳ און מיט מיה איז ער מסכים ארויסצוגעבן איר איר טייל פון דער ירושה׳ וואס זי וויל שענקען דעם קלויסטער.

אמת׳ דאס איז נאר דער לעצטער געראנגל פון דער אלטער וועלט מיט דער נייער. דער לעצטער פאר דעם לעצטן קריזיס. ער

איז גיך געקומען· פאסקאלן איז נאך באשערט געווען איבערצושטיין אלע שווערע יסורים פון א ניט געטיילטער· אומגליקליכער ליבע· כדי ארויסצוגיין פון זיי א געלייטערטער און צו געפינען די האר־מאניע פון א גלויבנדיגן מענש· פאסקאל האט באדארפט א מין סימוואל· וואס זאל באקרעפטיגן די קאפיטולאציע פון דעם אומרוהיגן גייסט· וואס האט ניט געוואוסט קיין רוה אין דעם משך פון א פולע יארן· אטדער סימוואל איז געווען פאסקאלס באגעגעניש אין קלויסטער מיט זיין שוועסטער זשאקעלינע· ער האט זיך אין עקסטאז פון תשובה־טאן אראפגעלאזט פאר איר אויף די קניע· נאך אַ לאנ־גער· שווערער זוכעניש האט ער געפונען ענדליך א מקום מנוחה פאר זיין נשמה· וואס האט שוין לאנג געלעכצט נאך דער זיסער הארמאניע פון אמונה· אטדער סעפטעמבער־טאג איז געווען מסתמא דער גליקליכסטער טאג אין זשאקעלינעס לעבן···

די איבעריגע אכט יאר ביז זיין טויט לעבט פאסקאל אין שלום מיט זיך אליין· ווייט· ווייט הינטן איז געבליבן דער שלאכטפעלד· אויף וועלכן עס זיינען געווען הייסע און העלדישע געראנגלען צווישן דעם שכל און דער אמונה· די אמונה האט מנצח געווען· אויף דעם שכל אליין קען דער גלויבן ניט אויפגעבויט ווערן· ער איז די פריווילעגיע פון א דורכגעשטראלטער נשמה און פון א הייסן הארצן· דער וועג צו גאט ליגט דורך דעם הארצן· ווען עס האנדלט זיך וועגן דעם· וואס פאַר דעם מענש איז נויטיגער פאר אלץ· קענען מיר זיך ניט פארלאזן נאר אויף דעם שכל· זיין אַפּאַראַט איז צו מגושמ־דיג און צו שווער· צו גאט דארף מען פ ל י ה ע ן מיט דער נשמה· אבער ניט ש ל ע פּ ן זיך אויף דעם וואגן פון דעם קאלטן שכל·

מיר דארפן ־ זאגט פאסקאל ־ אונזער גלויבן אויפבויען אויף דעם געפיל פונם הארצן; ווען ניט· וועט ער זיך שטענדיג וואַקלען: ניט דער שכל· נאר דאס הארץ פילט גאט·

אבער קעגן די מענשן· וועלכע פאראומרייניגן דעם ריינעם קוואל פון רעליגיעזן געפיל· ־ פון אטדער ווירקליך הייליגער· פערזענליכער

אינטואיציע, — מיט רעליגיעזער פּאליטיק, מיט דיפּלאמאטיע, מיט טויטע דאגמעס, שרייבט פּאסקאל, אפּגעזעגנט מיטן לעבן, א גלענצענד בוך, וואס ווערט גערעכנט פאר א שעדעוור פון דער פראַנצאַזישער ליטעראטור. «די בריוו צו א פּראווינציאל» זיינען די באַדייטנדסטע בלעטער, וועלכע זיינען ווען ניט איז געשריבן געווארן קעגן די יעזואיטן.

די וויכטיגסטע גייסטיגע ירושה פון פּאסקאלן בלייבן פּאַרט זיינע «מחשבות» (Pensées). אין דעם בוך (אמת פראגמענטאריש) איז צוזאמענגעקליבן אלץ דאס, וואס ער האט געוואלט זאגן וועגן דעם מענשליכן לעבן, וועגן דער אומזיסטיגקייט פון די מיראזשן, וועגן דעם גליק, וועלכן מיר געפינען, ווען אונזער נשמה איז דורכגעשטראלט מיט דעם רעליגיעזן ליכט. אין דעם באשטייט טאקע, זאגט ער, די מאגישע ווירקונג פון דער רעליגיע, וואס, מאכנדיג שלום צווישן אונז און גאט, שליסן מיר אין דערזעלביגער צייט אויך שלום מיט אונז אליין. דער מענש איז דאן אימשטאנד זיך אליין אריבערצוטראגן. ער האט ניט מורא, ווי דאס איז פריהער געוועזן, פאר דער איינזאמקייט. ער פילט, אז ער האט א שטיצע, און אים איז לייכטער אריבערצוטראגן די צרות פון דעם לעבן, ווארום ער האט די האפענונג.

«די איינציגע און די אמתע מידה טובה — זאגט פּאסקאל — איז די שנאה קעגן זיך גופא, ווארום פאר די תאוות און תשוקות אונזערע זיינען מיר ווערט געהאסט צו ווערן. האסנדיג זיך, מוזן מיר זוכן דערהויבענע וועגן, וועלכע מיר וואלטן קענען ליב האבן. נאר, אזוי־ווי מיר זיינען ניט אימשטאנד עפעס ליב צו האבן, וואס געפינט זיך דרויסן פון אונזער «איך», דארפן מיר זוכן אזא וועזן, וואס געפינט זיך אין אונז, ניט זייענדיג מיר אליין. נאר א העכערס וועזן קען פארענטפערן אזא פאדערונג. גאטס קיניגרייך איז אין אונז: דאס העכסטע גוטע איז אין אונז, אבער מיר אליין זיינען עס ניט».

דאס דערמאנט אן ספינאזען· דער מענש שטרעבט צו גליק· פון דעם קען מען אים ניט אפגעוואוינען· און דאס איז נאטירליך· אבער וויכטיג איז אויפצוהייבן דעם באגריף פון גליק אזוי הויך· אז ער זאל ניט קענען אין עפּעס אנדערש באשטיין· ווי אין דער אינטע־לעקטועלער ליבע צו גאט· פּאסקאל· וועלכער האט לאנג שטודירט דעם מענש· ווייס· אז אויסערהאלב זיך קען דער מענש ניט ליב האבן· דערפאר זאגט ער טאקע· אז· וויבאלד מיר קענען ניט פון דער אייגענער הויט ארויסשפּרינגען· זאלן מיר זיך לכל הפחות די מיה געבן פאראיידלען אונזער עגאיזם· פאראיידלען דורך דעם· וואס מיר ליבן גאט· וואס איז אין אונז·

מען מוז צוגעבן: אין דעם חדר פון דעם נזיר פאסקאל איז אביסל צו מרה־שחורהדיג· ער שרעקט אפּ מיט זיין אסקעטיזם· פּאסקאל געהערט אבער צו יענע רעליגיעזע דענקער· וואס מיינען· אז רעליגיע איז אין הויכן זין פוןווארט א פּריוואטע זאך פון יעדן איינצלנעם מענש און אז זי גיט זיך איין דורך טיפע אינווייניגסטע אויסלעבונגען· די רעליגיע «קומט»· ווי עפּעס א באזונדערע מתנה· די רעליגיע איז די געלונגנסטע· טייערסטע פעהיגקייט פון דער נשמה· דאס איז גליק· אזא באגריף פון רעליגיע גיט צו פאסקאלס שטרענגער· טרויעריגער געשטאלט די שטריכן פון אומגעוואוינליכער קדושה און ערהאבנקייט·

«מיין שטימונג הענגט ניט מער אפּ פון דעם וועטער· איך האב אינווייניג אין מיר מיין אייגענעם רעגן און מיין אייגענעם זונען־שיין»· זאגט ער אין דעם קאפּיטל «איינצלנע געדאנקען וועגן עטיק»·

דאס איז ניט די זון פון פראנציסקוס פון אסיזי· ניט די הייסע זון פון איטאליע· א סך האַרבסט איז אין פּאסקאלס זון· אבער· וואס פאר א שיינער טרויעריגער האַרבסט·



טאָמאַס קאַרלייל
(פאט. פ. ברוקמאן א.-ג., מיונכען)

טאָמאַס קאַרלייל.

I

געטע, ווארטענדיג אויף געסט צו מיטאג, איז געוועזן אנגעטאן אין דעם פראַק, און דער קעניגליכער ארדען האט געצירט זיין ברוסט. זיין סעקרעטאר און באגייסטערטער תלמיד עקערמאַן איז געקומען אביסל פריהער ווי געוואוינליך, כדי אויסצונוצן די פרייע צייט אויף א שמועס מיט אים. עס איז אנגעקומען דער ענגלישער זשורנאל «Foreign Review» מיט א ארטיקל פון קאַרליילן איבער געטען, און ער האט געוואלט מיט אים ריידן וועגן דעם איינדרוק, וואס דער ארטיקל האט אויף אים געמאכט. געטע, ווי עס ווייזט זיך ארויס, האט נאך אינדערפריה זיך באקענט מיט דעם ארטיקל און ער זאגט:

«אין קאַרליילן שעץ איך פריהער פאר אלץ דעם גייסט און דעם כאראקטער, וואס ליגט אין עצם פון זיין ריכטונג. ער ארבעט לטובת דער קולטור פון זיין נאציע, און אין די ליטערארישע ווערק, מיט וועלכע ער וויל באקאנט מאכן זיינע לאנדסלייט, זוכט ער ניט אזוי די קונסט פון דעם טאלענט, ווי דעם סכום פון מאראלישער בילדונג, וואס מען וואלט געקאנט פון אטדי ווערק געווינען».

קאַרלייל האט שוין לאנג אויפגעוועקט די אויפמערקזאמקייט פון געטען און פון זיין פריינד עקערמאַן. אין אטדעם שאטלענדער האט זיי בעגייסטערט זיין פעהיגקייט אריינדרינגען אין דעם גייסט און אין דער ליטעראטור פון אנדערע פעלקער, און דערצו אזוי ווייט, אז שילערס ביאגראפיע, וואס קאַרלייל האט געשריבן, איז געשטאנען אסך העכער פון שילערס ביאגראפיעס פון דייטשע שריפטשטעלערס.

און ווי גלענצנד, ריכטיג זיינען געוועזן די כאראקטעריסטיקעס פון א גאנצער רייהע דייטשע שריפטשטעלערס, וועמענס ווערק ער האט ארויסגעגעבן אין א פירבענדיגער אנטאָלאגיע. אטדער אינטע־רעסאנטער מענש האט געוואונען די סימפאטיע פון געטען, און ער האט אפילו אמאָל באמערקט:

«קארלייל איז א מאראלישע קראפט פון דער גרעסטער וויכטיג־קייט. אין אים איז פארבארגן אסך צוקונפט, און עס איז גאר שווער פאראויסצוזעהען, וואס אטדער מענש וועט נאָך אויפטאָן און ווי ער וועט ווירקן».

מאדנע איז נאר, לויט עקערמאַנס מיינונג, אז וואלטער סקאט האט אין זיין לאנגען בריוו צו געטען אפילו מיט איין ווארט ניט דערמאנט וועגן זיין לאנדסמאן, וואס האט דאך געמוזט צוציהען זיין אויפמערקזאמקייט.

דאס, וואס האט אויסגעזעהען אזוי מאדנע און האט געוואונדערט עקערמאַנען בעת זיין שמועס מיט געטען אין סעפטעמבער 1827, ערקלערט זיך זעהר און זעהר איינפאך. אויף דעם זון פון א פויער, דעם סטודענט פון טעאָלאגיע אין דעם באשיידענעם עדינבורגער אוניווערסיטעט, אויף דעם לערער, וועלכער ווידמעט זיין גאנצע פרייע צייט דעם פאָרשן דייטשע ליטעראטור, איז ווירקליך קיינער ניט געוועזן אויפמערקזאם. זיין איבערזעצונג פון געטעס «ווילהעלם מייסטער» האט ניט געמאכט קיין שום רושם, ווי בכלל דער גאנצער געטע האט אויסגעזעהן אין ענגלאנד, ווי א מענש, וואס רעדט אויף א מאדנעם און אומפאַרשטענדליכן לשון. באמת, ווען דעם יונגען קאַרלייל געפעלט ניט אנדערש ווי זיצן אויף די שאָטלענדער בערגלעך און פארזינקען אין מחשבות וועגן נאוואליסן, האפמאַנען, זשאן־פּולן און נאך אזוינע נסתרים, וועט אים קיינער אין דעם ניט שטערן. ער קען זאגאר דרוקן וועגן דעם ארטיקלען אין זשורנאלן, וועלכע צייכנען זיך אגב אויס מיט א מאדנער מאניריגקייט און נערוואזיטעט פון דעם סטיל. געוויס, גאראנטירן אים, אז ער וועט

האבן לעזער קען מען ניט. ווי עס ווייזט אויס, איז די צאל פון אזעלכע לעזער געוועזן ביז גאר א קליינע, אויב זיי זיינען בכלל געוועזן. מען קען דאס זעהען דערפון, וואס די רעדאקטארן פון די זשורנאלן, וואו קאַרלייל האט זיינע ארטיקלען געלאזט דרוקן, האבן גיך אויסגעפונען, אז זייער מחבר האט אביסל דערעסן דורכ'דעם, וואס ער קערט זיך שטענדיג אום אלץ צו אטדי מערקווירדיגע אויס־לענדישע שריפטשטעלערס. מיט איין ווארט, דער מענש, אויף וועלכן געטע האט געזאגט אזעלכע נביאות און אים צוגעזאגט א גרויסע צוקונפט, האט דערווייל ניט געמערקט דעם קלענסטען סימן דערפון. קיין איין גוטן ווארט, קיין איין שמייכל, וואס מינטערט אויף דעם אנהייבער און מאכט אים גלויבן, אז די געטער פון דער צוקונפט זיינען גרייט צו נעמען אים אונטער זייער שוץ. קאַרלייל איז שוין אלט געוועזן צוויי און דרייסיג יאר (ער איז געבארן גע־ווארן אין יאר 1795), ער האט זיך שוין לאנג געפילט פולקום אלס מאַן אין דעם זין, אז דאס ציל, דער אינהאלט פון זיין לעבן זיינען פאר אים אין א געוויסער מאס קלאר געווארן. דער גייסטיגער קריזיס, פון וועלכן קיינער איז ניט פריי, וועלכער זוכט ערנסט, און וועלכן ער האט אויסגעדריקט אין דעם ווידוי פון זיין העלד טויפעלס־דרעָק (Sartor Resartus), איז שוין געוועזן לאנג הינטער אים, א זאך פון דעם עבר. ער קען שוין זאגן דעם אייביגן «יאָ», זיין אנטיפאטיע סיי צום סקעפטיציזם, סיי צו אלערליי אוטילי־טארישע, מאטעריאליסטישע טעאָריעס, לויט וועלכע די וועלט איז נאר א מאַשינע און ניט א אייביגער, וואונדערבארער גרינער בוים, וואס הייבט זיך צום הימל, אטדי אנטיפאטיע איז געוועזן גע־גרינדעט אויף דעם אינסטינקטיוון געפיל פון דער געָפאַר פון אזעלכע טעאָריעס, וואס טויטן דעם גייסט פון מענשן, פונקט ווי זיין ריכ־טיגער חוש איז גורם געוועזן, אז אים האט געצויגן צו נאָוואַליסן, געטען, שילערן, פיכטען, ווארום אין די קליינע דייטשע רעזידענציעס האבן דאמאלס די בעסטע פארשטייער פון געדאנק און גייסט

געפריידיגט אידעען, וואס זיינען געוועזן זעהר נאהנט צו זיין נאטור.

די געטליכע וועלט-אידעע, וואס, לויט פיכטען, דרינגט זי דורך אלצדינג, האט מער גערעדט צו קאַרליילס האַרץ, אין וועלכער עס האט נאך געקלונגען די אלטע שטים פון ערהאבענעם פוריטאַניזם, איידער דער סקעפטישער שכל פון די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטן, דער שמייכל פון וואָלטערן און די אוטיליטאריסטישע טעאריע פון ירמיהו בענטאַם. ניין, דער מענש איז ניט קיין מאשין, און קיינמאל האט ער עס ניט געוואוסט אזוי פעסט און זיכער, ווי איצט — איצט, ווען ער קען מיט אזא איבערצייגונג וועגן זיך זאגן, אז ער איז א מענש. עס איז גאר ניט אזוי לייכט צו ווערן א אמתער מענש. «א מענש — דאס איז קונסט» באמערקט מיט רעכט נאָוואַליס. מען דארף הארע־ווען, אום א מענש צו ווערן. אָ! ער האט גענוג געהארעוועט. די ווענט פון דער פויערשער הויז פון זיינע גוטע עלטערן קענען עדות זאגן וועגן זיינע אנגעשטרענגטע, לאנגע, טיפע מחשבות, און זיין חבר פון דעם פעריאד, ווען ער איז געוועזן אַ דארפישער לערער, אירווינג, ווייס אויך עפעס וועגן דעם. איצט פילט ער זיך זא־גאר פעהיג צו ווירקן אויף אנדערע, ער פילט זיך פעהיג צו פאר־נעמען דעם געהעריגן פלאַץ און פון דארטן זאגן צו זיינע ענגלענדער דאס, וואס ער האט זיי צו זאגן. סוף כל סוף איז עס דען ניט זיין חוב? א מענש, וואס האט עפעס צו זאגן, באדארף עס אומ־באַדינגט טאָן.

«אנטוויקל דיין «איך», פארווירקליך דאס, צו וואס דו האסט בא־קומען פעהיגקייטן».

אבער זיינע ענגלענדער זיינען מאדנע עקשנים, זיי מאכן זיך נאך אלץ ניט ווויסנדיג פון קאַרליילן און שענקען אים ניט דאס קלענסטע פיצל אויפמערקזאמקייט. די נסיעה קיין לאנדאן און די באקאנט־שאפט, וועלכע ער האט געמאכט מיט אייניגע אינטערעסאנטע מענשן פון יענער צייט (אגב אויך מיט קאָלרידזשן) האבן גאר ניט

געהאלפן, אום צו פארשפרייטן זיין נאמען. דער קאפ זיינער איז פול מיט פלענער. ער וואלט וועלן זיינע ביכער שרייבן מיט אזא סאלידקייט און פעסטקייט, ווי דער פאטער זיינער בויט די הייזער. דערוויל אבער איז ער געצוואונגען צו וואוינען אין פולשטענדיגער צוריקגעצויגנקייט מיט זיין יונגער ווייב אין דער פארוואָרפענער, אומגעמיטליכער אימעניע פון זיין פאמיליע, און זיין באשעפטיגונג באשטייט אין דעם, וואס ער «שלינגט זיין אייגענעם רויך».

ניין, אזוי שלעכט איז עס ניט. ער באשעפטיגט זיך נאך מיט אנדערע ענינים, ביז גאר וויכטיגע. ער פארטיפט זיך אין לייענען ביכער. וואס פאר באגייסטערטע שורות ווידמעט קאַרלייל דעם בוך.

«אין די ביכער איז פארבארגן די נשמה פון דער גאנצער פאר־גאנגענהייט. וואס בלייבט פון די מעכטיגע פלאָטן, ארמעען? וואו איז אַגאַמעֶמנאָן, פעֶריקלעס, גריכנלאנד? גאר ניט איז פון דעם מער פארהאנען. נאר עס זיינען געבליבן עטליכע גריכישע ביכער, און גריכנלאנד לעבט ווידער אין אירע ביכער». קאַרלייל האט ליב אפט אומצוקערן זיך צו אטדעם טרייסטנדן געדאנק וועגן דער אייביגקייט פון א געני, וועגן דער אייביגקייט פון דעם בוך.

אין אטדעם פעריאד פון זיין צוריקגעצויגענעם לעבן, ווייט פון געזעלשאפט, האט קאַרלייל אנגעשריבן זיין «Sartor Resartus». דאס איז א טיף בוך, אין וועלכן ער אנאליזירט אין א כלומרשט הומאריסטישער פארם די מאדערנע קולטור און דאס געזעלשאפט־ליכע לעבן פון די מאדערנע פעלקער. און אזא גוואלדיגע רייכקייט פון געדאנקען געפינט מען אין דעם בוך, אז א אנדערן וואלט עס גע־קלעקט אויף אסך ביכער, און אטדער אנדערער וואלט דערביי גע־מאכט א ביז גאר ערנסטן פנים. קאַרלייל אבער, אטדער אויסער־געוואוינליך טיפער און ערנסטער מענש, מאכט גאר ניט קיין ערנסטן פנים, נאר פונקט פארקערט. אים געפעלט קליידן זיינע געדאנקען אין די קונציגסטע פארמען. אונטער דער מאסקע פון א מאדנער «קליידער־פילאסאפיע» דעקט ער אויף די גאנצע פאלשקייט פון

אונזער קולטור. א זעלטענע פאריייניגונג פון הומאר, אפילו סארקאזם, מיט דעם פאטאס פון צערטליכקייט. דער נערוועזער סטיל איז געזעטיגט מיט דער טיפקייט פון געדאנק און געפיל. אפט באקומט מען דעם איינדרוק פון איינעם, וואס זינגט באגייסטערט... א וואונדערבאר בוך.

מען זאגט, אז עס ווערט גערעכנט צו די באליבטסטע ביכער ביי דעם ענגלישן לעזנדן עולם. אסך, אסך שפעטער. אבער אין דער צייט, ווען קאַרלייל האט עס אנגעשריבן, האט קיינער אים ניט געוואלט קויפן, און, ווען ער האט עס טיילווייז געלאזט דרוקן אין א זשורנאל, האט זיך אויפגעהויבן א אמתער שטורם פון אומ־צופרידנקייט, און מען האט בכלל ניט פארשטאנען ניט דעם אינ־האלט, ניט די פארם. און דאך, ווי מאדנע! אין «סאַרטאָר רעסאַר־טוס» זיינען פונאנדערגעווארפן מיט א געניאלער האסטיגקייט גע־דאנקען, וואס דינען אלס קערן פאר קאַרליילס ווייטערדיגע, שפעטער־דיגע ווערק. ער דערמאנט אגב דארטן אין איין ארט, אז «אין דער נאטור פון מענשן ליגט צו בייטן זייער שפראך פון איין יארהונדערט צום צווייטן», אבער «סאַרטאָר רעסאַרטוס» איז אנגעשריבן אין דער שפראך פון אייביגקייט. דער שפעטערדיגער קאַרלייל, אנערקענט פון אלעמען אלס גייסטיגער פירער, צו וועמענס ווערטער מען האט געהארכט, איז שוין קענטיג אין דעם דאזיגן ווערק זיינעם. דאס, וואס ער באריר̈ט דא נאר פארבייגייענדיג, וועט ער שפעטער אנטוויק־לען בפרטרט אין זיינע פילע, באדייטנדע ביכער. פון די אזוי ווי צו־פעליג געווארפענע עטליכע ווערטער וועגן שווייגן וועט דערנאך ארויס א גאנצער קאפיטל אויף אטדער טעמע. און קלינגט דען ניט שוין אלס א פרעלודיע צו זיינע לעקציעס וועגן «העלדן און וועגן העלדישקייט אין דער געשיכטע» זיינע פאלגנדע ווערטער:

«איך האב אלעמאל געהאט א הייסע ליידנשאפט צו גרויסע מענשן און איך קען זיך אפשר רימען, אז זעהר ווייניג פון די, וועלכע געהערן צו אונזער צייט זיינען פון מיר ניט באמערקט גע־

ווארן· גרויסע מענשן ־ דאס זיינען די באגייסטערטע ריידנדיגע און טעטיגע טעקסטן פון יענעם געטליכן בוך· וואס זיינע קאפיטלען ענדיגן זיך פון עפאכע צו עפאכע· און וועלכע אייניגע רופן אן די היסטאריע·»

אזוי אומגעוואוינליך פיל איז פארהאנען אין דעם בוך· אזי זייענדיג דערנאך שפעטער אין אנדערע ביכער אנטוויקלט און פארטיפט· וועט עס ווערן פאר דעם לעזער די זיסטע גייסטיגע שפייז· און דאך פון «סאַרטאָר רעסאַרטוס» איז דער עולם געבליבן פולשטענדיג אומצופרידן· און ניט נאר דער עולם· נאר אפילו די קרייזן· אגב זעהר קליינע· וועלכע האבן זיך באצויגן צו קאַרליילן גוט און גע־האט פאר אים סימפאטיע· מיט איין ווארט· עס האט געהערשט אלגעמיינע אומצופרידנקייט· א אלגעמיינער קנייטשן די שטערנס· אזא לאגע ברענגט ניט דערצו· אז מען זאל באקומען אסך חשק און ענערגיע· אבער קאַרלייל איז פארט געשיקט דורך דעם הימל· כדי צו זאגן די מענשן די נויטיגע ווערטער· כדי זיי צו לערנען· וויאזוי מען דארף לעבן און וויאזוי מען דארף דאס לעבן פארשטיין· ער איז א אויס־דערוויילטער· א שליח· א אויסדערוויילטן און א שליח קען מען ניט ניט אויסהערן· ווען ער קומט מיט וויכטיגע ידיעות· דאס ניט־פארשטיין מוז סוף כל סוף אויפהערן· קאַרלייל קען ניט בלייבן ווייטער אהן א ברייטער אודיטאריע· אהן באגייסטערטע צוהערער· ער וועט זיי גלייך האבן אטדי צוהערער און· האבנדיג זיי איין מאל· וועט ער זיי שוין קיינמאל ניט פארלירן; פארקערט· זייער צאל וועט האלטן אין איין וואקסן· יאָ! ער וועט זיי האבן· אבער ניט פריהער· איידער עס וועט ערשיינען זיין «געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע»·

קאַרלייל פארשטייט יעדע רעוואלוציע· ווי א היסטארישע אפ־רעכנונג דערפאר· וואס עס ווערט פארשוועכט דאס געזעץ פון אמת בנוגע דער ווירקליכקייט· די רעוואלוציע קומט שטענדיג· ווען א גע־וויסע געזעלשאפטליכע סיסטעם· א געוויסע ארדענונג· געוויסע

אידעאַלן עקסיסטירן אין דער צייט, ווען דער גלויבן אין זיי פעלט. אהן דעם נויטיגן צעמענט קען זיך דער בנין ניט האלטן. ער מוז פונאנדערפאלן. א רעוואלוציע קומט שטענדיג, ווען אנשטאט דעם ווירקליכן גלויבן אין דער ריכטיגקייט פון דער סיסטעם, פון די אידעאלן הערשט נאר דער שאטן פון אזא גלויבן, נאר א פוסטע פארמאליטעט. מיט דעם שאטן אליין, קען מען אבער ניט לעבן, מען קען זיך גאר ניט האלטן. מיר מוזן אומבאדינגט קומען צום אמת, צו דער אויפריכטיגקייט.

«עס מעג געשעהען, וואס מען וויל: טערארר, פראַנצויזישע רעוואלוציע און נאך פארשיידענעס, אבער מיר מוזן זיך אומקערן צים אמת. דאָ אין דער פראנצויזישער רעוואלוציע האבן מיר דעם אמת; דעם אמת, ווי איך האב שוין געזאגט, אין גיהינם־פייער, ווייל מען האט עס אנדערש ניט געוואלט».

איך ציטיר די ווערטער פון קאַרליילס לעקציע וועגן קראמוועלן און נאפאלעאָנען. אין זיין בוך «די העלדן און דאס העלדישע אין דער געשיכטע» (דאס בוך באשטייט, ווי עס איז באקאנט, פון א גאנצער סעריע לעקציעס וועגן אטדער טעמע) רעדט קאַרלייל זעהר פיל מאל וועגן אטדעם כאראקטער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע: די מרידה קעגען דעם שקר. דאס אומקערן זיך צום אמת, ווען אפילו דורך דעם גיהינם־פייער. די פראנצויזישע רעוואלוציע איז דער לעצטער דונער פון יענעם גרויסן שטורם, וואס טראגט דעם נאמען: רעפארמאציע.

ווען קאַרלייל וואלט אנגעשריבן נאר א וויסנשאפטליך־היסטארישע ארבעט, אין וועלכער ער וואלט אנטוויקלט זיינע געדאנקען, אין וועלכע ער וואלט געגעבן א שטרענגן, וויסנשאפטליכן אנאליז פון היסטארישע געשעהענישן, ווען ער וואלט דאס אַמער געטאן מיט דער כאראקטעריסטישער פאר אים טיפקייט, וואלט עס דאך געווען נאר נאך איין ערנסטע, שעצנסווערטע ארבעט צו א גאנצער רייה אנדערע אזעלכע ארבעטן. מיר וואלטן דאן געהאט נאך איין גע־

שיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. קאַרלייל האט אבער ניט נאר א געשיכטע געשריבן, נאר א קינסטלעריש־דראמאטישע פאעמע, פול מיט אומשטערבליכער שיינקייט. דער פארטריבענער אמת דארף ווידער אומגעקערט ווערן אויף דעמזעלבן אָרט זיינעם, אבער אין דעם פאל ווערט עס געטאָן מיט די מיטלען פון גיהינם־פייער.

קאַרלייל באשרייבט אטדעם גיהינם־פייער מיט אזא קראפט, מיט אזא רייכקייט פון איבערלעבונגען, אז דער באַרימטער אויסרוף פון די איינוואוינער פון ווערָאָנא, בעת זיי פלעגן באגעגענען דאַנטען: «זעהט! אט איז דער מענש, וועלכער איז געוועזן אין דעם גיהינם», וואלט ער געקאנט מיט גרויס רעכט אנווענדן אויך אויף זיך. יאָ, ער איז דארטן געוועזן און טאקע דערפאר, וואס ער איז דארטן געוועזן, דערפאר, וואס ער האט געקענט אינערליך איבערלעבן אלע אקטן פון דער גרעסטער דראמע, פילט זיך אויך דער לעזער, וועלכער איז אָנגעשטעקט דורך דעם כוח פון דער קינסטלערישער שילדערונג, אזוי ווי אריבערגעטראגן אהין און מיט א אומגעוואוינ־ליכער אנגעשטרענגטקייט פאלגט ער נאך די דראמאטישע מאָמענטן, וואס גייען איינער נאך דעם צווייטן, לויט דעם אומפארמיידליכן גע־זעץ פון אינווייניגסטער אנטוויקלונג.

מיר געפינען זיך אין די פראכט־צימערן פון דעם יונגן קיניג־פאָר, וואס האט באקומען בירושה די גאנצע פאלשקייט פון דעם רעשט פון דעם פעאדאלן סיסטעם און דערצו נאך ביז גאר צעשטערטע, פארדרייטע פינאנסן. פאר אונזערע אויגן אנטפלעקט זיך די גאנצע גאלערעע הויף־מענשן, מלוכה־מענשן, וואס ווילן ראטעווען דאס, וואס דער גורל האט שוין לאנג פארמשפט אויף אונטערגאנג. קאַרלייל האלט זיי איין אין אונזער זכרון, און זיי בלייבן דארטן א לאנגע צייט, ווייל א האנט פון א מייסטער האט זיי געצייכנט. ער פירט אונז דורך די רייהען פון האלבע, שוואכע מענשליכע נאטורן מיט זייערע האלבע מעשים, און הייסט אונז גלייכצייטיג אפשטעלן זיך א ווילע, כדי צוצוהערן זיך צו דעם שטורם פון אומצופרידנקייט און

מרידה, וואס וואקסט אלץ מער און מער. עס איז שוין אייגנטליך אלץ אנגעגרייט פאר א נייער עפאכע, עס פעלט נאר דער מענש, וואס זאל באשטעטיגן דאס, וואס עס איז שוין לאנג דאָ. עס פעלט נאר דער מענש, וואס זאל זיין אויפריכטיג צו דער נייער ווירקליכקייט. און אייגנטליך איז שוין אויך אטדער מענש פארהאנען, ער איז שוין ארויסגעטראטן אויף דער היסטא־רישער ארענע, און אלע אויגן זיינען אויף אים געווענדט, נאר ער האט ניט געזאגט די ווערטער, וואס דארפן ארייַנפירן דאס נייע אין דער געשיכטע. ער הייסט מיראַבאָ. און שליסליך זאגט ער דאך די ווערטער, וואס דינען אלס פראלאג צו איינער פון די גרעסטע דראמעס פון דער וועלט. דער צערעמאָנימייסטער בערעזע, וואס איז געקומען אין דעם נאמען פונם קיניג פונאנדערטרייבן די פארזאמ־לונג אין דעם זאַל צו שפילן אין פילקעס, האט זיך אייַנפאך דערפילט ווי צעמורשט דורך דער דונערשטים פון מיראַבאָ. וואס פאר ווערטער? וואס פאר א טאָן? „גייט, מיין הער, און זאגט צו די, וואס האבן אייך אהער געשיקט, אז מיר געפינען זיך דאָ לויט דעם ווילן פון פאלק, און קיין זאך קען אונז ניט פונדאנען פונאנדער־שיקן, אויסער דעם כוח פון שווערד“. דאס ערשטע ווארט אלזא, וואס עפנט א נייע בלאט אין פראנקרייכס געשיכטע און אין דער געשיכטע פון דער גאנצע וועלט, איז געזאגט געווארן. דאס איבעריגע וועט שוין אליין פון זיך קומען. מיראַבאָ האט אנגערירט, אויפ־געהויבן פון זיין ארט דעם שטיין, און ער קען זיך שוין ניט קייק־לען אלץ טיפער און טיפער. און הינטער די ברייטע פלייצעס פון דעם נאציאנאלן טריבון שטייט שוין די רייהע פון די, וועלכע וועלן שפילן שפעטער אזא גוואלדיגע ראלע, און וועלכע זיינען דערוויַיל נאך די באשיידענע סטאטיסטן פון דער געשיכטע. יעדער פון זיי וועט ארויסגעטראגן ווערן אויף דער ארענע דורך די וועלן פונם שטורמישן פאלק. דאס פאלק פון פאריז! ווי אטדאס פאלק לעבט אויף אין זיין שכורער באגייסטערונג, אין זיין גוואלדיגן צארן אונטער

קאַרליילס פעדער, און ווי לעבעדיגע, באַלויכטן מיט דעם טראַגישן שיין, שטייען פאַר אונז די ליבלינגער פונם פאָלק און זיינע פירער. ליבלינגער? פירער? נאָר ווער פירט און ווער ווערט געפירט? ווי לאַנג איז עס אייגנטליך געווען, ווי קאַמיל דעמולען, מיט דער גרינער קאָקאַרדע אויף זיין הוט, האָט באַוועגט דאָס פאָלק צום שטורעמען די פעסטונג באַסטיליע, און איצט שטייט ער פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל און אויף די פראַגע, וויפיל יאָר אים איז, ענטפערט ער: «דער עלטער פון דעם גוטן סאַנקילאָט יעזוס, פאַר אַ רעוואָלוציאָנער אַ זעהר געפערליכער עלטער». און ווי אים האָט זיך ניט געוואָלט שטאַרבן אויפן עשאַפאָט, אָטדעם אומגליקליכן דאַנטאָן! דער לייב פון דער רעוואָלוציע, דערזעהענדיג נאָר זיינע פיינד, באַוועלטיגט אין זיך די אַפּאַטיע, די אַנטוישונג, כדי צו האַלטן די פאַרטיידיגונגסרעדע. די לעצטע. ער איז באַזיגט דורך כיטרע, געמיינע אינטריגעס.

«אָ, מיין ווייב, מיין געליבטע ווייב», רופט ער טרויעריג אויף דער שוועל פונם עשאַפאָט, אַבער באַלד דערמאָנט: «דאַנטאָן, זיי ניט שוואַך»! און וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו לעבן, ווען פראַנקרייך איז פאַרניכטעט. און צו דעם תלין סאַמסאָן זאָגט ער: «דו זאָלסט מיין קאָפּ ווייזן דעם פאָלק: ער האָט פאַרדינט, אַז דו זאָלסט אים ווייזן».

«אַזוי גייט אַוועק — פאַרענדיגט אָטדי ערשיטערנדע סצענע קאַרלייל — ווי אַ גיגאַנטישע מאַסע פון מוט, שטאָלץ, צאָרן, ליבע און ווילדע רעוואָלוציאָנערע קראַפט און העלדישקייט, אָטדער דאַנטאָן אין זיין אומבאַקאַנטער היימאַט».

«די רעוואָלוציע איז גלייך דעם סאַטורן, וואָס פרעסט אויף זיינע אייגענע קינדער».

קאַרלייל אין זיין דרייבענדיגן בוך האַלט דעם לעזער אין אַ אַלץ וואַקסנדיגער אַנגעשטרענגטקייט און צווינגט אים פיבערהאַפט נאָכ־פאָלגן דעם טראַגישן פּראָצעס, די וואָגנס, וואָס פירן צום עשאַפאָט

די בעסטע מענשן פון פראנקרייך אונטער דעם פריילעכן, אכזריות־דיגן געלעכטער פון דעם פאלק, פון דעמזעלביגן פאלק, וואס האט ערשט נעכטן נאך געשווארן אויף זיי, ווי אויף אויסדערוויילטע פירער. נעכטן איז עס געוועזן, און היינט שיקט זיי דאס פאלק צום טויט. אבער, וואס מער קעפּ עס קייקלען זיך פון דער גיליאָטינע אין דעם קאָרב, אלץ שוואכער ווערט אויך דאס פאלק, ווארום דאס פליסט זיין אייגן בלוט. עס איז ווירקליך שוואך געווארן דאס פאריזער פאלק, און קיין זאך שטערט ניט מער נאַפּאלעאָנען אויס־צופירן זיינע פלענער. אויף קיין מניעה וועט ער זיך ניט אנשטויסן. דער לעצטער פונקט פון דעם גוואַלדיגן פייער איז אויסגעלאשן גע־ווארן! Finis.

«און איצט, אָ לעזער, ענדיגט קאַרלייל, איז געקומען די צייט, ווען מיר מוזן זיך געזעגענען. שווער איז געוועזן אונזער געמיינזאמע וואנדערונג; ניט אהן ביטערניש, אבער עס האט זיך געענדיגט».

אבער צו זיין פרוי, איבערגעבנדיג איר דעם מאנוסקריפּט, זאגט ער: איך ווייס ניט, אויב דאס בוך איז עפּעס ווערט, איך ווייס אויך ניט, ווי די וועלט וועט זיך מיט אים באגיין: אדער שלעכט באגיין אדער איינפאך פארגעסן, וואס דאס איז די גרעסטע סברה. נאר אטוואס איך וואלט דער וועלט זאגן: אין דעם משך פון א יארהונדערט האט איר ניט געהאט א אנדער בוך, וואס זאל מיט מער פייער ארויס פון מענשנס האַרצן. טוט מיט אים, וואס איר ווילט».

די וועלט האט, פארשטייט זיך, געמאכט פון דעם בוך דעם איינ־ציג מעגליכן געברויך: זי האט געלעכנט און רעכנט עס פאר איינעם פון די זעלטנסטע ביכער, זעלטן טאקע דערפאר, ווייל עס איז ארויס פון א פלאמענדן האַרצן. קאַרלייל איז מיטאמאל געווארן דער באַ־רימטסטער ענגלישער שריפטשטעלער. דעם עולם, דעם לעזנדן עולם איז געפעלן געווארן צו דאטירן זיין באַרימטקייט פון דעם מאמענט אן, ווען עס איז ארויס זיין ווערק וועגן דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

קאַרלייל דארף שוין מער ניט קלערן וועגן דעם פלאן אריבער־צופארן קיין אמעריקע, א פלאן, וואס זיין פריינד עמערסאן האט אים פארגעלייגט. ער דארף זיך שוין ניט פארנעמען מיט אזא טרויעריגער ארבעט, ווי «אליין שלינגען דעם אייגענעם רויך». ענדליך איז פאר אים אנגעקומען די צייט, ווען ער קעןריידן מיט דער באצויבערנדער, טיפער שטים, וועלכע די נאטור האט אים געשענקט. די מענש־הייט באציהט זיך צו אירע גרויסע, בעסטע פאָרשטייער אויף א מאדנעם אופן. זיי ווערן באליידיגט דורך אומאויפמערקזאמקייט, גלייכגילטיגקייט, און אפט מוזן זיי אריבערטראָגן די גרעסטע ליידן. זעהר אפט. דעם טעות, די עוולה, וואס עס איז בנוגע דעם גרויסן מענשן אפגעטאן געווארן, פארשטייט די מענשהייט געוואויג־ליך שוין צו שפעט. זי טוט תשובה אויפריכטיג אדער אומאויפריכ־טיג דאן ערשט, ווען אויף דעם קבר פון דעם ניט־אנערקאנטן, פון פארפאלגטן גרויסן מענש איז שוין אויסגעוואקסן הויכע גראָז. דעם מת ווערט אבער דורכדעם ניט בעסער:

עס שעצט ניט קיין רויזן דער טויטער קערפער,
און א אָדע נאכן טויט איז קיין מתנה ניט.

Hic claudor, Dante, patriis extorsus ab oris.

«דא ליג איך, דאַנטע, פאריאגט פון די אייגענע ברעגעס».

וועלכע ביטערקייט, וועלכער פארוואורף עס ליגט אין אטדי ווערטער. באר גוט, וואס זיי זיינען געזאגט געווארן. די גרויסע מענשן זיינען שוין אביסל צו גוטמוטיג בנוגע די עוולהטוערס. אבער די ווערטער אויף דאַנטעס מצבה באהאלטן פאר די קומענ־דיגע דורות דעם פאקט: פלארענציע האט פאריאגט, ארויס־געטריבן דאַנטען. דאס דארף מען געדענקען. אמת, שפעטער מיט הונדערט יאר האט פלארענציע דורכאויס געוואלט באקומען דעם גוף פון איר גרעסטן בירגער צוריק. א מאדנע געוואוינהייט האט פלארענציע און די פלארענטינער: שטענדיג פארלאנגען זיי זייערע

גרויסע מענשן צוריק, נאכדעם ווי יענע לעבן שוין ניט. אזוי איז עס אויך געווען מיט מיכאל־אנדזשעלאָ. דאָס האט זיך זיי איינגעגעבן. אבער דאַנטען ווילן די איינוואוינער פון ראַווענא ניט ארויסגעבן. אַ דאנק זיי! הגם מען מוז צוגעבן, אז ראַווענא וואלט מיט אירע אייגענע גרויסע מענשן מסתמא זיך אויך ניט אנדערש באגאנגען, ווען זי וואלט געהאט אזא גערעטעניש אויף גרויסע מענשן, ווי די שטאָט פלארענציע. אזוי צי אזוי, נאר גוט האבן זיי דאך געטאן. די אויסגעקריצטע אותיות אויף דאַנטעס מצבה דארף דערמאָנען וועגן דעם באגאנגענעם אומרעכט. מיט אַ פאראדנער פראצעסיע און א בינטל פאַרשפּעטיגטע רויזן קען מען דאך ניט אויסקויפן דעם גוואלדיגן חטא פון פארשאפן ליידן די, וואס זיינען דער שטאלץ פון דער נאציע און פון דער מענשהייט.

יאָ, די מענשהייט זינדיגט צופיל מיט אומאויפמערקזאמקייט צו אירע גרויסע פּאָרשטייער. אמאל פילט עס א פארלאנג צערטליך צו זיין צו דעם גרויסן מענש, אָבער אויך דאן טרעפט אפט, אז די צארטקייט, דאס ארומטראגן זיך פאַרוואנדלען זיך אין גאלדענע קייטן. דער געני ליידט דערפון. אטדעם סארט ליידן האט טאקע געמיינט קאַרלייל, ווען ער האט זיין לעקציע וועגן ראָבערט בורנס פארענדיגט מיט פאלגנדע ווערטער: «ריכטער דערציילט ־ באמערקט קאַרלייל ־, אז אויף דער אינזל סומאטרא איז פארהאן א באזונדער מין לייכטנדיגע זשוקעס, מען זעצט זיי ארויף אויף א שפּיץ, און זיי באלייכטן ביינאכט דעם וועג. אריסטאקראטן קענען ביי אזא אנ־גענעמען ליכטשיין רייזן, און דאס געפעלט זיי זעהר. העכסטע ערע פאר די לייכטנדע זשוקעס, אָבער . . .».

ווי אפט ווערט דער געני דערשטיקט אין אטדי צערטליכקייטן, אבער נאך עפטער פרירט ער אין דער קעלט פון אומאויפמערקזאמ־קייט. מיר ווענדן זיך אבער אומקערן צוריק צו קאַרליילן. זיין ער־פאלג און אנערקענונג זיינען געגאנגען לאנגזאם, אבער זיכער. דעם וועג צו די הערצער פון זיינע מיטבירגער האט ער זיך דורכגעשלאגן,

אמת, מיט גרויס מיה, אבער אויך מיט דער גרעסטער עקשנות. נאך דעם לאנגן און אלגעמיינעם ניט פארשטיין און וואונדערן זיך איבער דער מאדנעקייט פון זיינע טעמעס און איבער דער אַרט פון זיין שרייבן איז געקומען פונקט אזא אלגעמיינע אנערקענונג. ענדליך האט מען דאך פארשטאנען, אז הינטער דער הומאריסטישער, אבער אין אמתן ביז גאר ערנסטער פארם פון Sartor Resartus שטייט א שטאלצער ראנגלער, וואס רייסט זיך אין געראנגל פאר דעם גרויסן אמת פון לעבן. קאַרליילס ערפאלג וואקסט, און מיט אים אויך די צאל פון זיינע אנהענגער. זיינע לעקציעס, באזונדערס די, וואס זיינען דערנאך ארויס אין א באזונדערער אויסגאבע, האבן געהאלפן דער פארשטארקונג און פארטיפונג פון זיין ערפאָלג. פון איצט אָן וועט דער עולם אין קאַרליילן פילן און באגריסן ניט נאר דעם גרויסן מייסטער פון ווארט, נאר אויך דעם גרויסן לערער.

וואס זשע האט קאַרלייל געלערנט?

II

פריהער פאר אלץ דארף מען געדענקען, אז קאַרלייל איז א טיף רעליגיעזער מענש. ניט אין דעם קירכליכן זין, פארשטייט זיך. ווען קאַרלייל רופט אויס: און איך זאָג, די וועלט איז ניט קיין מא־שין! איז עס ניט בלויז דער פאטאס פון א רעדנער. קאַרלייל איז זיכער (און די זיכערקייט איז טייער זיין הארצן), אז די גאנצע וועלט און אלץ, וואס אויף דער וועלט געפינט זיך, איז דורכגעדרונגען מיט דעם געטליכן ליכט. קאַרלייל האט אין זיין לעקציע וועגן לוטערן אין א אויפגעווארפענעם בילד אויך אזויווי זיין רעליגיעזע שטימונג געשילדערט. אמאל ביינאכט, קוקנדיג אויף די וואלקנס, וואס שוועבן איבער דעם הימל, האט זיך לוטער פארטראכט: אויף וואס האלט זיך דאס אלץ, קיין קאָלאָנעס זעהט מען ניט, און דאך האלט עס זיך און באוועגט זיך. פיכטעס געטליכע וועלט־אידעע גיט נאך בעסער איבער קאַרליילס רעליגיעזע שטימונג. זיינע

ווערטער זיינען דורכגעדרונגען מיט א אייגנארטיגן און שיינעם פאנטעאיזם, ווען ער אונטערשטרייכט די איינהייט און די געטליכ־קייט פון דער וועלט.

«ווען מען זאל ריכטיג קוקן — זאגט ער — איז ניטא קיין איין אומבאדייטנדע זאך. יעדע זאך איז, אזוי צו זאגן, א פענסטער, דורך וועלכן פאר דעם זעהער עפנט זיך די אומענדליכקייט. אזוי ריכטיג קוקן קען דער נביא, דער געני, דער פאעט, בכלל דער גרויסער מענש. פון דעם געוואוינליכן מענש צייכנט ער זיך אויס דורך דעם, וואס ער האט די פעהיגקייט אריינדרינגען אין דער היי־ליגער מיסטעריע, אין דעם אפענעם סודי, אין דאס, וואס איז אפן פאר אלעמען, נאר וואס כמעט קיינער האט נאך ניט געזעהען. די אויפגאבע פון דעם נביא און פון דעם געני איז אריינדרינגען אין אטדעם סודי. צו דעם פאעט ווענדן מיר זיך איבערהויפט מיט די ווערטער: פאעט! זעהסטו וואס עס איז? ווען ניט, באמיה זיך ניט מאכן דיינע גראמען». ווען עס איז געגעבן געווארן צו פארשטיין דעם געטליכן אינהאלט פונם ישות, דעם איז געגעבן געווארן דאס קענען ווענן דעם ריידן. ניין, ניט נאר ריידן, נאר אויך דערפאר צו קעמפן. וועלכע פארם עס נעמט אן דער טאלענט אריינצודרינגען אין דעם אפענעם סודי, העננט אפ פון א גאנצער רייה צופעליגקייטן; דאס הייסט: פון צופעליגע תנאים העננט אפ, צי דער מענש וועט ווערן א דאַנטע, א לוטער אדער א רוסאָ. נאר די נאטור פון דעם גרויסן מענש איז איינע און דיזעלביגע. דער אידעאַל פון א כוהן און פון א דיכטער און דער אידעאַל פון א געני איז צו זיין די שטים פון דעם אומזיכטבארן. פונדאנענט נעמט זיך קאַרליילס פארנייגן זיך פאר דעם העלד, פונדאנענט שטאמט דאס, וואס עס ציהט אים שטענדיג צו די גרויסע מענשן. א גלייכווערטל זאגט: «אין די אויגן פון דעם אייגענעם קאמערדינער איז קיינער ניט גרויס». קאַרלייל רעכנט אטדעם גלייכווערטל פאר זעהר א גראבן. שולדיג איז אין דעם ניט דער גרויסער מענש, נאר דער דינער מיט זיין קנעכטישער

נשמה. די עפאכע. וואס האט ניט געקאנט שעצן אירע גרויסע מענשן, האט מסתמא געהאט אסך קנעכט. אבער דער געזונטער אינסטינקט זאגט אונז שטענדיג אונטער דעם אמת: דער גרויסער מענש איז טייערער פון אלע אוצרות פון דער וועלט. קאַרלייל מיינט, אז, ווען די ענגלענדער וואלט אויסגעקומען אויסקלייבן צווישן אינדיע און שעקספירן, וואלטן זיי גאר לאנג ניט געטראכט מקריב צו זיין אינדיע.

צי איז קאַרלייל ניט צו אפטימיסטיש? קען ער דען פארגעסן די ווערטער, וואס זיינען אויפגעשריבן אויף דער מצבה פון דעם אַווטאָר פון דער «געטליכער קאמעדיע»: «דא ליג איך, דאַנטע, פאריאגט פון די אייגענע ברעגעס»? אבער פון דער אנדערער זייט וואס פאר א גרויסער אמת ליגט אין די פאלגנדע ווערטער:

«האמער עקסיסטירט נאך אי'צט. ער איז מיט אונז, ער איז מיט יעדערן, ביי וועמען די נשמה איז גרייט צו עפענען זיך. און גריכנלאנד? וואו איז זי? אויסשטייענדיג אין משך פון טויזנטער יארן שטורימס, איז זי פארבייגעגאנגען, פארשוואונדן, האט זי זיך פארוואנדלט אין א בארג פון שטיינער און מיסט; איר לעבן איז אוועקגעפלויגן פון אונז ווי דער חלום, ווי די אש פון דעם קיניג אַגאַמעמנאָן. גריכנלאנד איז ג ע וו ע ז ן, גריכנלאנד איז מער ניט פארהאנען. זי איז געבליבן נאר אין די ווערטער, וועלכע זי האט געזאגט».

קרעפטיג זיך, זיי מונטער, דו פאעט, וואס בענקט אין דער קאלטקייט פון איינזאמקייט אין זיין מאנסארדע. וואס איז, ווען רוסאָ האט פארדינט זיין שטיקל ברויט מיט דעם איבערשרייבן פון נאָטן? ווען מען זאל ריידן וועגן פעסטיגקייט, וועגן אייביגקייט, זיינען די ו ו ע ר ט ע ר פון רוסאָ אייביגער איידער די מ ע ש י ם פון אלקסנדר מוקדן.

אינטערעסאנט איז אגב, אז א אנדער גרויסע האַרץ, וויקטאר הוגאָ, האט אויך געשוויגן אין א באגייסטערטער פארנייגונג פאר די גרויסע מענשן. ער זאגט ארויס זיין געדאנק וועגן דעם כמעט

מיט דיזעלביגע ווערטער. ער חלומט וועגן דעם, אז אמאל וועט „דאס געזעלשאפטליכע לעבן באשטיין אין שטודירן דעם אמת, און שעדעוורס וועלן זיין געשעהעניש. איליאדע וועט מאכן מער רושם, ווי אויסטערליץ. גריכנלאנד איז געוועזן א קליין לאנד, וואס פארנעמט א שטח פון אונזער האלבאינזל פיניסטערע. אבער גריכנ־לאנד איז געוועזן גרויס, גרויס דורך האמערן, עסכילן, פידיוסן און סאקראטן. די פיר מענשן זיינען געוועזן פיר וועלטן. גריכנלאנד האט זיי געהאט, און דאס איז איר גרויסקייט«.

א גרויסער מענש איז דער, וואס זעהט ווירקליך, וואס לעבט מיט דער ווירקליכקייט, און ניט מיט איר שיין. דאס פארהאנענזיין פון א גרויסן מענש דארף גערעכנט ווערן פאר א יום־טוב, און די עפאכע אהן גרויסע מענשן איז א פינסטערע עפאכע. אין דעם זין איז קאַרלייל געוויס א גייסטיגער אריסטאקראט.

ריידנדיג וועגן דער ראלע פון גרויסע מענשן אין דער געשיכטע, שטרייכט קאַרלייל אונטער איין אייגנשאפט פון אטדי מענשן, וואס אהן איר קען גאר קיין שום גרויסקייט ניט זיין. אטדי אייגנשאפט איז: אויפריכטיגקייט, אמיתות, שטרעבן צו לעבן אין שלום מיט דער ווירקליכקייט און ניט מיט דעם, וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס ווירקליכקייט, הגם עס איז עס ניט, הגם עס איז דער שײַן, דער שאָטן. אייניגע פון די היסטארישע העלדן באלייכטן מיט זייער גרויסקייט דורות גאנצע. צוקוקנדיג זיך אויפמערקזאם צו זיי, זעהען מיר, אז אין די רייהען פון פירער זיינען זיי ארייגעטרעטן נאר אדאנק זייער ליבע צום אמת, אדאנק דעם, וואס זיי האבן ניט גע־וואלט אנערקענען פאר אמת דאס, וואס האט שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין אמת.

דער באשיידענער מאנאך פונם אווגוסטינער ארדען, לוטער, קומט קיין רוים. ער זעהט די צעפאלונג פון דער קאטוילישער קירך, ער זעהט, אז עס איז געבליבן נאר די פארם, פון וועלכער דער אינהאלט איז שוין לאנג פארשוואונדן. די ווירקליכקייט איז פאַרביטן געווארן

מיט דעם שײַן. ער זעהט די מלוכה פון שקר. די פויפסטן יוליוס דער II און לעא דער X זיינען אלץ, וואס מען וויל, נאר ניט קיין רעליגיעזע פירער, אבער אין זייער נאמען פאָרן ארום אזוינע, ווי דער מאנאך טעצל און האנדלען מיט כפרת־חטאים. נאך דעם, וואס לוטער האט געזעהען אין רוים, קען ער זיך ניט צופרידן שטעלן מיט דעם שאטן, וואס פארבייט די ווירקליכקייט. און לוטער טוט אנזאגן דעם אויפשטאנד קעגן דער קירך. אונטער דער אלגעמיינער באגייסטערונג פון עולם פארברענט ער די פויפסטליכע בולע. אזוי האט זיך אנגעהויבן דער ערשטער אקט פון דער רעפארמאציע, און נאך אים די פוריטאנישע באוועגונג אין ענגלאנד. די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע וועט זיין דער לעצטער אפקלאנג פון יענער אנטוישונג, וועלכע לוטער האט אריבערגעלעבט אין דער צייט פון זיין עולה־רגל זיין קיין רוים.

די פוריטאנער דינגען א שיף און פארלאזן זייער פאטערלאנד נאר דערפאר, ווייל זיי קענען ניט ווייטער גלויבן אין דעם, וואס האט אויפגעהערט פאר זיי צו זיין די ווירקליכקייט, ווייל זיי ווילן ניט בלייבן אין שקר. מען קען ניט שאפן עפעס גרויסעס, וויכטיגעס און באדייטנדעס, פארלאזנדיג דעם באדן פון אויפריכטיגקייט און אמת. ווי? א פאלשער מענש וועט שאפן א רעליגיע? ־ רופט אויס קאַרלייל ־ אבער א פאלשער מענש קען דאך אפילו א פשוטע הויז פון שטיינער ניט אויפבויען.

קאַרלייל האט זיך שטענדיג אומגעקערט צו אטדעם פונקט: זייט עכטע מענשן, זייט אויפריכטיג. א אויפריכטיגער מענש לא דאי, וואס ער קען ניט זיין א גוטער און א איידעלער, נאר ער קען אויך ווערן א גרויסער! דער דאזיגער געדאנק גייט דורך דורך קאַרליילס לעקציעס «וועגן העלדן און העלדישקייט אין דער גע־שיכטע» לעקציעס, וואס זיינען ארויסגעגאנגען דערנאך אין א באזונדערן בוך. מען קען זאגן, אז דאס איז דאס באדייטנדסטע פון אלע זיינע ביכער, ווייל אין קיינעם האט ער אזוי שארף און טיף

ניט אויסגעדריקט דעם עצם פון זיין גלויבן. שטיצנדיג זיך אויף אטדי הויפטפרינציפּן, האט ער רעאביליטירט די פארשוועכטע רעפּוטאציע פון אזא העלד, ווי קראָמוועל. בלויז, קענענדיג זיין הויפטשטאנדפּונקט, קאן מען ריכטיג פארשטיין א גאנצע רייה פון זיינע ארויסטרעטונגען וועגן וויכטיגע פראגן, ארויסטרעטונגען, וואס זיינען אפט געשטאנען אין סתירה מיט די אלגעמיין אָנגענומענע מיינונגען און האבן אויף דעם ערשטן בליק אפּגעגעבן מיט קאנסער־וואטיזם. קאַרלייל האט אין א גאנץ גרויסן גראַד פארמאגט דאס, וואס מען רופט אָן «סאציאלע סימפּאטיע». אבער, אויב ער האט זיך נאר זעהר זעלטן ארויסגעזאגט וועגן סאציאלע פראגן, איז דאס דערפאר, ווייל ער איז ראוי געווארן אויף דער וועלט, צו היילן ניט נאר די סאציאלע קראנקהייטן פון דער געזעלשאפט, נאר די געזעלשאפט אין איר גאנצן מהות. קאַרלייל האט געוואלט רעפארמירן די מענשן. מען קען סאציאליזירן דעם עקאנאמישן לעבן, אבער פון דעם וועט ניט פיל ווערן, אויב דער מענש איז ניט דורכגעדרונגען מיט ער־האבענע געדאנקען וועגן דער וועלט, וועגן דעם ציל פון לעבן, אויב אים וועלן זיך ניט עפענען ברייט די אויגן, און ער וועט ניט זעהען, אז אלץ, וואס אונז רינגלט ארום, איז דורכגעשטראלט מיט א געט־ליכן ליכט, אויך ער וועט שליסליך ניט אויפברויזן אין פרייד דער־פון, אז אויף דער וועלט לעבן נביאים, גרויסע מענשן, זעהערס, וואס פארמאגן די פעהיגקייט צו זעהען דעם אפענעם סוד. די גערעכטע פארטיילונג פון רייכקייטן, פון עקאנאמישן גוטס וועט ניט באפרידיגן קאַרליילן, אויב צווישן די מיטגלידער פון דעם עקאנא־מישן עלדאראדא וועט הערשן די אוטיליטאריסטישע טעאריע פון בענטאם, לויט וועלכער אלע מענשן שטרעבן נאר צו א מעגליך גרעסערער צאל ערדישע גליקן און וואוילטאג. אויף וויפיל דער אינהאלט פון לעבן וועט באשטיין אין עשירות, ווען אפילו גע־רעכט פארטיילטע, וועט קאַרלייל רעכענען אזא געזעלשאפט, אלס געגרינדעטע אויף דעם באדן פון פאלשקייט. אזוינע מענשן, ווי

קאַרלייל, קומען ניט צוליב דעם, אום צו מקצר זיין דעם ארבעטס־טאג. זייער אויפגאבע איז צו לערנען די מענשן, ווי אזוי דורכצו־לעבן דאס לעבן, «דאס איינציגע לעבן, דעם קליינינקן שטרייפן ליכט צווישן צווי אייביגקייטן, קיין אנדער געלעגנהייט וועט ניט זיין, קיינמאל ניט מער».

ער לערנט, וויאזוי מען זאל זיך גוט איינארדנען אויף דער וועלט, אבער גוט הייסט ניט אלעמאל לייכט. אזוינע, ווי קאַרלייל, קומען ניט צוליב דעם, כדי צו פארגרינגערן. די הויפטזאך איז: אמת, אויפריכטיגקייט אין אלצדינג. אלדאס איבעריגע וועט שוין פון זיך קומען. און וועמען זאל מען סוף כל סוף גלויבן? די, וועלכע באַ־הויפטן, אז דאס איינציגע, וואס א מענש חלומט, איז וויאזוי אים זאל זיין לייכט, אדער די, וועלכע באהויפטן, אז אין יעדן מענשן ליגט א פארבארגענע בענקשאפט נאך דעם באדייטנדן, גרויסן, הערָאאישן, דאס הייסט נאך דעם שווערן! ווען מען באצאלט דער־פאר אפילו מיט דעם פרייז פון גליק.

לאמיר הערן, וואס קאַרלייל זאגט וועגן דעם. זיין עדות זאגן איז ביז גאר טייער, דען ער איז דאך איינער פון די זעהערס:

«ניט צו פארזוכן דאס זיסע, נאר פארווירקליכן א איידעלע און גרויסע זאַך, זיך גערעכט מאכן פאר דעם הימל, אטוואס עס וויל באמת אפשר דער קלענסטער פון אָדם׳ס זין. ווייזט אים דעם וועג דערצו, און דאס הארץ פון דעם פארשלאגנסטן קנעכט וועט אויפ־פלאקערן מיט דעם הערָאאישן פייער. ווער עס זאגט, אז דער מענש זוכט אין לעבן נאר דאס לייכטע, דער באליידיגט אים. אלץ, וואס איז שווער, וואס פאדערט קרבנות, מארטירערשאפט, ווירקט אויף דעם מענשנס הארץ, ציהט אים צו זיך, וועקט אויף אין אים דאס אינוויי־ניגסטע לעבן, און איר וועט זעהען, ווי הויך עס וועט אויפפלאקערן דער פייער און וועט פארשלינגען אלע נטיות פון נידעריגער מדרגה».

אטדער אויפוועקונג פון דער אינווייניגסטער וועלט האט קאַרלייל געווידמעט זיין לאנגן לעבן. און וואס וואלט ער דען געוועזן פאר

א גרויסער שרייבער, ווען ער וואלט ניט ליידן, ווען ער וואלט די געדאנקען זיינע ניט אויסגעטראגן אין ליידן, ווען ער וואלט זיי ניט געבארן אין יסורים. זאגט ער דאך איינמאל: «דאס דענקען איז א ערנסטע ארבעט, און צו איז דען ניט די צדקות די טאכטער פון ליידן?» ער ציטירט דאַנטעס ווערטער: אט איז דאס בוך, וואס האט מיך מאָגער געמאכט אין משך פון אסך יארן.

קאַרלייל האט אויך מסתמא נאך יעדער ארבעט זיינער געפילט זיך אפגעמאגערט, דען אלץ, וואס ער האט געשריבן, איז ארויס פון זיין פלאמענדיגן הארצן. און געשריבן האט ער אסך. די מאנו־מענטאלע ווערק וועגן דער פראנצויזישער רעוואלוציע, וועגן פרידריך דעם גרויסן, וועגן קראמוועלן, זיינע באגייסטערטע עֶטידן וועגן די בעסטע פארשטייער פון דער מענשהייט, זיינע פּאָליטישע פאמפלעטן און ענדליך דאס וואונדערבארסטע בוך וועגן «העלדן און וועגן דער העלדישקייט אין דער געשיכטע».

גענוג, קאַרלייל! דו קענסט איצט רוהען. פון דעם ערשטן בריטישן מיניסטער ביקאנספילד־דישראלי וועסטו באקומען צו דיין 80־יאריגן יובילײ א ביז גאר פריינדליכן בריוו, אין וועלכן מען וועט דיר פאר דיינע זכיות פאר ענגלאנד און דער גאנצער וועלט פאר־לייגן אין דעם נאמען פון דער רעגירונג דעם טיטל פון א באראָן און א פענסיע. דו וועסט זיך פון דעם אפזאגן, ווארום ביידעס באדארפסטו ניט. בליקנדיג אויף דיין גאנצן לעבן, וועסטו קענען זאגן, אז דו האסט געקאנט פאלגן די עצה, וועלכע דו האסט אמאל אליין געגעבן איינעם א אנהייבנדיגן פאעט: אנשטאט צו גראמען שירים, איז בעסער צו גראמען דאס לעבן. דיין לעבן, איז דורכגע־גאנגען הארמאניש אין ערהאבענע געדאנקען, און קיין איין פלעק איז אין אים ניט פארהאנען, אבער דערפאר ליידן.

קאַרלייל האט געלעבט 86 יאר. ער איז געשטארבן דעם 5-טן פעברואר 1881.

דזשאָן רעֶסקין׳

I

אפילו דעם בעסערן׳ ערנסטערן׳ דענקנדיגן טייל פונם ברייטן לעזער־פובליקום איז דזשאָן רעֶסקינס נאמען באקאנט נאר פון הערן׳ מען קען דאך אנדערש ניט באצייכענען די באקאנטשאפט מיט אט־דעם איידעלעם דענקער און בעסטן פריינד פון דער נאטור׳ שיינ־קייט און מענשן דורך צופעליגע צייטונגס־ארטיקלען׳ צופעליגע רעפעראטן אדער דינע בראשורעס׳ וואס אנטהאלטן ציטאטעס פון רעֶסקינס ווערק וועגן קונסט׳ עטיק׳ סאציאלע פראגן׳ ווען מען גיט א פרעג אזא לעזער וועגן דעם איינדרוק׳ וואס ביי אים איז געבליבן פון דער אויגנבליקליכער באגעגעניש מיט דער הערליכער געשטאלט׳ און צי האט זיך אים איינגעגעבן טרעפן אייניגע כאראק־טעריסטישע שטריכן פון זיין גייסטיגער פיזיאנאמיע׳ באזונדערע ליניעס׳ וועט דער ענטפער זיין אומגעפער אַזאַ: רעֶסקין׳ רעֶסקין׳ דעם גרויסער קונסטקענער׳ פארגעטערער פון דער נאטור׳ דער סא־ציאלער רעפארמאטאר מיט א גאנץ אייגנארטיגן כאראקטער׳ אין דעם אינדוסטריעלסטן לאנד מיט זיינע אומצייליגע פאבריקקוימענס׳ האט ער געפריידיגט דאס אומקערן זיך צום פרימיטיוון׳ צום פאסטא־ראלן׳ צו דער עסטעטישע אידיליע׳ און יעדע נייע באנליניע׳ יעדן טונעל האט ער באטראכט כמעט ווי א פערזענליכע באליידיגונג׳ יאָ׳ רעֶסקין׳ אטדער רירנדיגער אדוואקאט פון די מאלערישע טאָלן׳ הויכע בערג (די אמתע טעמפלען פון דער נאטור)׳ רוישנדיגע וואסערפאלן׳ רעֶסקין׳ וועלכער נעמט די נאטור אין שוץ פון דער ציוויליזאציע׳ מילא׳ ווען איר ווילט׳ א זעהר אינטערעסאנטע

ערשיינונג מיט א אומפאראנטווארטליכער פארחלומטקייט און מיט א מאדנעם אוטאפישן אידעאליזם· אויף וויפיל עס איז אבער באוואוסט· האט נאך קיין איינציגער פאבריקקוימען ניט אויפגעהערט אויס־צועטעמען גערדיכטע וואלקנס פון שווארצן· שטינקענדיגן רויך צוליב דעם· וואס דזשאָן רעָסקין האט געלייענט זיינע דרשות· און· אויב עס האט יא געטראפן אזא פאל· איז עס געוויס דערפאר· ווייל גאנץ נאהענט דערפון איז אויסגעבויט געווארן נאך א גרעסערע פאבריק· מיט א גרעסערער צאל ארבעטער און מיט נאך א גרעסערער צאל פאבריקקוימענס· בכלל איז אייער רעָסקין א איידעלער אריגינאל· וועלכער האט געפטרט זיין גרויסן געירשנטן פארמעגן אויף פאר־שיידענע פאנטאזיעס· וואס האבן צו גארנישט ניט געבראכט·

אטדער שטרענגער און גלייכצייטיג אזוי ווי מילד פארצייהענ־דיגער אורטייל פון דעם אינטעליגענטן בעל־הבית ענדיגט זיך נאך מיט אייניגע אנעקדאטן וועגן דעם דאנקיכאטיזם פון דעם האסער פון די פאבריקן און אייזנבאנען· וועגן דעם· למשל· ווי ער לאזט זיך אוועק אויף דער זוכעניש נאך א פרימיטיוון וועבשטול פון גוטע· אלטע צייטן און· געפינענדיג אזעלכן· פרייט ער זיך פונקט אזוי· ווי דאנקיכאט האט זיך געפרייט· ווען אים האט זיך געדוכט· אז ער פאריאגט א גוואלדיגע פיינדליכע מחנה··· און אויך וועגן דעם· וויאזוי רעָסקין האט זיך אפגעזאגט צו מאכן זיינע נסיעות מיט דער אייזנבאן און האט אנשטאט אטדעם גראָבן אומעסטעטישן באווע־גונגסמיטל בעסער באנוצט די פאָסטפערד· מיט וועלכע ער איז גע־קומען· אמת· אביסל שפעטער צום ציל· דערפאר אבער איז אלעמאל געבליבן די מעגליכקייט מיט הנאה און מיט ליבע צו באטראכטן די לאנדשאפטן· צוקוקן זיך צו די באוועגונגען פון די וואלקנס· צו די פליגנדיגע פויגלעך· און אפט מאכן א פויזע· ארויסקריכן פון דער קארעטע לכבוד דער באשיידענער· אבער ניט ווייניגער רייצנדיגער פעלדבלום אדער לכבוד דעם גרינעם צווייג· וואס דער באגייסטערטער אנבעטער פון דער נאטור צייכנט מיט דער גרעסטער געַנויקייט·



דזשאָן רעסקין
(פאט. פ. ברוקמאַן א.־ג., מיונכען)

מען קען זעהר לייכט פארמערן די צאל פון אזוינע «מאדנע גענג» רעָסקינס, ווי אויך די ביישפילן פון אומערלויבטער פארחלומטקייט (פון דעם שטאַנדפונקט פון א ניכטערן אדער אביסל פעסימיסטיש געשטימטן מענש). אבער דאס, וואס פאר דעם אינטעליגענטן בעל־הבית דוכט זיך אויס «מאדנע גענג», האט געשטאמט פון א הארמא־נישער עטיש־עסטעטישער וועלטאנשויאונג, און, וואס איז שייך דעם חלומען, איז רעָסקין איינער פון די טעטיגע און איידעלע מיטגלידער פון יענער נויטוועגדיגער, מען קען זאגן הייליגער, משפחה טרוימער, וואס האבן געשאפן די לעגענדע וועגן דעם לעבן, אלס קאנטראסט צו דעם ר עאלן לעבן, וואס האט מיט דער שרייענדיגער אומגערעכ־טיגקייט, העסליכקייט שוין צו פיל באליידיגט די נשמה. דאס רעאלע לעבן! די טאכטער פון אינדראַ, וועלכע איז אומפארזיכטיג געוועזן און האט זיך פון די ווייטע הימלען אראפגעלאזן אויף דער ערד, כדי צו געפינען כאטש איין ווינקעלע, וואו עס וואלט געהערשט א מענשליך גליק, האט זיך געמוזט באלד איבערצייגן, אז אזא ווינקל איז ניטאָ. זי האט זיך איבערצייגט, אז די מענשן פארמאגן אין א אומגעוואוינליך גרויסער מדרגה די קונסט צו פארוואנדלען דאס לעבן אין א גיהינם, און אינדראַס טאכטער קען דאס ווייטער ניט אויסהאלטן צו זעהען און זי בעט איר פאטער, ער זאל זי ווידער ארויפנעמען אויף דעם הימל. זי וויל ניט מער זיין צוגע־בונדן צו דער ערד. גוט איז אינדראַס טאכטער! זי האט א ארט, וואוהין צו גיין... דער פאעט, דער דענקער, דער נביא גייען אויך אוועק, נאר זייער הימל איז דער חלום, דאס קיניגרייך פון א נייעם אמת. דער פאעט טרוימט פאַסיוו, אינדערצייט ווען דער דענקער, דער נביא טרוימען, אזוי צו זאגן, בקול רם. זיי זיינען טעטיג אין זייערע טרוימען. זיי פריידיגן, אינדערצייט ווען דער פאעט נעמט אויף זיך די ראלע פון א עלעגישן אויסטעגהן זיך. רעָסקין געהערט צו די טרוימער פון דער ערשטער קאטעגאריע, צו די זעהר טע־טיגע. יאָ, ער האט געטרוימט, ער האט זיך אפגעגעבן אטדער

שוואכקייט פון גרויסע מענשן מיט התלהבות, הגם אפט האט ער אליין דערקענט, ווי ווייניג האפענונגען עס זיינען דא, אז זיין חלום זאל מקויים ווערן.

«גיט א טראכט, זאגט ער אין זיין דרשה «וועגן די אוצרות פון די מלכים» (אטדי דרשות האט רעָסקין ארויסגעגעבן אין א באזונדערן בוך אונטער דעם נאמען «סעזאם און ליליען»), וואס פאר א וואונדערבארע געשעהעניש דאס וואלט געוועזן, ווי שווער דאס איז זיך פארצושטעלן ביי דעם מצב פון אונזער איצטיגער נאציאנאלער חכמה! מיר זאלן אונזערע פויערים מיט איינניטונגען אין ביכער לערנען, אנשטאט מיט שווערדן! ארגאניזירן אונטער דער קאמאנדע פון גוטע גענערעלער, און מיט גוטע שכירות אונטער־האלטן א ארמיי פון דענקער, אנשטאט ארמייען פון מערדערס! – געפינען א נאציאנאלן פארגעניגן אין דעם לעזעצימער, אזוי גוט ווי אויף די פלעצער צום שיסן; און פרייזן געבן ניט נאר פאר א גוט געטראפענעם שאָס, נאר אויך פאר א גוט געטראפענעם ווארט! דער געדאנק אליין, אז די קאפיטאליסטן פון די ציוויליזירטע לענדער זאלן אמאל אונטערשטיצן די ליטעראטור אנשטאט די מלחמה, קומט פאר – ווען מען זאל דאס ווערלן אויסדריקן מיט ווערטער – ווי א גוואלדיגע נארישקייט».

ביי דעם טרוימער איז נאך פארהאנגען, ווי מיר זעהען פון די אקארשט געבראכטע שורות, דער חוש צו דער ניכטערער ווירקליכ־קייט, אום צו פארשטיין די גאנצע אוממעגליכקייט פון זיינע חלומות, הגם אין דעם, אז מען זאל ארויסגעבן פרייזן ניט נאר פאר א גוט געטראפענעם שאס, נאר אויך פאר א גוט געטראפענעם ווארט, איז דאך ניטא אזוינס, וואס זאל שטיין אין סתירה צו דעם געזונטן שכל און צום עלעמענטארן יושר. נאר, אויב עס זיינען דא חלומות אומפארווירקליכטע, זיינען פון דער אנדערער זייט פארהאנען חלומות, וואס זייער פארווירקליכונג העננט אפ פון אונז, פון אונזער גלויבן, פון אונזער ענערגיע. אין ענגלאנד גופא מיט זיינע אומ־

צייליגע פאבריקן און סוחרים קען מען אפרייסן א שטיקעלע ערד און פארוואנדלען אין א גן־עדן. מיר וועלן הערן ווי אזוי רעָסקין האט וועגן דעם געחלומט שוין מיט מער זיכערקייט אויף ערפאלג:

„מיר וועלן פרובן א קליינינקע שטיק ענגלישע ערד מאכן שיין, פרידליך און פרוכפערדיג. דערצו וועלן מיר ניט באדארפן קייז דאמפמאשינען, קיינע אייזנבאנען, קיין ווילנלאזע, געדאנקענלאזע באשעפענישן. אומגליקליך וועלן נאר זיין ביי אונז די קראנקע, און גאר ניט ארבעטן וועלן נאר די מתים. מיר ווילן ניט פראקלאמירן קיין פרייהייט, נאר די אומבאדינגטע אפהיטונג פון באשלאסענע און אנגענומענע געזעצן; אויך ניט קיין גלייכקייט, דערפאר אבער העלפן יעדן טאלאנט און באזייטיגן יעדע מיטלמעסיגקייט. וועלן מיר דארפן ערגעץ וואוהין גיין, וועלן מיר רוהיג גיין צופוס און ניט מיט סכנות פאָרן לעבן פאָרן זעכס ענגלישע מיילן אין א שעה. ווען מיר וועלן דארפן וואס עס איז ערגעץ וואוהין טראנספארטירן, וועלן מיר דאס טאן אויף די רוקנס פון אונזערע פערד אדער אויף אונזערע אייגענע פלייצעס אדער אויף וואגענס אדער אויף לאדקעס. אין אונזערע גערטנער וועלן זיין גענוג בלומען און פירות, און אויף אונזערע פעלדער גענוג קארן און גראז און ווייניג שטיינער. אויך אביסל מוזיק און פאעזיע וועלן מיר האבן. די קינדער אויף דעם קליינעם שטח ערד דארפן לערנען זינגען און טאנצן, און אפשר וועלן די אלטע אויך דערשפירן דערצו א פארלאנג“.

אבער קען מען דען דאס אלץ ניט קריגן אין ענגלאנד? איז עס דען נויטיג ארומטראגן זיך מיט פלענער וועגן גרינדן באזונדערע מוסטערהאפטע האלבקאמוניסטישע פערמעס? געפינט זיך ניט ענגלאנד אויף דעם העכסטן פונקט פון זיין אויסערליכער און אינערליכער מאכט? די אינדוסטריע און דער האנדל בליהען, די צאל פון די ווייסטע לענדער, וועלכע באקאנען זיך מיט דער ענגלישער פאָן, וואקסט אלץ, און עס פארשטייט זיך, אז מיט דעם וואקסט

אויף דער נאציאנאלער רכוש. אמת, ניט אלע זיינען גליקליך אויף דעם בריטישן האלבאינזעל, נאר דאס איז דערפאר, ווייל, ווי מיל האט זיך אמאל אויסגעדריקט, «גאָט האט ניט גענוג זאפאס פון אטדעם ארטיקל», און פונדעסטוועגן געהערט רעָסקין צו יענע, וועלכע זיינען אָפן אומצופרידן. ער נייגט זיך ניט פאר דעם פעטיש פון נאציאנאלע עשירות, וויבאלד דאס לעבן פון יעדן איינציגן פון זיינע מיטבירגער איז, לויט זיין מיינונג, ניט געזונט, ניט שיין און איז סותר די הויפטבאדערפענישן פון דער מענשליכער נאטור. רעָסקינס פראפאגאנדיסטישע טעטיגקייט און פארשיידענע סאָ־ציאלע עקספערימענטן פאלן אויס אויף יענעם פעריאד פון דער צווייטער העלפט פונם נייִנצעטן יארהונדערט, ווען אין דער פאליטיק האט געפייערט דעם ערפאלג דער אימפעריאליזם פון ביקאנספילדן, און פאר דער העכסטער חכמה פון דער עקאנאמישער וויסנשאפט האט זיך גערעכנט די מאנטשעסטערשע טעאריע, די טעאריע פון דעם פרייען שפיל פון די קרעפטן. די געזעלשאפט האט געלעבט אין דעם טעות, אז זי לעבט אין א עלדאָראַדאָ. אמת, אין די ארבעטער־קווארטאלן האט מען געקענט הערן מיינונגען פון א פולקום היפכ־דיגן כאראקטער וועגן די פארמען און וועגן דעם אויפבוי פונם איצטיגן לעבן. אבער קיינער האט ניט געפרובט געפינען עפעס אומנארמאלעס אין דעם, וואס אין דער שכנהשאפט מיט דעם גן־עדן ליגט דער גיהינם, און אז דארטן, אין דעם גיהינם, הערט מען קריצן מיט די ציינער, יאמער און קללות. רעָסקין איז ניט פון דארטן געקומען, ניט פון גיהינם, און אין דעם איז די באזונדער־קייט פון זיין ארויסטרעטונג; פארקערט, לויט זיין געבורט, געהערט ער צו יענעם פריווילעגירטן קלאס מענשן, וועלכע זיינען ערצויגן געווארן אין דער רגילות ניט צו זעהען דאס, וואס קען ארויספירן אויף ערנסטע ביטערע געדאנקען. אפילו אין יענע גליקליכע פאלן, ווען צו דער מאטעריעלער פריווילעגירטקייט קומט נאך צו דער גלענצנדער גייסט און טאלאנט, אפילו אין אזוינע ניט אפטע פאלן

איז עס געוואוינליך אזוי, אז אזא מיטגליד פון דער פריווילעגירטער געזעלשאפט, ווען ער האט זיך ניט אויסגעקליבן א פאליטישע קאריערע, גייט אוועק צו דעם אבסטראקטן עסטעטיזם, צו דעם אנגענעמען שפיל און צום דילעטאנטיזם פון דער קונסט. ער ווערט א אנהענגער פון א אריסטאקראטישער טעאריע אדער ער שאפט אליין א אזעטיגע, און דער סוף איז, פארשטייט זיך, אז ער זעהט ווידער נאר דאס, וואס איז אנגענעם פאר דעם אויג און פאר דעם הארץ, הערט ווידער דאס, וואס קלינגט זיס פאר דעם אויער. וואס איז נוגע אריסטאקראטיזם, איז רעסקין געוויס אים ניט פרעמד גע־ווען. מען וואלט אים ניט געקענט חושד זיין אין א שטרעבונג צו ניוועלירן, צו א גלייכהייט אויף יענע געביטן, וואו דאס קען און דארף גאר ניט זיין. אזא מין ניוועלירן וואלט געשטאנען אין סתירה צו דעם גאנצן גייסט פון זיין עטיש־עסטעטישער טעאריע און צו יענע שטימונגען, מיט וועלכע עס איז טיילווייז אויך מסכים געוועזן קאַרלייל, וואס האבן אין זיך אסך עלעמענטן פון דער אייגנארטיגער פעאדאלער ראמאנטיק. אין דעם ערשטן קאפיטל פון זיינע זכרונות (Praeterita) איז ער זיך מודה אין דעם, זאגנדיג, אז צוויי פאעטן, וועלכע האבן אויף אים מער פון אלץ געהאט א ווירקונג, האבן אים געלערנט דעם טאָריזם:

«דאס הייסט אויפריכטיגע, הויכע ליבע צו די קיניגן און אזא אויפריכטיגע שנאה קעגן די, וועלכע פרובן זיי צו ווידערשפעניגן. נאר די אידעעס, וואס דיביידע, האָמער און סקאָט, האבן מיר געגעבן וועגן מלכים, געפין איך שוין איצט אביסל פארעל־טערט; ביידע, דער אַווטאָר פון דער איליאדע ווי דער אַווטאָר פון וועווערליי, שילדערן, אז זייערע מלכים אדער די וואסאלן פון די מלכים האבן מער געארבעט, ווי אלע אנדערע מענשן. איך האב אויך אנטפלעקט, אז ניט נאר זיי האבן מער געארבעט, נאר זיי האבן דערצו נאך ווייניגער באקומען, ווי אלע אנדערע מענשן; יא, די בעסערע פון זיי זיינען געקומען, אום צו פארוואלטן אהן וועלכן עס איז שכר».

אויף אזא אופן איז אויף די מלכים, אויף די שררות, וועלכע רעָסקין האט געמיינט, געלעגן אזא שווערער יאך פון ארבעט, אזוי פיל התחיבותן, אז זייער לעבן איז געווען א עבודה. זייער מיסיע איז באשטאנען דעריין, אז זיי זאלן זיין די ערשטע דארטן, וואו עס האט געדראָט א סכנה. און נאר, האבנדיג אין זינען אזא פאר־שטעלונג וועגן מלכים, קאן מען פארשטיין זיין האפענונג צו גע־פינען מענשן, וועלכע זאלן זיין פעהיג צו דער קיניגליכער ווערדע.

רעָסקין איז געווען א אריסטאקראט אין יענעם גייסטיגן, איידעלן זין, אין יענעם העכערן זין, ווען אריסטאקראטיזם קעןווירקליך ווערן א מעלה. אין דעם דאזיגן העכערן אויסדרוק זיינעם באטייט ער ניט דעם מאנאפאל אויף א גרעסערן סכום פון וועלטפארגניגונגען, ניט קיין יאַכטע, ניט א שאטיגן פּאַרק, ניט געיעג, ניט פרשכורט ווערן אין דעם הערשן, נאר א אומגעוואוינליך פיינעם געוויסן, וואס רעאגירט אויף יעדער אומגערעכטיגקייט, פאלשקייט און העסליכקייט אינם לעבן, סיי אין די באציהונגען פון מענשן צו מענשן סיי אין די באציהונגען פון מענשן צו דער נאטור. צי איז עס גע־ווען די השפעה פון דעם פוריטאניזם, דאס שטענדיגע לייענען די ביבל אדער א פולע אנדערע טעמים, אבער רעָסקין האט זיך ניט באנוגנט מיט דער ראלע פון א באגייסטערטן באטראכטער פון דער נאטור, פון א באגייסטערטן ליבהאבער פון דער נאטור. ער טרעט אויף דעם וועג פון א לערער, פון א בעל־מוסר. פארמאגנדיג א אומגעוואוינליכע פעהיגקייט צו זעהען (און אהן אזא פעהיגקייט קען מען, לויט קאַרליילן, ניט זיין קיין פאעט), צו קוקן, קענענדיג הערן דעם ווייטסטן פליספער פון דער נאטור, באמערקן די אומקלאָרסטע שאטירונגען פון די פארבן, איז אים ווייניג, אז ער זאל וועגן דעם בלויז שיין דערציילן. פאר זיין הייליגסטן חוב רעכנט ער הויך און ווי מעגליך איבערצייגנדיגער זאגן די מענשן, אז דאס איז א טעמפל. «איך שטעל מיר פאָר די נאטור – זאגט ער – ניט ווי גאטס ווערק, נאר אלס א וועלט, וואס עקסיסטירט גאנץ אפגעטיילט פון

אים«· ער האט ארומגעוואנדערט איבער אטדער וועלט אין הייליגער באגייסטערונג· אבער זיין תפילה־שטימונג האט מען געגעבן די שווערסטע שלעג· ווארום די מענשן גייען ניט איבער דער וועלט אין א שטילער באגייסטערונג· נאר טראגן זיך איבער איר· ווי א שטורם· פארניכטנדיג אלץ· דער שענסטער לאנדשאפט איז ניט גאראנטירט פון פארהעסליכט ווערן· ווען עס האנדלט זיך נאר וועגן פארדינען· וועגן ארויסשלאגן מאטעריעלע נוצן· און דערביי איז דאך ניטא אין גאנץ ענגלאנד· ווי אין דער גאנצער וועלט מסתמא· קיין איין מענש· וואס זאל זיך ניט ערנסט באליידיגן· ווען מען וועט אים זאגן· אז ער האט ניט ליב די נאטור·

«איר האסט די נאטור – שרייט אויס רעָסקין· איר הייססטער אדוואקאט – איך וויל מיט דעם זאגן· אז איר האסט די טיפסטע און הייליגסטע איינדרוקן פון דער אומבארירטער נאטור· די פראנצויזישע רעוואלוציאנערן האבן פארוואנדלט אין שטאלן די פראנצויזישע קאַטעדראַלן; און איר האט פארוואנדלט אין פלעצער פאר גע'יעג די טעמפלען פון דער גאנצער וועלט· אייער איינציגע פארשטעלונג פון פארגניגונגען איז ארומפארן מיט די באנען איבער דעם שטח פון אטדי טעמפלען און צובייסן אין זייערע ארונות· איר האט געבויט א אייזנבאן־בריק איבער דעם שאַפהויזענער וואסער־פאל· דורכגעגראבן א טונעל אין די לוצערנער פעלזן לעבן דער טעל־קאפעלע· צענישטיגט דעם קלאראנער ברעג פון דער זשענעווער אזערע· אין גאנץ ענגלאנד איז ניט געבליבן קיין איין שטיקל שטילן טאָל· וואס איר האט ניט אנגעפילט מיט דעם בושעווען פון פלאַמען· קיין איין פיצל ערד· וואוהין איר האט ניט אריינגעשטויסן דעם שטויב פון די קוילן; אין פרעמדע לענדער איז ניטא קיין איין רעזידענציע· וואו צווישן די הערליכע אלטע גאסן און פרידליכע גערטנער זאל ניט ארויסטרעטן די קרעץ פון נייע האטעלן און פארפום־געשעפטן; אפילו די אַלפן· מיט אזא ער־פורכט געליבט פון אייערע פאעטן· זיינען פאר אייך פארוואנדלט

געוואָרן אין קלעצער פון די שפּילפּלעצער הינטער דער שטאָדט; איר דאַרפט דורכאויס אהין ארויפקלעטערן און מיט א באגייסטערטן קוויטשען צוריק אראפּגליטשן זיך».

די מענשן קענען זיך ניט באגייסטערן מיט דער היילינער שיינ־קייט פון דעם טעמפּל פון דער נאַטור. וואָס קענען זיי יא? ברענ־גענדיג אלס קרבן דאָס טייערסטע, וואָס קאָן נאָר זיין, האָבן זיי אפשר פאַר אַטדעם אומפאַרגלייכליכן פּרייז געקויפט עפּעס אנדערס? רעָסקין, צוקוקנדיג זיך צום לעבן פון דער געזעלשאפט און פונם פאָלק, קומט צום שלוס, אז די מענשן פאַרמאָגן א מייסטערהאַפטע פעהיגקייט איבערצודרייען דאָס לעבן, צו פאַרדאַרבן עס, מיאוס מאַכן, פאַרוואַנדלען אין א גיהנם אין אלע הינזיכטן. גאָט! וואָס פאַר א אומפעהיגקייט זיך איינצואָרדנען! וועלכע העסליכקייט עס הערשט אַרום און אַרום! וואָס פאַר א גייסטיגע און מאַטעריעלע עניות. באמת, די מענשן קענען קיין זאַך ניט. מען דאַרף זיי אלץ לערנען פון אָנהייב. אפילו, ווי מען דאַרף לייענען א בוך, ווייסן זיי ניט. «מיר האַלטן זיך פאַר א ריינער נאַציע, און אין דערזעלביגער צייט זיינען מיר אַזוי קאַרג און נאַריש, אז מיר גראָבן זיך אין פרעמדע ביכער, געגומענע אויף פּראָקאַט אין די ביבליאָטעקן».

און רעָסקין ווערט א בעל־מוסר, א סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר, א בעל־עצה פאַר דער מענשהייט. און אלס מיטל צום ווירקן ווענדט ער אַמאָל אָן שטרענגע פאַרוואָרפן, אַמאָל גלעט ער מיט צוציהענ־דיגע בילדער. אָבער עס טרעפט אויך, אז זיין שטים קלינגט, ווי די שטים פון א ברוגזדיגן נביא, און ער שילט. ער איז דער צווייטער נאָך קאַרליילן, וואָס צום היילן געזעלשאפטליכע חלאות גייט ער ארויס פון פּרינציפּן פון אומגעוואוינליכער אידעאַלער און גייסטיגער הויכקייט. אין זיינע ביכער, אַרטיקלען, עפנטליכע רעדן ציטירט ער דאָס רוב איין בוך, דאָס איז די ביבל.

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו אַטדער ראָלע זיינער, אלס פאַרבעסערער פון דער מענשהייט, אלס סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר,

וואס זיינע פלענער האבן זיך, אמת טאקע, ניט איינגעגעבן, אבער זיי האבן פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט צו פארבארגן אין זיך אסך אמתן אין דעם זין פון פארשטיין די אויפגאבן און פארמען פון דעם בוי פון דעם געזעלשאפטליכן לעבן. מיר דארפן אבער ווארפן א בליק אויף רעסקינס ביאגראפיע, אויף זיין קינדהייט און יוגנט, וואס זיינען דורכגעגאנגען ביי זעהר גוטע באדינגונגען. ווען זיין אינטערעס צו סאציאלע פראבלעמען האבן ניט געשטאמט פון דער פסיכאלאגיע פון א מענשן, וואס איז באליידיגט דורך דעם שיקזאל, וואס קומט פון די קווארטאלן, וואו עס הערשט ארימקייט און אומ־צופרידנקייט, נאר פון זיין שטענדיג וואכן געוויסן, וואס שעמט זיך מיט דער פריווילעגירטקייט פון איינעם, וואס געהערט צו דער קליינער גרופע גליקליכע אויף אטדער ערד (א געפיל, וואס איז אין פראגן פון געוויסן ענליך צו דעם געפיל פון די רוסישע בעלי־תשובה פון דעם אַדל), איז דערפאר די באגייסטערונג, מיט וועלכער ער האט זיך באצויגן צו דער נאטור, יענעס ווירקליך רעליגיעזעס טיפעס געפיל, וואס ער האט געהאט צו איר, מיטגעבראכט געווארן פון אים אין דער וועלט אדאנק די גליקליכע אומשטאנדן, אין וועלכע עס זיינען פארגאנגען די יארן פון זיין קינדהייט און יוגנט. אויב ער האט געווידמעט אזויפיל באגייסטערטע הימנען דעם טעמפל פון דער נאטור, איז עס נאָר דערפאר, ווייל נאך פון כמעט די קינדערשע יארן אן האט ער זיך געגרייט מתפלל צו זיין אין אטדעם הייליגסטן פון די טעמפלען.

II

דזשאָן רעסקין, געבארן דעם 8 פעברואר 1819, איז געוועזן דער איינציגער זון פון אריסטאקראטישע עלטערן. אויב היינעס וויציגע באמערקונג וועגן דעם, אז ער איז ניט געוועזן פאָרזיכטיג אין דער אויסקלייבונג פון זיינע עלטערן, האט וועלכן עס איז זין, קען מען בנוגע דזשאָן רעסקינען זאגן, אז זיין אויסוואל איז געוועזן זעהר

גערעטן׳ . . ער איז זיך מודה׳ אז די השפעה פון זיינע עלטערן אויף אים׳ ניט נאר אין די פריהע יארן׳ נאר אפילו שפעטער׳ איז געווען אומפארגלייכליך שטארקער׳ איידער די השפעה׳ פון וועלכע עס איז אויסערליכע אומשטאנדן׳ סיי די באציהונגען פון חברשאפט׳ סיי די באציהונגען פון א תלמיד צום רבין׳ די אוניווערסיטעט אדער די אזויגערופענע «גרויסע וועלט»׳ אין זיינע זכרונות גיט ער דעריבער אפ זעהר פיל ארט זיינע גוטע עלטערן׳ און די געשיל־דערטע פּאָרטרעטן פון דער מייסטערהאפטער און דאנקבארער האנט פון דעם זון׳ זיינען אזוי׳ אז זיי רופן ביי אונז ארויס א געפיל פון טיפער סימפאטיע׳ פאר אונז שטייען אויף די געשטאלטן פון מענשן׳ וועלכע זיינען ערצויגן געווארן אין דער איבערצייגונג׳ אז דאס לעבן איז א ביז גאר ערנסטע זאך׳ און אז מען דארף זיך ניט אין אטדעם לעבן ווארפן לייכטזיניג׳ געפירט בלויז דורך דעם ברען פון דער יונגער נשמה׳ נאר׳ גרייטנדיג זיך צו דער וויכטיגער אויפ־גאבע׳ מוז מען יעדן טריט איבערטראכטן׳ אפוועגן׳ און אים טאן ערשט דעמאלט׳ ווען מען איז ווירקליך צו אים גרייט׳ רעָסקינס פאטער׳ וועלכער האט אויסגעקליבן די פראפעסיע פון א סוחר׳ איז אויף אטדעם טומלדיגן וועג באגלייט געווען מיט עצות ניט פון פלינקע געשעפטמאכערס׳ וואס לערנען וויאזוי גיך צו פארדינען געלט׳ נאר מיט א רירנדיגן בריוו פון דעם פראפעסאר פון מאראל־פילאסאפיע׳ אין וועלכן ער זאגט׳ אז ער וויל אים זעהען ניט נאר אלס טיכטיגן׳ נאר אויך אלס ערליכן און חשובן סוחר׳ דעם פארלאנג פון דעם אלטן פריינד און לערער וועט נאך לייכטער באשערט זיין מקויים צו ווערן׳ ווייל לעבן דעם פולט פונם האנדלסהויס Ruskin Telford & Domeqs שטייט א מענש׳ וועמענס קאפ איז פול ניט נאר מיט פלענער וועגן א גיכער אנטוויקלונג פון זיין ווייגעשעפט׳ נאר אויך מיט געדאנקען וועגן ליטעראטור און קונסט׳ לעבן דעם פולט איז אייגנטליך געשטאנען א פאעט׳ וואס האט געקאנט ביז טרערן באגייסטערן זיך מיט דער שיינקייט פון א שיר און מיט די

ראמאנטישע שילדערונגען פון וואלטער סקאטן. געוויס, ענערגיש דארף ער זיין, ווייל דער פאטער האט אים געלאזן דאס געשעפט באלאָדן מיט חובות און אין זעהר א שלעכטן צושטאנד. ענערגיש דארף ער נאך אויך דערפאר זיין, ווייל צוניפצובינדן זיין גורל מיט זיין קרובה מארגארעטע (די פריינדשאפט איז שוין לאנג איבערגע־גאנגען אין ליבע), האט ער באשלאסן נאר דאן, ווען ער וועט שטיין פעסט אויף די פיס. ניין יאר חתן־כלה איז, אמת, אביסל א צו לאנגער טערמין פאר ליבנדע, רעָסקין האט אבער ניט געהאלטן פאר מעגליך דעם טערמין מקצר צו זיין. זיין כלה האט ער געפירט צו דער חופה מיט דעם באוואוסטזיין, אז אין מאטעריעלן זין איז ער געזיכערט, און, וואס איז שייך דער גייסטיגער וועלט, זייגען קיין גרויסע סתירות צווישן זיי ניט געוועזן. די פוריטאנישע שטרענג־קייט פון דער פרוי איז געמילדערט געוועזן דורך דער ווייכע נאטור פון דעם מאן, א נאטור מיט א נטיה צו פאעטישער פארטראכטקייט און הארציגער סאנטימענטאליטעט. און, ווען אויף דער וועלט איז נאך געקומען דער זון דזשאָן, איז דעם גליק געגעבן געווארן יענע פולקומענקייט, וועלכער מען איז אינדערשטיל מקנא, און וועלכע דינט אלס ביישפיל. ווען דער אוטאר פון וועלכן עס איז ראמאן וואלט וועלן שילדערן א אידעאלן חשובן סוחר, ניט אין דעם זין, אז ער פירט ארנטליך זיינע געשעפטן, לאזט אפ סחורה פון גוטער קוואלי־טעט, נאר אין דעם זין, אז ער פארשטייט אויך, וויאזוי איינצואורד־נען זיין לעבן מיט הארמאניע און מיט א טיפן גייסטיגן און עסטעטישן אינהאלט, וואלט דער בעסטער מוסטער פאר אזא שילדערונג גע־וועזן רעָסקינס פאטער, דער ערשטער דירעקטאר פון דער גרויסער ווייפירמע, וועלכע האט געשמט נאך ווייטער פון ענגלאנדס גרעניצן דורך זייגע בעסטע סארטן וויין. אפילו זיין סוחרישע טעטיג־קייט איז ניט געוועזן פריי פון א געוויסן אריסטאקראטישן שטריך: די ענערגיע, די איניציאטיווע האט ער פארוועגדט נאר אויף דעם, אז די פירמע זאל באקומען די ברייטסטע פאפולאריטעט ניט דורך

דער גרויסער צאל סוחרישע אפעראציעס· נאר דורך דער סאליד־קייט פון דער מארקע· דורך דער קוואליטעט· אזוי אז· ווען עמיצן זאל זיך ווירקליך פארוועלן צו האבן אין זיין קעלער א גוטן· איי־דעלן ווייַן· זאל ער וויסן· אז גיכער און זיכערער פון אלץ קאן ער דאס באקומען אין דעם האנדלסהויז Ruskin, Telford & Domeqs·
אין דעם איז באשטאנען דער ערגייץ פון רעֶסקינען· אויף דעם איז אנגעווענדט געווארן זיין ענערגיע· ביז האלבן טאג זיצט ער אין דעם ביורא· פארשטייט זיך; דער צווייטער האלבער טאג געהערט די פאמיליע· וואו עס האט געהערשט פרידן· באקוועמליכקייט· שטילע רעליגיאזיטעט און יענע שיינע באשיידנקייט· וועלכע· אונטערשיידנדיג זיך פון דער אביסל דערשראקענער באשיידנקייט פון דעם בעל־הבית· טראגט אויף זיך די חתימה פון אמתן אריסטא־קראטיזם· דער קלייניקער דזשאָן הערשט· פארשטייט זיך· איבער די מחשבות פון זיינע עלטערן· ער איז דער צענטר פון זייער גליק און האפענונגען· אבער מערקן לאזט מען עס אים ניט· פארקערט· מען ערציהט אים לויט א באשטימטן· שטרענג אויסגעארבעטן פלאן· באזונדערס ווערט די שטרענגקייט ניט אפגעשוואכט· ווען עס האנדלט זיך וועגן די ביבל־שטונדן· וועלכע די מוטער האט אים אליין געגעבן· ביז ער איז אנגעקומען אין אקספארדער אוניווערסי־טעט· רעֶסקין דערציילט· אלס ביישפיל פון זיין מוטערס שטרענג־קייט· וויאזוי זי האט אים דריי וואכן נאכאנאנד געצוואונגען איבערחזרן איין און דעמזעלביגן ארט אין דער ביבל· ביז זי האט אים ניט אויסגעלערנט ענדליך זאגן דאס נויטיגע ווארט· ווי עס דארף צו זיין· אין דער צייט פון די ביבל־שטונדן איז קיינעם ניט ערלויבט געווען צו שטערן· די געסט· וואס האבן געקאנט צופעליג קומען· האבן באדארפט אדער אנטייל נעמען אין לייענען די ביבל· אדערווארטן· אין דער שטרענגקייט איז אבער ניט געווען קיין סימן פון דעספאטיזם· דערפאר האט רעֶסקין געקאנט צוריקבליקן אויף זיינע קינדהייטסיארן· ווי אויף דעם גאלדנסטן פעריאד פון זיין

לעבן. דאס איז געווען די שטרענגקייט פון א הייסליבנדיגער מוטער. אלנפאלס, די וועלט האט פאר דעם קליינעם דזשאָן אויסגעזעהען ווי א גן־עדן. באזונדערס האט אים אויסגעזעהען ווי א גן־עדן דער גרויסער גארטן אין זייער הויז (פאר דער צייט זיינען די געשעפטן פון פאטער אזוי גוט געגאנגען, אז ער האט זיך גע־קויפט א הויז) מיט דער נפקא מינא נאר, אז אין גן־עדן זיינען אלע פירות געווען פארבאטן. דערפאר אבער האט ער געקענט, וויפיל ער האט נאר אליין געוואלט, אפגעבן זיך דער ליידנשאפט, וואס אין אים איז געווען, דער ליידענשאפט פון קוקן, באטראכטן. רעָסקין זאגט אין זיינע זכרונות, אז אלע האבן אין אים, דעם קינד, ניט באמערקט עפעס אזוינס, אין וואס מען וואלט געקאנט זעהען סימנים פון באזונדערע טאלאנטן, אויב מען זאל ניט רעכענען אטדי פעהיגקייט צום אומערמידליכן קוקן. ער האט זיך בוכשטעבליך גע־קאנט איינזינקן מיט די אויגן אין א לאנדשאפט, וואס האט אויף אים געמאכט א שטארקן איינדרוק, און אין אזא צושטאנד בלייבן שעהן לאנג. ער זאגט, אז די גרעסטע פרייד אין זיינע קינדערשע יארן איז פאר אים געווען קוקן אויף דעם ים. שיפן זיך אדער שפאצירן אויף דעם ברעג האט מען אים, פארשטייט זיך, ניט ערלויבט, ניט מחמת שטרענגקייט, נאר מחמת דער גרויסער מורא, עס זאל חלילה א אומגליק ניט טרעפן מיט דעם געליבטן, איינציגן זון. דאן האט ער זיך אפגעגעבן דער פרייד פון קוקן, פון באטראכטן און ניט מיד ווערן צו פאלגן דעם שפיל פון די כוואליעס. אויף אזא אופן האט די נאטור נאך אין די קינדערשע יארן טיפער, ווי געוואוינליך ביי אנדערע קינדער, זיך איינגעגראבן אין זיין נשמה. ווייל זיין אַרט באקאנטשאפט מיט איר איז געווען א אנדערע, א אומגעוואוינליכע. די אויפגענומענע איינדרוקן זיינען געבליבן אויף לאנג. ווי ברייט האבן זיך באדארפט עפענען די אויגן ביי דעם קינד, ווען ער האט פאר זיך צום ערשטן מאל געזעהען די וועלט אין איר גאנצער פיל־פארביגקייט, אין איר גאנצער שיינקייט. ניין, באמת, דער פאטער

רעָסקין האט ווירקליך געהאט א פיינעם געשמאק בנוגע דעם פאר־שטיין, ווי אזוי מען דארף צו לעבן. די געשעפטליכע נסיעות צו זיינע פילע קונים אין ענגלאנד, וועלס און שאָטלאנד פארשטייט ער אזוי צו מאכן, אז זיי ווערן פארוואנדלט אין א אמת אידילישער נסיעה, וועלכע מען קען זיך נאר פארשטעלן, אין א אנגענעמער ביז גאר עקסקורסיע פון דער גאנצער פאמיליע, א עקסקורסיע, ביי וועלכער דאס אננעמען ־ און דאס איז דאך אייגנטליך געווען דער הויפטציל ־ פון באשטעלונגען ביי די קונים און שמועסן מיט זיי איז זיך סתם אזוי א כלאחר־יד־זאך, אבער אויף דעם ערשטן פלאן שטייט ארומקוקן אלטע היסטארישע שלעסער, זיך פרייען מיט די שיינע טאלן. אזא נסיעה, וועלכע האט געדויערט צוויי זומער־חדשים, ווערט, פארשטייט זיך, געמאכט ניט מיט דער באן, נאר מיט דעם אנגענעמען ענגלישן וואָגן, באשפאנט מיט צוויי גוטע פערד. מען פארשטייט, פארוואס רעָסקין האט דערנאך, ווען ער איז געווארן איינער פון די אריגינעלסטע ענגלישע שריפטשטעלער, אזוי געשטורמט קעגן די אייזנבאנען און זיינע איילנדיגע לאנדסלייט, «אטדי איצטיגע קנעכט, וועלכע, פונקט ווי זיי וואלטן געווען חיות אדער אפגעזעגטע בוימער, לאזן זיך שלעפן איבער לענדער און מיינען, אז זיי באזוכן זיי». מען פארשטייט, פארוואס ער האט דאס אזוי ליב, אויספירליך צו שילדערן די אלע מעלות, די אלע באקוועמליכקייטן, וואס די אלטע וואגנס פון דער אל־טער גוטער צייט האבן געגעבן. צופיל האט ער זיי געהאט צו פארדאנקען אין די קינדערשע יארן און שפעטער אין דער יוגנט, ווען ער האט געמאכט די נסיעות צוזאמען מיט זיינע עלטערן איבער פראנקרייך, שווייץ און איטאליע. נאר, ווען מען פארט, ווי אין אלטע צייטן, איז מעגליך יענע אינטימע פאר־בונדנקייט מיט דער נאטור, יענער טיפער געפיל, מיט וועלכע רעָסקין האט זיך אויסגעצייכנט. זעהר אויפריכטיג קלינגט רעָסקינס ווידוי.

«פון דער פריהער יוגנט ביז צום אכצנטן אדער צוואנציגסטן יאר האב איך געהאט הנאה פון אטדעם איינציגן גליק׳ וואס איז ניט אן ערך גרעסער פון יעטוועדן אויסגעטראכטן גליק און קען לויט זיין אינטענסיווקייט צוגעגליכן ווערן צו דעם נחת פון א פארליבטן׳ ווען ער זעהט זיין געליבטע׳ און איז פונקט אזוי ניט צו ערקלערן׳ ניט צו שילדערן׳ ווי די ליבע גופא»· נאך בעסער׳ בולטער באצייכנט רעָסקין זיין באציהונג צו דער נאטור׳ ווען ער זאגט: «פאר מיר זיינען די שטיינער אלעמאל ווי ברויט געוועזן»·

עס פארשטייט זיך פון זיך אליין׳ אז זעהר פריה איז ביי אים אויפגעוואכט דער אינטערעס צו קונסטווערק׳ צו יענע בילדער׳ וועלכע האבן דערציילט וועגן די הערליכע לענדער׳ הערליכע שלעסער׳ נאך מער׳ ווען אין אים אליין איז געווארן קאָנטיג א טאלאנט צו מאָלן׳ ווען צו זיין געבורטסטאג (אים איז דאן געווארן 13 יאר) האט זיין פאטערס שותף הענריי בעלפאָרד אים געשאנקען ראדזשערס «איטאליע»׳ האט די שמחה גאר קיין סוף ניט געהאט׳ און דעם איינדרוק פון אטדער מתנה שרייבט רעָסקין צו אזא באדייטונג׳ אז ער האט׳ לויט זיינע ווערטער׳ באצייכנט די הויפטריכטונג פון זיין לעבן׳ אין אטדער באגייסטערטער באציהונג זיינער צו דער נאטור און אויך צו דער קונסט זעהען די עלטערן א ערשיינונג׳ וועלכע זיי האבן זיך ניט נאר ניט געקליבן צו שטערן׳ נאר׳ פאר־קערט׳ מיט אלע מעגליכקייטן געזעהען אטדי תשוקה נאך צו פאר־שטארקן׳ צו פארטיפן׳ און געטאן האבן זיי עס ניט׳ ווייל זיי זיינען דורך א געוויסער ריכטונג דערצו באשטימט געווארן׳ דורך א געוויסער מעטאדע אין דער ערציהונג׳ נאר דער עיקר דערפאר׳ ווייל דאס איז זיי אליין אויך זעהר נאהענט געוועזן צום הארצן׳ ווייל דאס איז געוועזן אויך זייער אייגענע זיילישע און עסטעטישע באדערפעניש· פון די בילדער און עסקיזן האט גרויס נחת׳ פרייד און התפעלות געהאט ניט נאר דער זון אליין׳ נאר אויך דער פאטער און די מוטער· אמת די מוטער איז אויף איר שטענדיגן שטייגער

געוועזן אביסל איינגעהאלטן אין דעם אויסדריקן אירע געפילן, נאר פונדעסטוועגן, ווען זי האט אמאל געזעהען די באזונדערע התפעלות, וועלכע דאס באטראכטן פון עסקיזן פון שיינע ערטער האט ארויס־גערופן ביי איר זון און מאן, איז זי דאס די ערשטע געוועזן, וועלכע האט געזאגט, אז זי פארשטייט ניט, פארוואס זאלן זיי אמאל אטדי ערטער טאקע ניט זעהען אויך אין דער ווירקליכקייט. פארוואס זאל מען איינפאך ניט נעמען און זיך דורכפארן אהינצו. «פארוואס טאקע ניט?», האט מיט שטראלנדיגע אויגן געענטפערט דער אלטער רעָס־קין, און די ערשטע נסיעה צו יענע הערליכע, באצויבערנדיגע ערטער ווערט באשלאסן, און דאס דרייטאגיגע גרייטן זיך צו דעם הייליגן עולה־רגל זיין גייט פארביי אין א גליקליכער, פרייליכער אויפגע־רעגטקייט. דער רעזולטאט פון דער נסיעה איז געוועזן די באקאנט־שאפט מיט אזוינע שטעדט ווי קאַלע, ברי‌סל, קעלן, סטראסבורג, בערן, לוצערן, צירי‌ך, קאָמאָ, מילאן, גענוא; צו דעם דארף נאך צוגערעכנט ווערן די באוואונדערונג, וואס אונזערע טוריסטן האבן געהאט פון דעם שיינעם ריין, פון דעם פארחלומטן שווארצוואלד, פון די הערליכע איטאליענישע אזערעס. אמת, די גרויסע יובי־היצן צווינגען זיי אויסמעקן פון דעם פלאן פון דער נסיעה רוים און איילן אהיים, אבער אויך אהן רוים זיינען זייערע קעפ און הערצער איבער־פולט מיט איינדרוקן און אין די קופערס זיינען באהאלטן א היפשע צאל עסקיזן פון דעם יונגן רעָסקין, וואס אייניגע פון זיי, ווי די עסקיזן פון דער קירך אין דיזשאן און פון דער ברי‌סעלער ראטושע, זיינען לויט רעָסקינס, דעם פאטערס, מיינונג ווערט, מען זאל מיט זיי שטאלץ זיין. אלנפאלס, ער, דער פאטער, איז שטאלץ. ער הייבט אן גלויבן אין דעם, אז זיין זון איז באשערט צו ווערן א גרויסער מענש, א בארימטהייט, און שפעטער וועט ער אלץ איילן זיין זון שרייבן דאס ווערק «די מאדערנע מאָלערס». און, הגם ער זעהט, אז די וועגן, וועלכע דער זון האט זיך אויסגעקליבן, זיינען אלעמאל אנדערע, זעלבשטענדיגע, אז ער האט ניט ליב צו גיין

אויף אויסגעטראטענע וועגן, און אלס אויפגאבע פאר זיך, אלס עסטעטישן חוב, רעכנט ער איינצופירן אין ענגלאנד דעם מאלער טורנער, וואס, ניט קוקנדיג אויף זיין גרויסן טאלאנט, בלייבט נאך אלץ אין דעם צושטאנד פון פארגעסנקייט; ניט קוקנדיג אויף א פולע אנדערע מאמענטן, וואס זאגן עדות וועגן רעָסקינס אייגנארטיג־קייט, וויל דער פאטער פונדעסטוועגן נאר איינס: דער זון זאל ווייטער ארבעטן אין דער ריכטונג, וועלכע ער האט זיך אויסגע־קליבן. עס וועט מסתמא ניט לייכט זיין צו געפינען אין דער סוחרישער וועלט אזא מאדנעם סוחר, וואס זאל פאַרן טויט אפ־געבן דעם זון זיין קאלאסאלן פארמעגן, ניט כדי ער זאל ווייטער אנטוויקלען דעם געשעפט, נאר כדי ער זאל עס פריי פארנוצן פאר זיינע עסטעטישע און סאציאלע עקספערימענטן. מען דארף מודה זיין, דער פאטער רעָסקין איז געוועזן א מענש, א ביז גאר זעל־טענער, א אייגנארטיגער און, אפשטייענדיג דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן לעבן דעם פולט, האט ער דאך איינגעזעהען, אז דער אמתער זין פון דעם לעבן ווערט מער פארענטפערט, ווען מען גיט אויס מיליאנען אויף איידעלע פלענער, וועלכע וועלן זיך אפשר גאר ניט איינגעבן, איידער ווען מען באשעפטיגט זיך מיט סוחרישע אפעראציעס, וואס גיבן א סך ריווח.

אין יאר 1835 רייזט רעָסקין מיט זיינע עלטערן אין אויסלאנד. אין זיינע זכרונות ווידמעט ער א גאנצן קאפיטל אטדער נסיעה, און באכאמאל זעהען מיר פאר אונז דעם שטארק פארליבטן, וועלכער ווערט ניט מיד צו דערציילן וועגן דער שיינקייט פון זיין געליבטער, דער נאטור. דעם אלטן שטעטעל אבעוויליע געהערן די באזונדערע סימפאטיעס פון דעם באגייסטערטן טוריסט, ווייל מיט זיין פא־טריארכאלישקייט פאסט עס טאקע צו די אידעאלן פונם לעבן, וועלכע רעָסקין האט זיך פארגעשטעלט. דריי שטעט האבן מער פון אלץ געהערשט איבער זיינע מחשבות און מער פון אלץ געמאכט אויף אים א שטארקן איינדרוק. דאס איז רואַן, גענוא און פיזאַ,

אבער אבעווילע געווינט באזונדערס זיין הארץ פאר זיין געטריי־שאפט צו די אלטע פארמען פונם לעבן; שפאצירנדיג איבער זיינע גאסן, פארגעסט מען יענע אומברחמנותדיגקייט, מיט וועלכער די נייע צייט פירט דורך אירע געזעצן פון געשווינדקייט, פון דער טעכניק, פון דעם אינדוסטריאליזם, פארניכטנדיג יעדן סימן פון אמאליגע צייטן. אבעווילע איז איינער פון יענע ווידערשפעניגע ערטער, וואס דינט אלס עיר־מקלט פאר דעם הילפלאזן עמיגראנט — דער ראמאנטיק. און מיט ליבע באשרייבט רעָסקין די געשיכטע פון אטדעם שטעטל, לויבט זיינע שטילע, איידעלע מאַנירן און פארזיכערט, אז דער איינדרוק, וואס ער האט פון דארטן ארויס־געטראגן, איז אזא, אז ער וועט אים טייער בלייבן ביז דעם סוף פון די טעג זיינע.

און דער וועג פון פאריז ביז זשענעווע! ער פארנעמט ווייניגער ווי א מעת־לעת צייט, און דער איינציגער פארלאנג פון דעם טוריסט איז... וואס גיכער קומען אויף א ארט. וואס קען דערציילן דער איצטיגער מענש פון אזא רייזע אויסער דעם, אז ער האט באצייטנס באוויזן באווארענען זיך מיט א גוטן פלאץ אין וואגאן, און אז דער מיטאג אין שפייזוואגן איז געווען גוט. אבער פריהער, מיט אסך יארן צוריק, האט אזא נסיעה, אפילו ניט ביי א באזונדערן ליבהאבער פון דער נאטור, ארויסגערופן א אומגעוואוינליכע רייכקייט פון איינדרוקן, פאר רעָסקינען אבער איז עס געווען א קוואל פון העכסטן פארגניגן. מען דארף קיינמאל ניט פארגעסן, אז ער האט אויפגענומען די שיינקייטן פון דער נאטור אומגעוואוינליך אינטענ־סיוו, מען קען אפילו ניט אנווענדן ביי דעם פאל אזא אלגעמיינע באצייכענונג ווי «איינדרוק», ווייל מיר באגעגענען זיך אפט ביי רעָסקינען מיט אזא ווידוי, ווי: «אטדי בערג האבן געהאט א אומ־באשרייבליכע ווירקונג אויף מיין גאנצן לעבן». מיט וואס פאר א פרייד האט געקלאפט זיין הארץ, ווען פאר זיינע אויגן האבן זיך צום ערשטן מאל באוויזן די אַלפּן אין זייער אומפארגלייכליכער שיינקייט.

ניט אלע די, וועלכע זאגן ארויס זייער פרייד מיט די ליפּן, פילן עס ווירקליך אין זייער הארצן. רעָסקינען, ווען מיט די יארן זיינען געקומען די ביטערע ערפארונגען פונם לעבן מיט אלע זיינע אנטוי־שונגען, איז אויסגעקומען דערנאך זיך צו איבערצייגן, וויאזוי דאס רוב מענשן, אין א מין אומגליקליכער בלינדקייט, גייען פארביי פאר־ביי די טיפסטע פריידן, און ער שרייבט ניט אהן א עלעגישן טאָן: «אלץ מער און מער נעמט מיך ארום שטענדיג, ווען, זיצנדיג ביים קאמין, בלאנדזשע איך אין די געדאנקען ווידער איבער די אלפּן, א וואונדער און שטוינען, פארוואס האט דאס גאט באשאפן אטדי אלפּן, פארוואס האט ער געגעבן דעם הירש דעם גיכן לויף און קיינעם ניט איינגעפלאנצט אין הארצן די ליבע צו דעם». אטדי, מיט א לייכטן פעסימיזם דורכגעדרונגענע שטימונגען זיינען אים געקומען שפּעטער, ווען ער האט געזעהען, אז די געזעלשאפט הערט בעסער זיינע שיינע דרשות און לייענט זיינע אריגינעלע ביכער, איידער פאלגט אין פראקטישן לעבן זיינע עצות. דאס איז אלץ שפּעטער. דאמאלסט אבער איז ער נאך געוועזן א באגייסטערטער יונגער מאן, וועלכער האט געפרובט די געפילן, וואס האבן אין אים געברויזט אין דער נסיעות־צייט, אויסדריקן אין מאלערישע עס־קיזן, אין שירים און אין פראזע.

די דאזיגע נסיעות האט ער אגב געמאכט מיט דעם מאקסימום פון באקוועמליכקייטן, וואס איז נאר מעגליך געוועזן אין יענער צייט.

III

דער פון דעם מזל צעלאזענער, געצערטלטער, איינציגער זון פון רייכע עלטערן, וועמען אפילו אין דעם אקספארדער אוניווערסיטעט פעלט ניט דער מוטערס ווארימער, מיט ליבע פולער בליק (רעָסקינ׳ס מוטער, ניט וועלנדיג לאזן דעם זון אליין, האט זיך איבערגעקליבן קיין אקספארד), וועמען עס ווערן געגעבן אויף זיינע נסיעות אין אויסלאנד צוויי טרייע, איבערגעגעבענע דינערס, אטדער דורכאויס

גליקליכער ווערט אבער ניט פון דעם אלעם א ווייכע, פארצער־טעלטע באשעפעניש, באין אופן ניט אין גייסטיגן און מאראלישן זין. אים ווערט געגעבן זעהר פיל, אבער ער אליין באגרעניצט זיך מיט התחייבותן. עס איז אנגענעם צו רייזן, ווען וועגן אלע קליינינג־קייטן פון לעבן זארגן אזוינע צוויי טרייע דינער, ווי דזשארזש און קויטע, אבער אויך דער «האר» רעָסקין ווייס זיין חוב. ער רעכנט זיך פאראנטווארטליך פאר דער רעליגיעזער ערציהונג פון זיינע דינער. אינדערפריה און פארנאכט לייענט ער מיט זיי קאפיטלען פון דער ביבל. צווישן די רייזנדע הערשן פאטריארכאלישע באַ־ציהונגען, עס שמעקט אביסל מיט פעאדאליזם, אבער מיט א זעהר ראמאנטישן, אידעאלן, מיט אזא נעמליך, ווען ניט נאר דער קנעכט, נאר אויך דער בעל־הבית ווייס זיין חוב. מיט איין ווארט, ווי אין די אידעאלע ראמאנען, וועלכע האבן געפרובט צו באשיינען די אלטע ארדענונג. די דאזיגע פעאדאלע ראמאנטיק איז ביז דעם סוף פון זיין לאנגן לעבן געבליבן רעָסקינס כאראקטעריסטישער שטריך. ערנסטקייט, געוויסע עקשנות און א גרויסע זעלבשטענדיגקייט אין דענקען צייכענען אים אויס נאך אין די יונגע יארן. דער אריסטא־קראט און פוריטאנער אין אים זיינען גורם דערצו, אז אפילו זיין פריהערדיגער דילעטאנטיזם אין קונסט האט ניט צו טאן מיט דער געוואוינליכער לייכטיגקייט, מיט אריסטאקראטישע שפילערייען, נאר איז ערנסט און גייט דערנאך אריבער אין א עבודה, אין א קולט. זיינע ידיעות מערן זיך, פארטיפן זיך, אבער דאס איז ניט דאס אומ־אויסקלייבערישע וויסן, דאס איז ניט דאס סתם אזוי אָנזאַמלען וויסן, ניין, רעָסקין האט זיך זיינע וועגן, זיינע קאפריזן. ער קלייבט. ער גייט ארויס פון באשטימטע פרינציפן, וועלכע הערשן איבער אים. אנערקאנטע שטרעמונגען אין דער קונסט, אמאל אפילו א גאנצע עפאכע אין דער מענשליכער קולטור־געשיכטע (ווי דאס איז געוועזן מיט רעָסקינס באציהונג צו דער עפאכע פון דעם רענעסאנס) לאזן אים כמעט גלייכגילטיג, וויל זיי שטימען ניט מיט זיינע מאַ־

ראלישע און עסטעטישע פאדערונגען· זיין מיינונג אין אלע אזוינע פאלן זאגט ער ארויס אהן דער גאווהדיגער פאראדאקסאלישקייט, אהן דער ביטערקייט פון א פאנאטיקער, נאר מיט דעם טאן פון א מענש, וואס וויים פעסט דאָס, וואס ער ווייס, און וואס האלט פאר זיין חוב די מענשן צו לערנען. עס איז ניט צו העלפן! רעָסקין געהער צו דער משפחה פון יענע אומענדליך רירנדיגע און ער־האבענע בעסער־ווייסער, וואס דערעסן אפשר אביסל, אבער זיי קענען קיין איין איינציגן טאג ניט לעבן, ניט לערנענדיג די ארימע, זינדיגע מענשהייט, אטדעם ניט פאלגנדיגן און ניט הערנ־דיגן תלמידי.

נאך אין די יונגע יארן גייט שוין רעָסקין ארום איבער דער ערד א אָנגעלאָדענער מיט התחייבותן און מיט א פאסטארישער נטיה צו דרשענען און רעזאנירן. פונקט ווי אין דער צייט פון זיין נסיעה דורך איטאליע און דורך דער שווייץ האט ער גערעכנט, אז ער איז ניט אנדערש ווי פאראנטווארטליך פאר דער רעליגיעזע ער־ציהונג פון זיין דינער דזשארזש, פונקט אזוי וואלט אים מאדנע פאר־געקומען, ווען מען וואלט אים זאגן, אז די מענשהייט האט באמת קיין גרונט ניט זיך צו באקלאגן, אז עס האט א צו קליינע צאל פון לעקציעס באקומען; פייערליך געשטימטע ערציהער זיינען געווען גענוג, און, הגם די פייערליכע שטימונג האט זיי ניט פארלאזן ביז דעם טויט, האבן זיי פונדעסטוועגן ניט געקאנט זיך רימען מיט בא־זונדערע ערפאלגן פון זייערע דרשות. אלץ איינס! רעָסקין וועט פאָרט לערנען די מענשן, ער וועט דאס טאן, ווען ער וועט אין באגייסטערטע ביכער ארויסטרעטן, אלס הייסער באשיצער פון דעם ניט אנערקאנטן מאלער טורנער, ווען ער וועט פאר א אויסדערוויילטן עולם האלטן זיינע דרשות וועגן קונסט, שיינקייט, ווען ער וועט אויף די בלעטער פון די זשורנאלן אנטוויקלען זיינע סאציאלע אידעעס, סאציאלע פלענער, וועלכע געפינען זיך אין א פולקומער סתירה הן מיט דער הערשנדיגער מאנטשעסטערשער שיטה והן מיט דער סאציאליסטישער

לערע. דאס, וואס זיינע פלענער גיבן זיך אים ניט איין, מאכט אים ניט אפּהענגיק. ער בלייבט זיך טריי ביזן טויט, און, הגם אויף דער גאנצער וועלט וואלט ער ניט געקאנט אנווייזן אפילו איין שטיקל ערד, וואו זיינע אידעעס וואלטן דורכגעפירט ווערן מיט א ווירקליכן ערפאלג, וואלט ער פונדעסטוועגן, ווען אים וואלט אויסקומען נאָכאַמאָל דורכצולעבן אזא לאנגן לעבן, געוויס געסטארעט זיך אזוי, און ניט ווי עס איז אַנדערש, צו לעבן.

יאָ, נאָכאַמאָל דורכלעבן זיין ערהאבענעם לעבן מיט אלע אוטאָפּישע חלומות, מיט אלע ניט איינגעגעבענקייטן, דען – און דאס איז די הויפּטזאך – אין אים איז פעסט געזעסן דער גלויבן, אז ער איז גערעכט, אז ער ווייס, וואו דער ריכטיגער וועג איז.

ער בלאנדזשעט איבער די בערג און טראכט וועגן דעם, וואס פאר א ערהאבענע ווירקונג די נאטור דארף האבן אויף די מענשן. אלעמאל, ווען ער באזוכט אטדי ערטער, געפעלט אים דער רעיון צו בויען זיך דא א קליינע הויז, און אים דוכט זיך, אז אזא לעבן שטימט ניט בלויז מיט זיין געשמאק, נאר דאס איז איבערהויפּט די איינציגע אַרט פון לעבן, וואס האט אַ זין, מיט א מין קנאה טראכט ער וועגן די מאָנאַכן, וואס לעבן אין דעם קלויסטער, וואס איז פארבאהאלטן אין די שפאלטן פון די בערג. מיט איינעם אזא מאָנאַך, זיין פירער, האט ער א שמועס אויף אטדער טעמע, נאר דער מאנאך מיט זיין פארשלאפענעם, גאר ניט גייסטיגן פנים, מיט זיין גאנצן אפּגעלאזענעם אויסזעהען גיט צו פארשטיין, אז אים איז דא זעהר לאנגווייליג, און, ווען רעֶסקין הייבט זיך אן פונאנדעררעדן וועגן דעם, וויאזוי די וואונדערבארע לאנדשאפטן מוז ווירקן אויף רעליגיעזע נשמות, ענטפערט דער מאָנאַך: «מיר קומען אהער ניט צוליב דעם, אום צו קוקן אויף די בערג».

«אין דעם נאמען פון אלץ, וואס מען רעכנט פאר נארישקייט אויף דער וועלט, צוליב וואס זשע אנדערש קומט איר אהער?» טראכט פאר זיך רעֶסקין.

אלעמאל דאס אייגענע, די שטענדיגע מחלוקה צווישן דעם אידעאלן און דעם רעאלן, דער געראנגל פון צוויי וועלטן. «מיר קומען אהער ניט צוליב דעם, אום צו קוקן אויף די בערג» רעדט די גרויזאמע פראָזע מיט די ליפן פון דעם, זיך לאנגווייליגן מאַנאַך, און דער פאעט און דענקער רעָסקין פארשטייט ניט אזא ענטפער. צוליב וואס־זשע אנדערש קומט איר אהער? טראכט ער און זאגט דאס אין זיינע ביכער, דרשות, בריוו צו די ארבעטער, ער דריקט עס אויס אין די געגרינדעטע קאמוניסטיש־עסטעטישע פערמעס. ער זאגט עס, ניט ווערנדיג פארמאטערט, זיין גאנצן לעבן. דער אומ־פארבעסערליכער טרוימער!

«צוליב וואס־זשע אנדערש קומט איר אהער», אויב ניט צוליב דעם, כדי צו זעהען און ליב האבן די שיינקייט, וואס איז אומעטום פארשפרייט, כדי צו לעבן אין פרידן מיט די אנדערע מענשן, כדי איינצוארדנען דאס לעבן וואס שענער און איידעלער? דאס אלץ – לא די, וואס עס איז ניט דאס, וואס מיר זיינען געוואוינט אנצורופן «איינארדנען דאס לעבן רייכער», נאר עס שטייט אין א פולקומער סתירה דערצו.

«צוליב וואס־זשע אנדערש קומט איר אהער», אויב ניט צו ער־ציהען אין זיך די פעהיגקייט באגייסטערן זיך מיט דעם ערהאבענעם. איר חלומט וועגן אוצרות, וועגן טייערע חפצים, נאר זיי זיינען דאך ביי אייך פארהאן, שטענדיג זיינען זיי מיט אייך, לערנט זיך נאר אויס זיי צו געפינען. איר קענט ארום זיך האבן די שענסטע מענשן. האט נאר אביסל געדולד און איך וועל אייך פארשטעלן אייערע פריינד, וואס איר באמערקט זיי ניט, ווי אלדאס אנדערע גוטע, וואס רינגלט אייך ארום, אין אייער אומגליקליכער בלינדקייט. האט געדולד און הערט מיך אויס.

אָ! מען האט אים געהערט מיט באגייסטערונג. דריי לעקציעס אונטער די מאדנע טיטלען «וועגן די אוצרות פון די מלכים», «וועגן די גערטנער פון די מלכות» און «וועגן דעם סוד פון לעבן» האט ער

דערנאך ארויסגעגעבן אין א באזונדערן בוך אונטער דעם אלגע־מיינעם טיטל «סעזאם און ליליעס»׳ מען קען נאך איצט ניט פאר־לאזן די בלעטער אהן דעם געפיל פון טיפסטער גייסטיגער פרייד׳ ווי זשע האט דאמאלס געמוזט זיין די ווירקונג פון די לעקציעס אויף די צוהערער׳ ווער האט נאך אזוי שיין און איידל גערעדט וועגן דעם בוך׳ וועגן זיין באדייטונג און וועגן דעם׳ וואס עס גיט אונז׳ זיי׳ די ביכער׳ זיינען עס טאקע די אוצרות פון די מלכים׳ און יעדערער קען זיי האבן׳ רעָסקין רעדט וועגן די באמיהונגען׳ וואס מיר מאכן׳ כדי צו באווארענען זיך מיט א געלונגענער אויסוואל פון פרייגד און באקאנטע׳ וועגן דעם׳ אז ווען ניט ווען גיט זיך אונז איין «א בליק צו טאן אויף א גרויסן מענש און הערן דעם קלאנג פון זיין שטים׳ אדער פארלייגן א שאלה דעם געלערטן און באקומען פון אים א גוטמוטיגן ענטפער׳ עס גיט זיך איין אמאל צו באאומרוהיגן א מיניסטער מיט א צעהנמינוטיגן שמועס און באקומען פון אים תשובות׳ וואס זיינען נאך ערגער ווי שווייגן׳ ווייל זיי פארדינען ניט׳ מען זאל זיי גלויבן; איין מאל אדער צוויי מאל אין לעבן איז אונז בא־שערט דאס באזונדערע גליק צו ווארפן א שטרויס צו די פיס פון א פרינצעסין און אויפפאנגען א לייטזעליגן בליק פון דער קיניגין; און מיר זעהען זיך צו דערשלאגן צו אטדי טייערע מינוטן; אין דער יאגעניש נאך דעם׳ וואס איז אזוי נישטיג׳ פטרן מיר אונזער לעבן׳ כוחות׳ פארהאנען אבער א געזעלשאפט׳ וועלכע מיר קענען דער־גרייכן אין יעדער צייט׳ א געזעלשאפט פון מענשן׳ וועלכע וועלן ריידן מיט אונז וויפיל אונז ווילט זיך׳ ניט קוקנדיג אויף אונזער טיטל און פראפעסיע׳ מענשן׳ וועלכע וועלן ריידן מיט אונז מיט דער אויסדערוויילטסטער שפראך׳ וועלכע זיי פארמאגן נאר׳ און וועלכע וועלן דאנקבאר זיין דערפאר׳ וואס מיר הערן זיי׳ אטדי גרויסע און אריסטאקראטישע געזעלשאפטווארט אויף אונז גאנצענע טעג; זי גיט ניט׳ נאר זי בעט אודיענציעס; גאנצענע טעג ווארטן געדול־דיג די מלכים און פאליטיקער׳ דריקנדיג זיך אין די ארעמע פאדער־

צימערס, אויף די פּאַליצעס פון אונזערע ביכער־שרענק, און מיר געפינען ניט קיין צייט, אום זיי אויסצוהערן, און גאַרנישט איז פאַר אונז זייער געזעלשאַפט».

און רעָסקין רעדט וועגן די אייביגע ביכער און וועגן די ביכער, וואָס זיינען ביי אונז צו גאַסט נאָר אויף א געוויסער צייט, וועגן דעם, וויאַזוי מען דאַרף ביכער לייענען און ווי מען דאַרף זיך מיט זיי באַגיין, ער גייט אריין אין אלע פּרטים, אום באַלד נאָך אַטדער, כלומרשט לאַקאַלער, טעמע אריבערצוגיין צו דער שאַרפסטער קריטיק פון דער ענגלישער געזעלשאַפט. ער, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט ענגלאַנד, ער, וואָס מיט אלע זיינע אייגנשאַפטן דריקט ער אויס דאָס, וואָס עס איז דאַ איידעלעס און גרויסעס אין דעם ענגלישן פאָלק, ער זאָגט צו ענגלאַנד, אין די ברענענדיגע דרשות, די שאַרפסטע ווערטער, פאַרמשפּט דעם הערשנדיגן גייסט פון וועלן פאַרדינען. ער איז אפילו אין ספק, צי מען קען אין ענג־לאַנד ריכטיג לייענען. «קיין לייענען איז ניט מיגליך פאַר מענשן, ביי וועמען דער קאָפּ איז אין אַזאַ צושטאַנד. זיי וועלן ניט פאַר־שטיין קיין איינציגן פסוק פון א גרויסן אַוטאָר. פאַר דעם ענג־לישן פובליקום איז אין דער איצטיגער צייט אוממיגליך אריינצו־דרינגען אין וועלכן עס איז וויסנשאַפטליכן בוך ־ צו אַזאַ אומ־פעהיגקייט צו דענקן האָט זיי געבראַכט יענע משוגענע יאַגעניש».

איר געפינט אפשר, אַז אַט אַזוינע ווערטער זיינען צו האַרט און ווילד? וואָרט א ווײַלע, זאָגט רעָסקין, איך וועל אייך דער־ווייזן, פונקט נאָך פונקט, זייער ריכטיגקייט. דאָס פובליקום, וואָס באַשטייט פון דער אויסדערווײַלטער ענגלישער געזעלשאַפט וואָרט מיט געדולד, ווייל דער דרשן, וואָס שטייט פאַר איר, רעדט אַזוי שיין און מיט אַזאַ התלהבות, און, דער עיקר, ער איז ניט קיין סאַנקילאָט, ער ציטירט קיינמאָל ניט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און אירע פאַנאַטישע העלדן. וואָס ער סטאַרעט זיך צו דערווייזן, איז דאָס, אַז אונזער לעבן שטימט ניט מיט דעם, וועגן וואָס עס

האבן געחלומט די בעסערע קעפ פון דער מענשהייט. געוויס שילדערט ער די פינסטערסטע בילדער פון סאציאלער אומגלייכקייט, אבער ער דראהט ניט מיט דעם אויפשטאנד, אויף זיינע ליפן שוועבן אלע־מאל די פסוקים פון דער ביבעל. ער איז ניט געפערליך, אטדער איידעלער, אביסל מאָדנער אריסטאקראט. עס איז אנגענעם אים צו הערן, אבער קיינער פאלגט אים ניט, קיינער גייט ניט אין זיינע דרכים.

ער טיילט אלזא דעם גורל פון אלע גרויסע לערער און חכמים. מען הערט זיי אפט, אבער מען פאלגט זיי זעלטן, כמעט קיינמאל ניט. פאר וואס? איינע פון די אינטערעסאנטסטע פארשטייער פון דער דייטשער ראמאנטיק, געטעס פריינדין און די בעל־הביתטע פון דעם באקאנטן בערלינער סאלאן, רחל ווארנהאגען, האט באמערקט אמאל אומעטיג: «די מענשן זיינען גוט, אבער זיי טויגן ניט».

ווען דער זקן רעָסקין האט דורך די פענסטער פון זיין פריצישן הויז אין קאנסטאן געקוקט אויף גאטס שיינע וועלט און איז אין די געדאנקן דורכגעגאנגען זיין לאנגן לעבן, זיינע שטענדיגע באַמיהונגען אויסלערנען די מענשן, וויאזוי שיין און גערעכט צו לעבן, ווען ער האט דערביי א טראכט געטאן, אז די גאנצע מיה זיינע האט אזוי ווייניג ערפאלג געהאט און אזוי ווייניג רעזולטאטן געגעבן, איז אים אפשר אויך געקומען דער געדאנק, אז «די מענשן זיינען גוט, אבער זיי טויגן ניט». אבער דערפאר, ווייל סוף כל סוף זיינען זיי פאָרט גוט, איז, ווען אים וואלט אויסגעקומען נאכאמאל דורכצו־לעבן זיין אכציגיאריגן לעבן, וואלט ער עס פונקט אזוי, ווי דאס ערשטע מאל, דורכגעלעבט.

רייך, שיין און איידל איז געוועזן אטדאס לעבן, און אויך גליק־ליך, ווארום, ווען אים האט אויך געפעלט דאס, וואס מען רופט אן «פערזענליך גליק» (רעָסקין איז געוועזן א קורצע צייט פארהייראט מיט א שיינער שאטלענדערין, מיט וועלכע ער האט זיך געגֶעט), דערפאר האט ער פארמאגט אסך אנדערע זאכן, וואס דארפן אויך

געדעכנט ווערן פאר גליק, פאר גרויס גליק אפילו· געווען וואונדערבארע עלטערן, געווען איידעלע פריינד, געווען א מא־טעריעלע מיגליכקייט צו זעהען שיינע לענדער, לעבן דארטן, גע־ווען א אומגעוואוינליכע פעהיגקייט אויפצונעמען דאס שיינע, א פעהיגקייט צו התלהבות, צום טיפן ענטוזיאזם, געווען די מיגליכ־קייט צו מאכן פארשיידענע עקספערימענטן בנוגע א בעסערער איינארדנונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט· קיין זאך נישט ארויס פון דעם אלעמען? א מפלה נאך א מפלה? יאָ, דעם אמת געזאגט, איז עס אזוי· ער האט געקעמפט קעגן די גרויסע שטעט, קעגן די קוימענס פון די פאבריקן, וואס פארשטעלן דאס ליכט פון דער זון· די צאל פון די גרויסע שטעט האט זיך נאך פארמערט· ער האט געקעמפט קעגן די אייזנבאנען, זייער צאל איז נאך גרעסער געווארן· די מענשן האבן זיך ניט אויסגעלערנט בויען די הייזער, ווי אים האט זיך געוואלט, דער עיקר: זיי האבן זיך ניט אויסגעלערנט לעבן צווישן זיך אזוי, ווי דאס האבן געוואלט די בעסטע פריינד פון דער מענשהייט· נו, וואס איז? «שטרעבט צו גרויסע צילן און ווייסט, אז פון דעם וועט גאר ניט ארויסקומען», האט עמיצער באמערקט·

רעָסקין איז געווען אפטימיסטישער· ניט קוקנדיג אויף אלע מפלות, האט ער פאָרט ניט פארלארן די האפענונג, אז אפשר וועט זיך עס אמאל יא איינגעבן·

אין אים איז טיף געזעסן דער גלויבן, אז אייגנטליך זיינען די מענשן גאנץ גוט, נאר זיי טויגן ניט·

און איינער פון זיינע דעוויזן איז געווען:

«ארבעטן און זיך ניט מיאש זיין»·

דער דעוויז פון אלע אוטאפיסטן פון דער גאנצער וועלט·

וואָלט וויטמאַן.

צו יעדערן באַזונדער גיי איך,
און פאַרפעל קיינעם ניט.
פון וואָלט וויטמאַנ׳ס טאָגבוך.

I

איבער דעם הימל שוועבן גרויסע, פינסטערע וואָלקנס. דער ווינט הייבט אויף דעם שטאָט־שטויב און שליידערט אים אין די אויגן, אין דער ברוסט פון די איילנדע מענשן, וועלכע, וואַרטנדיג אויף א רעגן, באַוואָרענען זיך מיט דעם איילענדן אויפמאַכן דעם שירעם. קוקט זיך איין אין דעם אויסדרוק פון די פנימער! וואָס פאַר א אָפּגעפרעמדקייט איינער פון דעם אַנדערן, וואָס פאַר א «דו קימערסט מיך גאָר ניט». אָט גייט פאָר א וואָרט־קאַמף, א אַרבעט מיט די עלנבויגנס ביי דעם פיינדליכן בלישטשען פון מידע, פאַר־דראָסיגע אויגן, פאַר א פּלאַץ אין דעם טראַמוויי. אַוועקגעזעצט זיך, הייבן אָן די פאַלטן פון ברוגז און גערייצט־זיין אויף דעם פּנים זיך אויסצוגלייכן. עמיצער האָט א זיפץ געטאָן, עמיצער האָט א שמייכל געטאָן און א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם שטערן, און אין דער באַוועגונג איז געווען אַזוי פיל מענשליכס, הילפּס־לאָזעס, אַזוינס, וואָס זוכט וואַרימען אַנטייל. דאָס שטעקט אָן, איינ־גאַנצן האָבן זיך אַזוי ווי אומגעביטן די מענשן. אָקאָרשט צוקריגט, מיט פיינדשאַפט איינער אויף דעם אַנדערן געקוקט, טרעטן זיי אַריין אין א געמיטליכן שמועס, צערטלען א פרעמד קינד. די בריק איז אַריבערגעוואָרפן און קיינער שטערט ניט די הערצער און נשמות אויסבייטן זיך מיט וויזיטן. דער שכן אין דעם טראַמוויי האָט אויף אייך געמאַכט א גוטן איינדרוק, איר פילט, אַז אָט די באַגעגעניש

וואלט געקענט זיין פאר אייך אומגעוואוינליך וויכטיג. ווער ווייס,
פּילייכט וואלט איר געקענט ווערן גוטע פריינד, און איר דארפט
האבן א גוטן פריינד, איר דארפט האבן א נאהענטע נשמה, ווארום
דאס שיקזאל האט אייך אוועקגערויבט אלע אינטימקייטן, אלע
זיילישע באקוועמליכקייטן פונם לעבן און האט אין אייער רשות
אוועקגעגעבן נאר א קליין צימערל מיט א קליינער קיך, וואו איר
דארפט זיך אליין אויף דער מאשינקע טיי קאכן. אבער אום גאטעס
ווילן מער מוט! און פאָרווערטס! נאר וואס זשע טוט איר?... אנ־
שטאט צו זאגן זיך: «אייגנטליך, דאס איינציג בעסטע, וואס איך און
דער אומבאקאנטער מיינער וואלטן געקענט אויסטראכטן, איז ווערן
גוטע פריינד, אמת'ע נאהענטע גוטע פריינד». אנשטאט דעם פאר־
בארגט איר אייער שמייכל, באהאלט זיך אונטער דער מאסקע פון
גלייכגילטיגקייט און אנטלויפט אין אייער נאָרע אריין.

... איבער די ברייטע און שמאלע אלייעס פון די שטעטישע
גערטנער און פארקן קען מען באגעגענען פארנאכטליך איינזאם
שפּאצירנדיגע מענשן, אומעטיג פארטראכטע. אין [illegible] גן,
פרייליכן געלעכטער פון די דא גלייך, ניט ווייט פון זיי, שפּאצירנדיגע
פארלעך און גרופּעס קענען זיי ניט און נעמען אויך ניט אנטייל,
מחמת דער הארבסטשטימונג פון זייער נשמה. אבער די געמיינדע
פון די איינזאמע איז דאך אויך גרויס. עס איז דאך ניטא א באנק,
וואו עס זאל ניט זיצן איינער אזא, דעם קאפּ אביסל אהינטער גע־
ווארפן. און ווי טרעפט עס אפט, אז אויף דערזועלביגער באנק זיצן
צוויי אזוינע איינזאמע מענשן, וועלכע באגערן נאָר דאס אייגענע:
עמיצן זיך פארטרויען, דריקן פעסט וועמענס עס איז האנט, איינפאך
דורכריידן זיך. ווי אפט באגעגנט מען אויף דעם ראָג פון א אלייע
מענשן, וועלכע ליידן מיט דערזועלביגער קראנקהייט, וואס הייסט:
איינזאמקייט. אבער זיי גייען פארביי, ניט אפּשטעלנדיג זיך,
הגם זיי זוכן דאָך איינער דעם אנדערן, הגם זיי זייגען דאך צוליב
דעם טאַקי ארויסגעגאנגען, כדי פילייכט עמיצן צו געפינען. וואס

שטערט דעם דערנעהענטערן זיך פון מענשן אין אזוינע טרויעריגע מאמענטן? שטאלץ, דער גלויבן אין אייגענער קראפט? אבער ווער איז שטארק? ווער האט אויסגעטראכט די לעגענדע וועגן דעם, אז דער מענש איז שטארק? וואו איז דער ריז, וועלכער וואלט געקאנט וועגן זיך זאגן: «איך באדארף ניט קיין פריינד, איך קען זיין אליין». זעהט, ווי די נשמה פון מיכאל אנדזשעלאָ, ניט קענענדיג די ווארימקייט, צערטליכקייט, וויינט און באקלאגט זיך אין זיינע סאָנעטן און ווי דאנקבאר איז ער געוועזן דעם שיקזאל דערפאר, וואס די לעצטע יארן פון זיין לעבן זיינען באשטראלט געווארן מיט דעם שטילן און טיפן ליכט פון פריינדשאפט פון דער איידעלער וויטאריא קאלאנא. דער בכבודיגסטער ארט אין דעם פאַנטעאָן פון אומשטערבליכקייט האט אים דאך ניט געהאלפן, אז ער זאל ניט זיין «שוואך» אין דעם זין, דאס א פריינדליכער בליק, א פריינדליך האנטדריקן און צערטליכקייט אין דער שטים זאלן ניט לאזן ציטערן זיין נשמה פון באגייסטערונג און צופרידנקייט, די נשמה, וועלכע האט דעם גאנצן, אזוי לאנגן לעבן געליטן פון דער קעלט פון איינזאמקייט.

דער אלטער בחור פלאָבער בעט זיך ביי זיין הויזפרוי, זי זאל וואס מער ריידן, דערציילן; פון צייט צו צייט פלעגט אים ארומכאפן א שרעק פאר דער איינזאמקייט, און ער האט געוואלט ניט נאר וויסן, נאר אויך הערן, אז עס איז דא לעבן אים א נאהענטער מענש, זאל זיין אפילו נאר אין דער געשטאלט פון א אלטער הויזפרוי.

היינע, דער שטערבליך קראנקער, פלעגט אפלעבן, זיך אויפמונטערן, ווען אין דעם דערבייאיגן צימער פלעגט זיך פונאנדערגעבן די שטים פון זיין פרוי; דאס באוואוסטזיין, אז ער איז ניט אליין, האט אים שטארקער געמאכט.

אין דעם פארלאנג נאך אומשטערבליכקייט, פון וועלכן קיינער פון די גרויסע מענשן איז ניט פריי, באשטייט דער איידלסטער

מאמענט אין דעם פארלאנג, אז די באציהונגען צו מענשן זאלן ניט אויפהערן. דער פּאַדים, וואס בינדט אונז צונויף מיט דער פאר־גאנגנהייט ווי מיט דער צוקונפט, דארף זיך ניט איבעררייסן. אין דעם ניט וועלן, אין דער מורא פארגעסן צו ווערן, פארבאַרגט זיך א הייסע שטרעבונג, א באדערפעניש נאך צערטליכקייט. «דו קיניג, זיי אליין»! דאס איז א טראגעדיע. דאס קען קיינער ניט אויס־האלטן לאנג, ווי שטארק ער זאל ניט זיין. דאס רוב מענשן זיינען דאך אבער ווירקליך שוואך, און נויטיגן זיך אין אנטיילנאַמע, אין דער אטמאספערע פון פריינדשאפט. ווֹאלט עס דען ניט געווען אפשר פולקום נארמאל, באגעגענענדיג צום ביישפיל אויף דער גאס א אומבאקאנטן מענשן מיט א טרויעריגן פנים, צוגיין איינפאך צו אים, ניט שעמענדיג זיך נעמען אים פאר דער האנט, ארייננקוקן אים אין די אויגן אריין און פרעגן, וואס איז אים? וואס טוט אים אזוי ווייה, וואס פארשאפט אים אזוי פיל קומער? דאס איז א חלום, וועט מען זאגן, מענשן טוען אזוינס ניט. פארוואס? עס איז געוויס גע־ווען אזא בארבארישע צייט אין די באציהונגען פון איין מענשן צום צווייטן, דאס, ווען מען האט עמיצן געזעהן אין חלשות פאלנדיג, איז מען פארבייגעגאנגען גלייכגילטיג און גאר ניט געטראכט צו העלפן. איצט אבער, געוואוינליך, שטעלן מיר זיך פונדעסטוועגן אָפּ און רופן נאך אנדערע צוהילף. אין א בליק פון א צופעליגן פארבייגייער, וועלכן מיר האבן אויפגעכאפּט, איז דא אבער אמאל פיל, פיל מער ווייה, שמאַרץ, ווי ביי איינעם, וועלכער האט זיך אויסגעבראכן א האנט אדער א פוס ביים פאלן.

אין איינעם פון זיינע ראמאנען, דוכט זיך אין «דער זון פון דער דינסטמויד», וועלכער, פונקט ווי אלע ביכער פון דעם אויפריכטיגסטן שרייבער, שטעלט פאר א פערזענליכן וידוי — דערציילט סטרינד־בערג, ווי איין מאל, ווען ער איז געזעסן אין גארטן, איז צוגעגאנגען צו אים א באקאנטער און געפרעגט, צו קען ער אים פיליכט ווידמען אביסל פרייע צייט: ער וואלט זיך געמליך וועלן מיט אים א ביסל

דורכריידן· שווער דאס געמיט· «ניטא קיין צייט» איז געווען די תשובה· אויגנבליקליך· ליידער· האט ער ניט קיין צייט· פיליכט שפעטער· א אנדערמאל· ווי געוואוינליך א תשובה אין אזעלכע פאלן·

נאר יענעם מענשן איז נויטיג געווען צו ריידן גראד «באלד»· אויף וויפיל דאס איז אים געווען נויטיג· אויף וויפיל ער איז ניט בכח געווען אריבערצוטראגן דעם קומער· וואס האט אים גענאגט און געפייניגט· קען מען דערפון זעהן· דאס· באקומענדיג א אָפזאָג אין א איינפאכן· פריינדליכן· מענשליכן געשפרעך· איז ער אוועק צו זיך אהיים און האט זיך דאס לעבן גענומען; אזוי שטארבט דיר א מענש נאר דערפאר· ווייל מען האט אים אפגעזאגט אין דעם קלענסטן טייל פון הארציגער ווארימקייט· אין וועלכער ער האט זיך אזוי אומענדליך גענויטיגט· אפגעזאגט ניט מחמת א באזונדערער הארטקייט פון כאראקטער· נאר מחמת אומאויפמערקזאמקייט· נאר איין ביסעלע אויפמערקזאמקייט· און ווי אפט וואלט דאס לעבן פון א מענשן פארלארן דעם גרעסטן טייל פון שמערצן· פון ווייטיג־קייטן· עס איז איינפאך צו באוואונדערן· ווי מיר אלע· יאגנדיג זיך נאך גליק· לויפן פארביי פארביי דעם· וואס ליגט פאר אונז און ארום אונז· וואו עס געפינט זיך אפשר דאס גליק·

מען גיט נאר א טראכט וועגן די באציהונג פון מענשן צו דער נאטור· זי ווינקט צו אונז מיט טויזנטער גאלדענע שמייכלען· זי זאגט אונז צו דעם ערהאבענעם זיך אויסרוהען און יענע היילנדיגע רוה· ביי וועלכער עס ווערן געבארן איידעלע געדאנקען און יעדער הייבט זיך אן פילן א פאָעט· דען יעדער מענש איז אייגנטליך א פאָעט· ער האַלט אין זיך פארבארגן דימענטן· און נאר דער שטויב פון טעגליכן טומעלדיגן לעבן פארדעקט פאר אונז אין אונזער איילעניש דאס· וואס מיר פארמאגן· וואס מיר האבן אין זיך· מיר איגנארירן אבער די נאטור· און אונזער באציהונג צו איר איז א באליידיגנדיג אומערנסטע· דעם היזק טראגן מיר· פארשטייט זיך· אליין· מיר פארדארבן אונזער לעבן אויף יעדן שריט און טריט·

מיר אָרדנען איין ניט שלעכט, מיט זעהר פיל פּינקטליכקייט אונזערע קליינינקע, נאַרישע געשעפטן. מיר זיינען אָבער גוואַלדיגע עם־הערצים און באַרבאַרן דאָרטן, וואו עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן ווירקליך ריכטיגע באַציהונגען פון איין מענשן צו דעם צווייטן, און צווישן דעם מענשן און דער נאַטור, וואָס רינגלט אונז אַרום. ווי ווייניג זיינען די, וואָס פאַרשטייען, אַז באַטראַכטן, צום ביישפּיל, אַ שיינעם זונאונטערגאַנג איז אַ ערנסטע אַרבעט פון דער נשמה, און אַז אַזאַ אַרבעט פון התבוננות פאָדערט אָנגעשטרענגטקייט, קאָנ־צענטרירטקייט און אַז סוף כל סוף באַצאָלט זיך די אַרבעט זעהר גוט. די רייכנדיגע וועלן פון אייביגער שיינקייט, אין וועלכע מיר טונקען אונטער, גיבן אונז ווידער די זיכערהייט און האָפנונג, אַז די וועלט איז ניט אַ הויפן שפּענער, נאָר אַ ברידערליכע, פריינד־ליכע קהילה, אין וועלכער עס הערשט די איינהייט.

אמת, אָפּגעבנדיג זיך רוהיג, לאַנג דעם איינפלוס פון דער נאַטור, הייבן מיר אָן צו שפּירן אַ אומערקלערליכן אומעט, נאָר דאָס איז דער אומעט, פון וועלכן ניטצשע באַמערקט אַמאָל, אַז ער שטאַרקט און נערט, דאָס איז דער שאַפנדיגער אומעט און גלייכצייטיג אַזוי ווי אַ תשובה־שטימונג פאַר דער עבירה פון לאַנגער אומאויפמערק־זאַמקייט, צעשטרייטקייט, פון לאַנגן אָפּגעשיידט זיין פון דער נאַטור.

און אַזוי שלעפּט זיך דער מענש אָהן גליק, אָהן אמתע פרייד ביז יענער גרעניץ, הינטער וועלכער עס שפּרייט זיך אויס דער קאַלטער מדבר פון טויט. און די לעצטע מינוטן פון מענשן ווערן אויך אָפּגעגעבן אויף טענות, קלאָגן, זיפצן, אַז דאָס לעבן האָט אָפּ־געגנאַרט, געוויס, עס זיינען אַסך סיבות פאַרהאַן, כדי צו זיין אין טרויער. עס איז גענוג, דאָס אין איין פריהמאָרגן מוזן מיר אָפּ־ראַמען דעם פּלאַץ און גיין אין דאָס אומבאַוואוסטע, פינסטערע. נאָר אויב אין דעם משך פון קורצן פאַרווײלן אויף אַטדער ערד האָבן מיר דאָך ניט געפילט דאָס אמתע גליק, ליגט אַ טייל פון דער שולד אויך אויף אונז. מיר האָבן ניט געוואוסט, ווי צוצוגיין צום מענשן,

און נאך וויניגער ווי צוצוגיין צו דער נאטור און זיך מיט איר פאראייניגן. «אויב מען זאל האבן א ריכטיגן בליק – זאגט קארלייל (Sartor Resartos) – איז יעדע, אפילו די קלענסטע, זאך ניט אומ־באדייטנד, אלע זאכן זיינען אזוי ווי פענסטער, דורך וועלכע די פילאסאפישע אויג קוקט אריין אין דער אומענדליכקייט». ווער עס האט א ריכטיגן בליק, פאר דעם איז די וועלט ניט א הויפן פון «זאכן», נאר סימבאלן פון דער אומענדליכער אידעע. דער איז גליקליך. און ווען ער איז א דענקער, א פּאָעט, לערנט ער דאס גליק אויך אנדערע.

דער אמעריקאנישער פּאָעט וואָט וויטמאן איז איינער פון אזוינע לערער. ער עפענט אונז די שיינקייטן און פריידן פונם לעבן. מען רופט אים: דער פּאָעט פון דער קינפטיגער דעמאקראטיע, דער משורר פון קראפט און מעכטיגקייט. א לאנגע בריק, די אומענד־ליכע לענטעס פון די אייזנבאנען, די קוימענס פון די פאבריקן, וואס שטעכן דעם הימל, פארדינען פונקט אזוי באזונגען צו ווערן ווי די זיסע ניגונים פון דעם סאָלאווייי, ווי דער אייביגער דעמבּ, דער ניאגארישער וואסערפאל, דער רעגנבויגן און ווי דער ציטערנ־דיגער, זילבערנער שיין פון דער לבנה.

וואס אָרט אונז, וואס פאר א נאמען מען גיט אטדעם אמעריקא־נער, וואס האט זיך אזוי הערליך דורכגעלעבט זיין לאנגן לעבן, וואס ארט אונז, וועלכן שטעמפל מען וויל ארויפלייגן אויף זיין פּאָעזיע און פּראָזע? אונז ציהט צו אים, ווי צו דעם פריינד פון מענשן און פון דער נאטור, ניט אין דעם אנגעטראכט־הומאניטארן, נאר אין דעם פרימיטיוו־רירנדיגן, דאס הייסט אמת מענשליכן זין. ער איז אינגאנצן דורכגעדרונגען מיט א אומבאשרייבליכער צוגע־צויגנקייט צום מענשן בכלל, צו וואס פאר א קלאס זיי זאלן ניט געהערן, און שטענדיג, הן מיט דעם ביישפיל פון זיין פערזענליכן לעבן והן מיט זיינע שריפטן, לאדט ער אונז איין, מיר זאלן נעהענ־טער, הערצליכער צוגיין איינער צום אנדערן.

אַט איז אַ מענש, וועלכער איז געוויס קיינמאָל ניט געוועזן איינ־זאַם. ווייל, ווען ער האָט זיך געגוויטיגט אין מענשן, האָט ער זיי אַלעמאָל געפונען: אין פּאַרק, אין טעאַטער, אויף דעם ברעג פונם ים, אין די פּרעריעס, אין די שפּיטעלער, אויף די שלאַכטפעלדער. צו דער נאַטור האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט די'זעלביגע אינטימ־קייט, נאַהענטקייט און טיפע סימפּאַטיע. ער פילט זיך צווישן די בוימער, ווי ביי זיך אינדערהיים. פאַר אים זיינען זיי לעבעדיגע זאַכן. איינמאָל האָט זיך אים געחלומט, ווי די בוימער האָבן אַרויס־באַפרייט זייערע וואָרצלען פון דער ערד און האָבן אָנגעהייבן שפּאַ־צירן אַרום אים; איין בוים האָט זיך, פאַרבייגנדיג, אָפּגעשטעלט לעבן אים און אַ פּליספער געטאָן: דאָס טוען מיר אַן אויסנאַם נאָר פון דיינעטוועגן. — ער האָט ליב געהאַט שיינקייט, נאַטירליכקייט, פרייהייט, קראַפט, אָבער ניט ווייניגער האָט ער אויך ליב געהאַט רחמנות, צאַרטקייט און פריינדשאַפט. וועגן דעם אַמעריקאַנער עדגאַר פּאָ זאָגט ער: די לעצטע מיינונג וועגן אים וועט זיין מסתמא די, אַז ער געהער צו דעם עלעקטרישן ליכט פון דער פאַנטאַסטישער ליטעראַטור. גלענצנדיג, בלענדנדיג, אָבער אָהן וואַרימ־קייט.

אין די אַמעריקאַנער געפעלן אים די «קלאָרע אויגן, וואָס קוקן אָפן דעם אַנדערן אין פּנים אַריין, און יענע באַזונדערע פאַראייניגונג פון שווייגעוודיגקייט און איינגעהאַלטנקייט מיט גוטמוטיגקייט און צו־טרוילינגקייט». ער האָפט זעהר פיל גוטעס פאַר אַמעריקעס צוקונפט פון דער, לויט זיין מיינונג, קלאָר קאָנטיגער אויפבליהונג פון חברדיגע, פריינדליכע באַציהונגען צווישן מענשן. פון אים, וויטמאַנען, שטאַמט דער מונטערער, פריינדליכער אויפרוף צו אונז אַלעמען, מיר זאָלן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אָפּיציעלן שלייער, וואָס פאַרדעקט דעם אמתן אויסדרוק פון אונזער צורה, און מיר זאָלן נעהענטער צוגיין איינער צום אַנדערן. «צו יעדערן באַזונדער גיי איך, און פאַרפעל קיינעם ניט», זאָגט ער וועגן זיך אין איינעם פון זיינע שירים.

מען דאַרף אין זיך האָבן אַ גרויסן זאַפּאַס פון פרייד, אָפּטימיזם, כדי אַזוי פיל זיין צווישן מענשן, כדי אַזוי «קיינעם ניט פאַרפעלן», ווי וויטמאַן. ביי אים איז עפּעס אַנדערש באַשאַפן די אויג, און דאָס, וואָס אידעאַלע, צאַרטע מענשן באַליידיגט — מיט רעכט — און שטויסט אָפּ און צווינגט דאָס האַרץ זיך פאַרקלעמען פון שמאַרץ, נעמט וויטמאַן ניט נאָר אָן, נאָר ער געפינט נאָך אין דעם גרויסקייט, זעהט אין דעם דעם אויסדרוק פון מענשליכער מאַכט. געוויס איז עס ניט אַ ביליגער אַריסטאָקראַטיזם, ניט קיין באַנאַלער עסטעטיזם, ווען די איצטיגע מיליאָנענשטאָט דריקט אונזער געמיט. מיר האָבן רעכט צו וואַרטן אויף אַ בעסערן גורל, אַלס פאַררייסן הויך דעם קאָפּ, כדי אויפצוזוכן אַ שטיקל הימל און אומקערן זיך פון אַטדעם זוכן אַנטוישט, ווייל דער מיאוסער רויך, די פערציג-עטאַזשיגע הייזער און די קוימענס פון די פאַבריקן האָבן אוועקגערויבט ביי אונז דעם הימל. נאָר וויטמאַן, פון וועמענס כבוד וועגן די בוימער טאַנצן אַ קאַראַהאַד, און ער פאַרדינט עס פולקום, ווייל ער האָט אַזוי גוט געקענט הערן און איינהערן זיך צו דעם שאָקלען פון זייערע בלעטער, וויטמאַן, וועלכער האָט געשריבן אַזוינע וואונדערפולע שירים אין פּראָזע ווי «די זון-וואַנע», «מחשבות אונטער דעם דעמבא», וועלכער שטייט אויף אין האַלבער נאַכט כדי נאָך אַמאָל באַטראַכטן די אומפאַרגלייכליכע ליכטיגקייט פון דעם מאַרס, יאָ, וויטמאַן בלאָנדזשעט איבער די גאַסן פון ניו-יאָרק, איבער די גאַסן פון ברוקלין און שילט ניט די שטאָט, נאָר, פונקט פאַרקערט, ער פילט אין זיך אַ שטאַרקן שטראָם פון מונטערקייט. «דאָס מענשליכע און הערראָישע אין ניו-יאָרק», אַזוי הייסט ביי אים אַ נאָטיץ. ער זעהט, פאַרשטייט זיך, אַלע שלעכטע, נעגאַטיווע זייטן פון אַ מיליאָנען-שטאָט, נאָר ער זאָגט: דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דעם מענשליכן כאַראַקטער אין אַטדי גוואַלדיגע שטעט האָט פאַר מיר עפּעס ביז גאָר שטאַרקעס און אפילו הערראָישעס». מען שטעלט זיך פאַר וויטמאַנען אויף די ראָגעס פון די גראַנדיאָזע גאַסן, אין די

פולגעפאקטע פארקן, אויף די וואקזאלן פון די אייזנבאנען, ווי ער קלייבט נחת פון דער שטופעניש, פון דעם ליארים, פונם שטורם פון זשעסטן, פונם הערליכן שפיל פון מענשליכע פנימער, מענשליכע בליקן; דאס אלץ זיינען פאר אים ניט פארקרימטע פרצופים, ניט א קראנקער אויסדרוק פון א פארדארבענער קולטור, נאר טיילן פון א גרויסן גאנצן, געטליכע סימנים; דאס אלץ איז אונזער שיינע, הער־ליכע וועלט, און צו איר באציהט זיך אונזער פאעט מיט א פריילינכן, אומערשעפליכן אפטימיזם און מיט א טיפער סימפאטיע. אין אטדער וועלט נעמט ער אלץ אָן, ווייל אלץ איז פול פון גרויסער באדייטונג, און ווען מען זאל נאר ריכטיג קוקן, אנטפלעקן זיך שיינקייטן אפילו דארטן, וואו מיר זיינען געוואוינט נאר צו זעהען העסליכקייטן.

ווער ווייס, פיליכט באשטייט די גרויסע באדייטונג פון אמעריקע טאקע אין דעם, וואס זי באמיהט זיך איינפלאנצן אין אונז א מער פריילינכן קוק אויף דעם לעבן. פון אמעריקע טראגן זיך צו אונז, אויפמונטערנדיג און שטארקנדיג, די הימנען פון פארשיידענע רעלי־גיעזע סעקטעס, וואס זיי פארזיכערן אונז, אז מען דארף ניט אנט־לויפן פון דעם לעבן, וואס איז גאר ניט אזוי שלעכט, אז גאט הייסט פריילינך זיין, און אז אזא פריילינך־זיין פון מענשן איז אים נאר אנגענעם, אים איז אנגענעם אונז צו זעהן מיט רויטע באקן און מיט אויגן, וואס לייכטן מיט געזונטקייט און האפענונג. אמעריקע מיט זיינע סעקטעס, פילאסאפיש געשטימטע פובליציסטן און מאראליסטן ווינקט, אויפמונטערנדיג אייראפע, און הייסט ניט אראפפאלן ביי זיך, האלטן דעם קאפ הויך, נאר וואס העכער. כדי ניט צו געבן אונז צייט אויף צו דערמאנען זיך און צו אנטלויפן אין די קאלטע חדרים פונם פעסימיזם, שפילן די פלייטעס, קלאפט דער פויק, ווערן הימנען געזונגען, און מיט מוזיק, מיט ווערטער און מיט מעשים, ווערט געפירט א פראפאגאנדע לטובת א מער פריילינכער וועלט־אנשויאונג. די אייראפעער, אמת, פילן זיך אפט גלייכווי שאָקירט דורך אזוי פיל טעכניק, זאכליכקייט, דורך אזוי פיל וועלטליכקייט

אין «רעליגיע». נאר פאר דער לעצטער צייט הערן זיי זיך דאך אלץ מער און מער איין דערצו.

און ווי, ווען איבער דעם אלטן, מיט אומציילליגע קנייטשן באַ־דעקטן פנים פון אייראפּע וועט באמת דורכלויפן א ליכטיגער שמייכל? דעם אייראפּעער רעדט מען איין, און ער לאזט זיך מיט גרויס חשק איינריידן... ווער ווייס, אפשר באשטייט טאקע אין דעם די הויפּטמיסיע פון אמעריקע, אז זי זאל געבן דעם אייראפּעער מער מוט און אפּטימיסטישן גלויבן. דאס אלטע, מידע אייראפּע נעמט דעם זיסן בעכער פון טרייסט פון דער ייִנגערער, יונגער אמעריקע; דאס אלטע, מידע אייראפּע הערט זיך איין צו די געזונטע קולות פון שטארקן, יונגן וואלד. דארטן, אין יענעם וואלד, שטייט א שטארקער דעמב און זיין נאמען איז וואָלט וויטמאַן.

II

וואָלט וויטמאַן איז געבארן אין יאר 1819 און געשטארבן אין יאר 1892. עס איז פאַרהאַנען א אוטאביאגראפישע נאטיץ, וואס אנטהאלט די וויכטיגסטע דאטעס און מאמענטן פון זיין לעבן. מיר זעהען אים אלס צוועלפיאריגן ייִנגל, דינענדיג אין א ביוראָ פון א אדוואקאט, און דערנאך ביי א דאָקטער. אין דריי יאר ארום איז ער א זעצער אין א טיפּאגראפיע. דערנאך לערער אין א דאָרף, רעדאקטאר פון א וואכנטליכער צייטונג The long Islander, באלד איז ער ווידער אין ניויארק אלס דרוקער און זשורנאליסט. אין יאר 1848 קלייבט ער זיך איבער קיין ניואָרלעאַנס און איז איינער פון די רעדאקטארן פון «Crescent». ער מאכט גרויסע נסיעות דורך אמעריקע. אין ברוקלין גיט ער ארויס א צייטונג The Freeman. פארבייט די פּראפעסיע פון א זשורנאליסט אויף דער פּראפעסיע פון א פּאדריאטשיק צו בויען הייזער. אין יאר 1855 קומט ארויס זיין בוך «זאנגען גראז»; דריי אויסגאבן אין משך פון פינף יאר. אין דער צייט פון דער ציווילער מלחמה אין די פאראייניגטע שטאטן

איז ער אויף די שלאַכטפעלדער אלס באַרמהאַרציגער ברודער. דריי יאָר ערפילט ער אַטדעם איידעלן דינסט. וואס ער האט איבער־געלעבט, וואס ער האט געפילט און, דער עיקר, וואס ער איז געוועזן פאַר די קראַנקע, פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, וועגן דעם זאָגן עדות די וואונדערבאַרע בלעטער פון זיין טאַגבוך אין אַטדעם פעריאָד. «באַזונדערס דעם לאַזאַרעט – נאָטירט ער אין דעם טאַגבוך דעם 3. יולי 1863 – בין איך געקומען אַט צו וועלכן שלוס: מיין פּער־זענליך בייזיין, די שטענדיג גלייכע רוהיגע און מונטער־פריילליכע שטימונג, ווי אויך דער מאַגנעטיזם, וואס איז פון מיר אויסגעגאַנגען, האט מער געווירקט אויף די קראַנקע און מער נוץ זיי געבראַכט, איידער די מעדיצינישע הילף, די געשמאַקע מאכלים, די מתנות וכדומה. אין דער צייט פון דער מלחמה איז מיין געזונט געווען שטאַרק. איך האב געהאט די געוואוינהייט, אַז, איידער איך פלעג אנהייבן מיינע בייטאָגיגע און ביינאַכטיגע וויזיטן ביי די קראַנקע, וואס דאָס פלעגט אָפנעמען פון צוויי ביז פיר אָדער פינף שעה, פלעג איך מיך אַזוי צוגרייטן דערצו, אַז איך זאָל האָבן אַ פריילליכן און מונטערן פנים. דערצו פלעג איך נעמען אַ וואַנע, קרעפטיגן זיך מיט עסן און פלעג אָנטאָן פרישע קליידער».

מיר וועלן לייענען אביסל אין זיין טאַגבוך און זעהען, ווי וואָלט וויטמאַן האט געשפּילט די ראָלע פון אַ טרייסטער:

22. יולי 1863. היינט נאָכהאַלבנטאָג בין איך לאַנג געבליבן ביי אָסקאַר פ. ניבור, וואס ליגט מיט אַ שווערער וואונד און איז אויך קראַנק אויף דיזענטעריע. ער האט מיך געבעטן איך זאָל אים לייענען אַ קאַפּיטל פונם ברית החדשה. איך האב עס אים צוגעזאָגט צו טאָן, און האב אים געפרעגט, וואס איך זאָל לייענען. ער האט געזאָגט: «קלייבט אַליין אויס דעם טעקסט». איך האב אויפגעעפנט דעם סוף פון דעם ערשטן עוואַנגעליום און האב געלייענט דעם קאַפּיטל, וואו עס ווערן דערציילט די לעצטע שעה'ן פון קריסטוסן און אויך די געשעהענישן ביי זיין תליה. דער

ארימער יונגער מענש האט מיך געבעטען, איך זאל אים לייענען אויף דעם פאלגענדיגן קאפיטעל, וואו עס ווערט דערציילט, ווי קריסטוס איז ווידער אויפגעשטאנען. איך האב געלייענט זעהר פאמעליך, ווייל אסקאר איז געוועזן זעהר שוואך. עס איז אים זעהר געפעלן, אבער די טרערן זיינען אים געשטאנען אין די אויגן. ער האט מיך געפרעגט, צי איך בין רעליגיעזי. איך האב געענטפערט: עס קען זיין, אז ניט אין דעם זין, ווי דו מיינסט, מיין ליבער פריינד, אבער אין עצם איז עס דאס אייגענע. ער האט געזאגט: די רעליגיע איז מיין איינציגע שטיצע. ער האט גערעדט וועגן טויט און געזאגט, אז ער האט דערפאר קיין מורא ניט. איך זאג: וויאזוי, אסקאר, גלויבסט דו ניט, אז דו וועסט ווידער געזונט ווערן? אויף דעם האט ער געענטפערט: עס קען זיין, אבער גיכער פאר אלץ, אז ניין. ער האט גערעדט מיט גרויס געדולד וועגן זיין מצב. די וואונד איז געוועזן זעהר א שווערע און האט געטריפט מיט מאטעריע. אחוץ דעם האט אים נאך די דיזענטעריע אויסגעמאטערט; און איך האב געפילט, אז ער האט שוין אין דעם מאמענט געהאלטןביים שטארבן. ער האט זיך געהאלטן זעהר מוטיג און פאראיינס אויף צערטליך. אויף דעם קוש, וואס איך האב אים דערלאנגט ביים זעגענען זיך, האט ער געענטפערט פיר מאל. ער האט מיר געגעבן דעם אדרעס פון זיין מוטער. איך בין אפט אזוי מיט אים צוזאמען געוועזן. אין עטליכע טעג ארום איז ער געשטארבן».

פארבינד וואונדן, מיט זיכערער האנד, די קני געבייגט
איך בין שטארק ביי יעדן — דער שמארץ איז גרויס,
דאך אומפארמיידליך.

איינער קוקט אויף מיר מיט א בעטנדיגן בליק.
(ארימער יונגער מאן! איך קען דיך ניט.
און דאך וואלט איך, גלויב איך, איצט געקענט

פאַר דיר שטאַרבן, ווען דאָס וואָלט דיר געהאָלפן,
די דורכגעלעכערטע פּלייצע פאַרבינד איך, דעם
דורכגעשאָסענעם פוס.

וואַש דעם פוס מיט דער יויכנדיגער וואונד,
אַזוי עקלהאַפט, אַזוי אַפּשטויסנדיג.
און הינטער מיר שטייט דער דינער מיט אַ שיסל און
מיט אַן עמער.
איך בין טריי, איך פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ,
די דורכגעלעכערטע היפטן, קני, די וואונד אין דעם בויך,
זיי אַלע פאַרבינד איך מיט קאַלטע הענט.
(אָבער טיף אין מיין ברוסט איז אַ פייער, אַ ברענענדיגע פלאַם.)

די הייסע פלאַם פון לעבן, איבערגעגעבענע פריינדשאַפט און סימפּאַטיע צו מענשן. דעם אייביגן פסוק «ואהבת לרעך כמוך» פאַרבייט ער אַפּט מיט דעם רוף: «זיי אַ חבר», אָבער דער אינהאַלט איז דערזעלביגער, נאָר עס קלינגט אפשר האַרציגער און שרעקט אפשר ניט אַזוי אָפּ. דאָס רוב מענשן שפּירן אַ מין שרעק פאַר אַזאַ התחייבות, ווי ליבע צום נאָהנטן. עס דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ צו שווערער יאָך, הגם, ווען מען זאָל אַ טראַכט געבן, וויפיל ענערגיע עס ווערט אָפּגעגעבן אויף האַסן, ווערט זיך אויסלאָזן, אַז דער האַס איז אויך אַ טייערע זאַך... פאַר דעם האַס האַרעווען די מענשן אומגעוואוינליך פיל. ווי אַנדערש וואָלט די וועלט אויסגעזעהען, ווען מען וואָלט כאָטש אַ קליינעם טייל פון דער ענערגיע, וואָס מען גיט אָפּ דעם האַס, פאַרווענדט אויף ליבע. אַט פאַרוואָס איך האַלט ניט פאַר קיין פּאַראַדאָקס די באַמערקונג פון אַ פראַנצויזישן שריפטשטעלער, אַז פאַר אַ אוטאָפּיע דאַרף מען רעכענען ניט די ליבע, נאָר דעם האַס. אין דעם נעמליך זין, דאָס די אומגעוואוינליכע אָנשטרענגונג און פאַרווענדונג פון קראַפט לטובת דעם האַס האָט קיין שום רעזולטאַטן ניט געגעבן. עס לוינט זיך ניט צו האַסן,

עס איז איינפאך א שלעכטער געשעפט. עס קאָסט צו טייער. די ליבע וואלט שוין ביליגער געקאסט. נאר, ווען מען האט מורא פאר אזא ווארט ווי ליבע, ווי פאר עפעס אזוינס, וואס מען קען ניט מקיים זיין, זאל מען דאס אנרופן «פריינדשאפט». פריינדליכע באַציהונגען צווישן מענשן. «וואס איז דער נאמען ־ א פוסטער קלאנג», דער עיקר זיינען די רעזולטאטן, און די רעזולטאטן זיינען אומגעוואוינליך. באזונדערס ביי וואָלט וויטמאן. אים איז די ליבע, פריינדשאפט געגעבן געווען לייכט. זי איז ארויסגעגאנגען ניט פון א טרוקענעם פרינציפ, ניט פון דעם געפיל פון תשובה טאן, ניט פון דעם ווילן דורכאויס באגיין א העלדישקייט. נאר פון א אומערשעפליכן קוואל פון גוטסקייט פון איין זייט און פון דעם זיך איינס פילן מיט דער נאטור פון דער אנדערער זייט. דערפון שטאמט זיין מאכט, זיין זיכערקייט. דערפון שטאמט דאס, וואס ער איז שטענדיג אומעטום אויף א ארט, פילט זיך אומעטום גוט.

איך ביים מעקסיקאנישן גאָלף, אין מאנאהאטא\
אדער אויף דעם טענעסער ים, ווייט אין צפון אדער\
אין אירלאנד,\
פארנדיג אויפן טייך אדער יאגנדיג אדער זייענדיג\
פאַרמער ערגעץ וואו\
אין אטדי מדינות, ביים ברעג ים, ביי\
די יעזערעס אדער אין קאנאדא,\
איך, וואו איך זאל מיין לעבן ניט לעבן, גלייכמיטיג\
בין איך ביי אלץ, וואס עס קומט,\
א! ווי די בוימער און חיות ווידערשפעניגן דער נאכט,\
שטורימס, הונגער, באליידיגונגען, אומגליק און\
שלים־מזל.

נאר אזא מענש ווי וואָלט וויטמאן קען דען ניט מזל? רעכנט ער זיך דען ניט פאר דעם גליקליכסטן פון די גליקליכע? און האט ער

דען ניט, וויפיל ער וויל, פון דעם, וואס א מענש באדארףווירקליך? ער גלויבט, אז עס זיינען ביי אים דא מאמענטן, ווען מיט זיין גאנצן וועזן פילט ער די אחדות פון דעם אייגענעם סוביעקטיוון איך מיט דער אביעקטיווער נאטור. קיין זאך מאכט ניט אזוי שטארק זיין קראנקן קערפער און גייסט, ווי אטדער געפיל פון דער אחדות. און ער דאנקט דעם ניטגעזעהענעם היילער פאר זיינע וואונדערבארע רפואות, פאר זיינע טעג און נעכט, פאר זיינע וואסערן און לופט, פאר דעם גראז, פאר די בוימער.

און ער איז גליקליך מיט דעם אומענדליכן טיפן גליק. אין דעם הימן Excelsior פרעגט ער און ענטפערט:

און ווער איז געוועזן דער גליקליכסטער?
אז איך מיין, אז איך אליין, איך מיין, אז קיינער איז קיינמאל ניט
געוועזן גליקליכער פון מיר.
און ווער איז גוט? דען איך וואלט וועלן מער גוטסקייט ווייזן,
ווי אלע אנדערע.

וויטמאן רעדט וועגן הייסער ליבע און פריינדשאפט. ער זינגט מיט התלהבות הימנען לכבוד דער ערד. זיין גאנצעס שאפן גייט איבער אטדי צוויי ליניען. התלהבותדיגע באזינגונג פון דער געט־ליכער נאטור און אויפמונטערנדיגע אפעלאציע צו די מענשן, זיי זאלן געבן איינער דעם אנדערן די ברידערליכע, פריינדליכע האנט און פריי, גליקליך אפלעבן דאס לעבן, וואס איז שיין. עס איז גע־נוג באקאנט, אויף וויפיל דעם מענשנס לעבן שטימט ניט מיט די אמתע, הויכע געזעצן. אבער, ווען מען טראכט זיך אריין אין וויט־מאנס שאפונג, אין זיינע לידער, הימנען, פראָזע, צופעליגע נאטיצן, ווען מען פארטראכט זיך וועגן זיין בע־ונד־דיגן לעבן, וועגן דעם ציגיינערשן לעבן, וואס איז אזוי ניט ענליך צו דער באקאנטער קינסטלערישער באהעמע (ווייל זיין גאנצער ארט לעבן און זיינע שאפונגען זאגן עדות וועגן דער נאהנטקייט פון א טיפן, רעליגיעזן

קוואל)׳ ווען מען טראכט וועגן אלץ דעם׳ פילט מען׳ אז דא איז צוקאלעטשעט דאס׳ וואס האט געקענט זיין א אמתער טעמפל; א אומגליקליכער שפיל פון בייזן גורל׳ א שרעקליכער טעות· מען נעמט פון איין זייט די משוגענע יאגעניש פון מענשן נאך דעם׳ וואס זאגט ניט צו אפילו דעם קלענסטן סימן פון גליק׳ און פון דער אנ־דערער זייט וואָט וויטמאנען מיט זיינע דערציילונגען׳ ווי ער נעמט זונבעדער׳ ווי ער בלאנדזשעט אין דער נאטור׳ ווי ער שטייט אויף אין האלבער נאכט׳ כדי צו זעהען דאס אומפארגלייכליכע לייכטן פון דעם מאַרס אדער ווי ער הערט דעם געזאנג פון די פויגלעך· פאר־ליבט׳ פאַרוואונדערט באשרייבט ער דאס אלץ׳ ווי א מענש׳ וואס פארשטייט די שפראך און דאס סודותדיגע פליספערן פון דער נאטור· מען פילט׳ ווי גערעכט איז אטדער געניאלער אריגינאל׳ וועלכער האט דורכגעבלאנדזשעט זיין גאנצן לעבן׳ באשטראלט מיט דער זון פון ליבע און גוטסקייט׳ איבער די שטעט׳ פעלדער׳ פרעריעס׳ מען פילט׳ ווי קלוג ער האט זיך דאס איינגעארדענט· «די צייט ־ איז געלט» זאגן די מענשן; וואס זשע דארף זיין אין זייערע אייגן אט דער וויטמאן׳ וועלכער פארט דעם גאנצן טאג אַהין און צוריק׳ אַהין און צוריק אין דעם טראמוויי׳ נאר ווייל ער וויל זיך ניט שיידן פון דעם קאנדוקטאר׳ מיט וועלכן ער האט זיך צופעליג באקענט און וועלכער האט געמאכט אויף אים דעם אויסגעצייכענסטן איינדרוק· אט־די נאריש־באשעפטיגטע׳ אטדי «ניטאָ קיין צייט־מענשן»׳ שטעלן זיך פאַר וויטמאנען׳ ווי א משוגענעם פארשווענדער פון דער גאלדענער צייט· אין אמתן אבער האט קיינער אזוי צוועקמעסיג׳ מיט אזא טעם ניט אויסגעניצט די צייט ווי ער· אָ! מיר קענען אים באשטימט גלויבן׳ ווען ער זאגט׳ אז ער איז גליקליכער פון אלעמען׳ אז ער פילט זיך גוט׳ אז ער וואלט וועלן נאך מער פונאנדערגעבן די אלע אוצרות׳ וואס ער האט׳ און אז ער וואלט וועלן זיין בעסער פון אלע איבעריגע מענשן·

וויטמאן דערציילט׳ ווי איינמאל׳ שפאצירנדיג מיט זיינעם א בא־קאנטן׳ מיסטער מארשאל׳ איבער וואשינגטאן׳ האבן זיי באגעגנט

א גרופּע לאכנדיגע נעגערינען. «וואס פאר פריילּיכע נפשות דאס זיינען», האט געזאגט מיסטער מארשאל און דערביי פארזיכערט, אז אין דער צייט פון זיינע פילע נסיעות און זיין צוזאמענזיין מיט מענשן פון פארשיידענע קלאסן, דער עיקר געבילדעטע, האט ער נאך קיינמאל ניט געטראפן א באמת גליקליכן, פריילּיכן מענשן.

«דאס איז געוועזן א שרעקליכע ערקלערונג – באמערקט וויטמאַן – עס האט זיך מיר ווי א מעסער אריינגעשניטן אין דער נשמה, און געמאכט שטום אויף דעם גאנצן וועג אהיים».

פארלארן געגאנגען די גאנצע פרייד און גליק פון לעבן. עס איז דאָ, אמת, דער היסטערישער לאכן, די קראנקע אומנארמאלע פריי־ליכקייט, נאר אמתע פרייד, אמתע פריילּיכקייט, וואס איז גאט אליין אנגענעם, איז ניטא. ווי קערט מען דאס אום צוריק? די גריכן האבן געלערנט די נאטירליכקייט און די שיינקייט פון לעבן. דאס קריסטנטום האט געלערנט רוהיג אריבערצוטראגן קראנקהייט און טויט. קען מען אפשר, זאגט וויטמאַן, שאפן נאך א דריטע פילא־סאפיע, וואס זאל זיין א מין סינטעז, וועלכער וואלט ברייגגען אין הארמאניע שיינקייט, נאטירליכקייט מיט דער הויכער עטיק?

אין אים אליין איז אטדי הארמאניע דערגרייכט געווארן, און אין דעם באשטייט זיין אריגינעלער ווערט. ער איז געוועזן א רעלי־גיעזער פּאַנטעאָיסט, קיינמאל ניט געברויכנדיג אטדעם טערמין, און, הגם מיר טרעפן אין זיינע פראַגמענטן נעמען פון פארשיידענע פי־לאסאפן, פונדעסטוועגן וואלטן מיר אומזיסט געזוכט צווישן זיי דעם נאמען פון ספינאזען, וועלכער האט דאך באדארפט זיין וויטמאַנען נעהענטער, ווי העגעל און שעללינג, וועלכע ער דערמאנט אפט.

מיר פארענדיגן אונזער ארטיקל איבער וויטמאַנען מיט דעם בריוו זיינעם, וועלכן ער האט געשריבן צו איינעם א פריינד, זייענדיג שוין אלט:

«היינט איז מיר געווארן 64 יאר. דער פאראליז, וואס האט מיך צום ערשטן מאל געטראפן מיט צען יאר צוריק, איז נאך ביי

מיר געבליבן און וועט מסתמא אויף שטענדיג בלייבן. איך ווער זעהר לייכט מיד, בין אומגעלומפערט, קען ניט ווייט גיין, אבער מיין שטימונג איז אויסגעצייכנט. איך פארקער כמעט יעדן טאג צווישן מענשן, פון צייט צו צייט מאך איך גרויסע נסיעות מיט דער באן, אויף דעם דאמפער, בין א סך אויף דער פרייער לופט. בין פארברענט געווארן פון דער זון, בין קרעפטיג (איך וועג 170 פונט), ארבעט ווי פריהער און האב באהאלטן דעם אינטערעס צום לעבן, צו מענשן, צו דעם פראגרעס און צו די טאָגפראגן. כמעט צוויי דריטל פון דער צייט פיל איך מיך גאָר גוט. מיינע אינטעלעקטועלע און גייסטיגע כוחות זיינען געבליבן אומבארירט, הגם מיין קערפער איז האלב פאראליזירט און וועט מסתמא אזוי בלייבן דעם גאנצן לעבן. אבער דער הויפטציל פון מיין לעבן, ווי עס ווייזט אויס, איז דערגרייכט געווארן: איך האב א סך איבערגעגעבענע און הייסע פריינד – און וועגן שונאים טראכט איך ווירקליך ניט».



ל׳ נ׳ טאָלסטאָי
(נאָך ריעפּין)

לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי·

I

די מענשהייט און דער נביא·

די מענשהייט איז דער אייביגער וואנדערער איבער דעם פאר־פלאָנטערטן רעטענישדיגן וועג פון לעבן׳ דער אינסטינקט פון אמת׳ וועלכער ווערט קיינמאל ניט אינגאנצן אַטראָפירט׳ טרייבט אים אלץ פאראויס· נאר עס טרעפן אפט שטערונגען אין דעם וועג׳ און דאן׳ ווי אומגעריכטערהייט׳ ווי פלוצלונג׳ פון דער זייט׳ באווייזן זיך די עמודי־האש׳ די גרויסע מענשן׳ וועמעס באדייטונג׳ ווירקונג באַשטייט בלויז אין דעם׳ וואס זיי פירן ארויף דעם פארבלאָנדזשעטן אויף זיין ריכטיגן וועג·

די געשיכטע פון דער מענשהייט וואלט באמת געווען א שרעקליכע כראנאלאגיע פון רציחות׳ ווען ניט די גרויסע משפחה פון נביאים׳ וועלכע באווייזן זיך פון צייט צו צייט און דערמאנען׳ און שלעפן ארויס פון דער זומפיגער בלאטע· אויב איר ווילט׳ קענט איר רעכענען דעם נביא פאר גאטס א פארשטייער׳ וועלכער קומט אין זיין הייליגן נאמען «אזוי צו זאגן»׳ און אויב איר ווילט׳ איז ער מער ניט ווי א באהעלפער· מיר זיינען לייכטזיניגע שילער׳ וועלכע האבן זיך פארשפילט אויף דעם וועג צו אונזער ציל׳ און ער׳ דער נביא׳ וועלכער האט ניט אויפגעהערט אכטונג געבן׳ באווייזט זיך אין די קריטישסטע מאמענטן׳ ווען אונזער בלאנדזשען איז שוין געפערליך·

וואס פאר א גליק איז עס׳ וואס אין דער נויטיגער שעה קומען זיי דאך׳ און די וועלט בלייבט ניט לאנג אהן א נביא· ער מוז

גלייך ארויסטרעטן אלס מוכיח. «ויצא ביום השני, והנה שני אנשים עברים נצים, ויאמר לרשע: למה תכה רעך» (און ער איז ארויס אויפ'ן צווייטן טאג, ערשט ער זעהט: צוויי מענשן, יידן, קריגן זיך. זאגט ער צום רשע: פאר וואס שלאגסטו דיין חבר!) עס וועלן דורכגיין טויזנטער, טויזנטער יארן, עס וועלן זיך בייטן פארשיידענע פארמען פון קולטור, און דאך זייט זיכער, אז יעדער נביא וועט מוזן אנהייבן זיין ארבעט, זיין ארויסטרעטן מיט דיזעלבע משה'ס ווערטער, און דאס ערשטע וועט מוזן זיין: «למה תכה רעך»!

און די אפלייקענונג פון קולטור וועט זיין דאס צווייטע ווארט פון דעם נביא, פון דעם מאָראַליסט. פאר דעם סקעפטיקער, וועלכער נעהרט זיין אויסגעטריקנטע נשמה מיט דער גאל פון איראניע, איז דא א געלעגנהייט צו ריידן וועגן דער באנאַליטעט פון די נביאים. זיי זיינען ווירקליך אזוי ארעם אין נייע ווערטער. ווען רוסאָ האט גערופן די מענשהייט צו דער נאטור, אין די פעלדער; ווען ער האט געפריידיגט דאס איינפאכע לעבן פון דארף, האבן זיך געפונען אזוינע קלוגע פראנצויזן, וואס האבן געזאגט, אז נאך דעם בלאסן יידן פון גליל, וועלכער האט איינגענומען א האלבע וועלט, איז קיין קונץ ניט צו קומען מיט אזוינע נביאות. און ווען שפעטער אין הונדערט יאר ארום האט זיך ווידער געלאזט הערן איבער דער גאנצער וועלט א שטים פון יאַסנאַיאַ־פּאָליאַנאַ, האט זיך געפונען א רענעגאט, א געשמדטער מאַקסימיליאַן הארדען, איינער כמעט אויף דעם גאנצן ערדקויל, וועלכער האט געזאגט: אך! לאזט צו רוה! דאס איז דאך דער אפגעפרישטער רוסאָ! נו, וואס פאר א נייס געפינט איר אין די ווערטער «אויב איך האב רחמנות אויף דעם אויסגעמאטערטן פערד מיינעם, אויף וועלכן איך פאָר, איז די ערשטע זאך, וואס איך דארף טאן, אראפגיין פון אים און גיין צופוס»?

פאר דעם שכל, וואס איז שטענדיג נייגעריג, וואס זוכט אלץ נייע מאכלים, קלינגט דאס ווירקליך ווי עפּיס גאר אלטס, כמעט פארשימעלטס. פאר דער הארץ אבער איז ניטא קיין נעהנטערע

ווערטער, און זיי פארכאפּן אזוי די גרויסע פיגור פון דעם נביא, זיי פילן אייך אָן מיט אזא רעליגיעזער התלהבות, אז אין דעם נאמען פון די כלומרשטע אלטע ווערטער לייקענען זיי אפּ די קולטור פון זייער עפּאכע, זיי ברייננען אריין א נייעם פארשטאנד אין דעםווארט «קולטור». זיי מיינען אונטער «קולטור» ניט דעם טעכנישן פּראגרעס, דעם פּראגרעס פון וויסנשאפט, ניט ערליכן און נאר ווייניגער עדיסאָנען. קולטור איז די סומע פון אידעען, הויכע געדאנקען, וועלכע בעסערן אויס דעם מענשנס כאראקטער, הייבן אים אויף אויף דער העכערער מדרגה פון פארשטיין דאס אייביגע, פּלאנצן איין די איידלסטע געפילן, דאס אייגענע וואס טיילט אונז אפּ פון נידעריגע חיות.

אלץ, וואס באוייכערט און פארגרינגערט אונזער מאטעריאלן לעבן, אטדי גאנצע גרויסע וועלט פון ערפינדונגען, וועלן זיי רעכענען פאר באקוועמליכקייטן, פאר וועלכע עס איז כדאי צו דאנקען. נאר אויב אונזערע נשמות זיינען פארדארבן, אויב מיר זינקען אין גראבע תאוות, אויב צווישן אונז הערשט אומגערעכטיג־קייט; אויב עס הערשט נאר די גראבע מאכט און עס פילן אָן די לופט זיפצן פון אונטערדריקטע, האט קיינער ניט קיין רעכט צו זאגן, אז מיר לעבן אין א דור פון קולטור. און דער נביא, און דער מאָראַליסט וועט זיין ניט צופרידן, וועט זיך קלאגן און שטארק, שטארק רופן צוריק צו דער פארגאנגנהייט, וועלכע איז נאך זיין מיינונג געוועזן בעסער, זאל זיין ארעמער, אבער דערפאר ער־ליכער...

אזא באציהונג צו דער קולטור איז אפשר די ריכטיגסטע, און דאס קענען מיר זעהען פון דעם, וואס אפט טרעפט, אז דער גע־לערנטער, וועלכער האט כל ימיו געקליבן, געסאָרטירט די פאקטן, געגראבן זיך ווי א קראָט אין דעם בוך פון וויסנשאפט, דאס אטדער געלערנטער, וועלכער האט יעדע ערפינדונג זיינע גערעכנט פאר א גרויסן גליק, כאפּט זיך אויף אין איין פריהמארגן א אומעטיגער, א

צעטראגענער· ווארום פלוצלונג האט ער דערפילט דעם טעות· ער האט פארשטאנען· אז ער האט נאר געטאן ארום דעם מענשן· בעת דער מענש גופא איז געבליבן דער אייגענער; ער האט פאר־טאפלט· פארמערט דעם מענשנס חפצים· נאר ער האט ניט פאר־טיפט זיין נשמה· אט פאר וואס ענדיגט איינער א פראנצויזישער שרייבער (עמיל פאַגע: «פאליטישע דענקער און מאראליסטן») זיין כאראקטעריסטיק פונם היסטאריקער און קונסטקריטיקער טען מיט די ווערטער:

«אים איז געוועזן אומעטיג· די סבה איז א גאנץ איינפאכע: ער האט ניט געגלויבט אין רעליגיע· און ליב געהאט נאר די וויסנ־שאפט ניט גלויבנדיג אין איר· אדער· אויב דאס געפעלט עמיצן מער: ער האט געגלויבט נאר אין וויסנשאפט און גארנישט פון איר געווארט»·

פארהאן ווירקליך פון וואס אומעטיג צו זיין· דער איצטיגער פעסימיזם שטאמט טאַקע פון דעם· וואס דער פראגרעס פון טעכנישער קולטור· דער פראגרעס פון וויסנשאפט· האט ניט געפירט צום פרא־גרעס פון מאָראַל· צו דער אייביגער אומצופרידנקייט· וואס פאר דעם מענשן ווערן ניט אנטפלעקט די פארבארגענע סודות· שטארקט זיך דער פארדראס· וואס אין לעבן חזרט זיך איבער די שרעקליכע רציחה פון קַיִנען· וועלכער הרגעט דעם שוואכערן הֶבֶלן··· פונ־דאנען נעמען זיך די אלע אפלייקענער· וואס ווילן ניט אנערקענען די איצטיגע קולטור· וויבאלד אין איר הערשט ניט די גערעכטיג־קייט· פונדאנען נעמט זיך· וואס דער מאָראַליסט פאלט אן אויף דער קונסט· ווארום ער זעהט ניט· אז די גרויסע ווערק פון קונסט זאלן אלע מאל ווירקן אויף דעם מענשנס כאראקטער און פירן אים צו בעסערקייט און פאראיידלוגג·

און אינדערצייט· ווען די מערהייט וואונדערט זיך און שעצט זיך פאר גליקליך צו לעבן אין דעם דור פון אויפבליהענדער קולטור· קומען אנדערע· איינצלנע· אין דער געשטאלט פון נביאים אמאל·

אין דער געשטאלט פון מאָראַליסטן איצט, און וואס פאר א רייכקייט די מענשהייט זאל ניט ארויסשטעלן, וועלן דאך זיין זייערע ערשטע און שטענדיגע ווערטער: «למה תכה רעך»? ...

פאר דעם לעצטן יארהונדערט האט די וועלט ניט געוואוסט וועלכן עס איז אנדערן, וואס זאל אזוי אומערמידליך, מיט אזא רעליגיעזער טיפקייט און שטארקייט שטעלן פאר דער מענשהייט די אויבן דערמאנטע פראגע, ניט געווען קיין אנדערער, וואס זאל אזוי אין דעם נאמען פון אייביגן אמת אנפאלן אויף דער איצטיגער קולטור, ווי לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי.

II

זיין לעבן.

איז מעגליך אויף דער ערד מער גליק, ווי עס איז אויסגעפאלן אויף דעם גורל פון טאָלסטאָי? אלץ, וואס דעם מענשנס שוואכע האַרץ איז אימשטאנד אויסצובעטן ביי גאָט, איז אים געגעבן געוואָרן; ער האט באלאנגט צו א אלטער משפחה פון פריווילעגירטן אַדל, וואס האט אים געגעבן די מעגליכקייט צו טרינקען פון די רייכע קוואלן פון דער אלטער קולטור. אנגעמערקט מיט דער חתימה פון א געני און געלאזן אים אויף דער וועלט, ארומגערינגלט מיט א באזונדערן שיַין, וואס האט געצוואונגען אלעמען זיין פארזיכטיג. «דעם יִינגסטן אָפיציר דאַרף מען היטן» האט פארזאגט אַלעקסאנדער דער צווייטער, נאכדעם, ווי ער האט דורכגעלייענט זיינע סעוואַסטאָפּעלער דערציילונגען, און טאָלסטאָיען פירט מען מיט א כּיוון איבער אין א אומגעפערליכן אָרט. אלע בייזע סטיכיעס איז פארבאטן צו טאן שלעכטס דעם געבענשטן זון פון דער ערד. איין מאל איז ער שוין געווען א מינוט פארן טויט. דאס איז פאר־געקומען אין דער צייט פון יאגד, א פארוואונדעטער בער איז אויף אים ארויפגעפאלן. נאר אין דעם מאמענט פון שרעקליכער געפאר

איז אים די הילף געקומען און געראַטעוועט· אין זיינע יוגנד־בריוו צו זיין ערציהערין, א אלטער קרובה טאָלסטאָיס, האט ער אפט ליב געהאט צו פאנטאזירן וועגן א שטילן פאמיליען־לעבן· ער האט א פילנדע, סענטימענטאלע הארץ, וואס איז אזוי ווי צוגעפאסט צו א שטילן ווינקל לעבן ווייב און קינדער· דער פארלאנג זיינער איז פארווירקליכט געווארן· בעסער פיליייכט, ווי מען האט געטראכט· ער איז געוועזן אזוי ווי א לעגענדארער פאַטריאַרך צווישן זיין גרויסער פאמיליע· רייכקייט, כבוד! דאס אלץ איז אים געגעבן געווארן אין זעהר א גרויסער מאס, איבערהויפט כבוד· די גאנצע וועלט האט זיך מיט א זעלטענער אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צו יעדן ווארט זיינעם· די ליבע צו טאָלסטאָיען איז געוועזן שוין אזוי גרויס, אז זי איז פארוואנדלט געווארן אין א מין טיראַניע, בפירוש, דאס איז געוועזן א טיראַניע פון ליבע· און ניט געוועזן אינערגעץ א אָרט אויף דעם ערדקויל, וואו טאָלסטאָי זאל זיך קענען באהאלטן פון פרעמדע אויגן· יעדן מענשן, וואס טרעט ארויס מיט זיין פריי־דיגן, איז ניט אנגענעם צו זיין אליין· ער זוכט אויערן, וואס זאלן אים הערן· טאָלסטאָי האט דערלעבט זעהען אזוינע תלמידים, וואס זייער מקריב זיין זיך, מיט זייער גרייטקייט אלץ אוועקצוגעבן, מיט זייער ליבע און געטריישאפט דעם רבין דערמאנען אזוי שטארק אמאליגע אַפּאָסטאָלן·

און דאך איז שווער צו געפינען א אנדערן, וועמענס לעבן זאל זיין אזוי טראגיש, ווי טאָלסטאָיס· שווער צו געפינען א אנדערן, וואס זאל שטענדיג אזוי ליידן, ווי ער· ווארום אין אים האבן גע־רונגען דער שטאלצער אריסטאקראט, דער אנגעזועטיגטער מיט דער אלטער רייכער קולטור, מיט דער טיפסטער שטרעבונג צו אסקע־טיזם, צו קרבנות· אים האבן געהערט אלע איבערלעבונגען פון פירסט באָלקאָנסקי, ווי אויך די איינפאכקייט פון מוזשיק קאַראַטאַיעוו· צו דעם לעצטן האט ער זיך אלץ דערנעהנטערט, קאַראַטאַיעוו איז געוועזן זיין אידעאל· נאך אזא לעגענדארן, רייכן לעבן האט זיך טאָל־

סטאָי געוואלט נאר איינס: ווערן אזוי, ווי קאַראַטאַיעוו, וועלכער, גייענדיג שלאפן, האט ליב געהאט זאגן: Положи, Господи, ка- мушкомъ, подними — калачикомъ! (לייג מיך איין, רבונו של עולם, ווי א שטיינדעלע, און הייב מיך אויף ווי א בייגעלע!) און, אויפשטייענדיג, ווידער זאגן: Легъ — свернулся, всталъ — встряхнулся. (געלייגט זיך - אויפגעדרייט, אויפגעשטאנען - אויס־געשפרייט). טאָלסטאָי האט געוואלט, אז גאט זאל אים בענטשן מיט דעם טויט ערגעץ אין א וואלד, אין א וויסטעניש, ער זאל שטארבן ערגעץ הינטער א פארקן, אין א קאנאווע ווי א ארימער, ארימער וואנדערער, פון וועלכן קיינער, קיינער ווייס ניט. ארייגגיין אין דער גרויסער מיליאנען־דאָרף־מאסע און ווערן דארטן צווישן זיי פארזונקן. «אט, דאס צווייטע מאל» - האט ער ניט לאנג געזאגט זיין טאכטער, פארבייפארנדיג א דארף - «וועל איך שוין דא ארומ־גיין צופוס און קלאפן מיט מיין שטעקעלע איבער די שמאלע פענ־סטערלעך, און גוטע מענשן וועלן מיר ברויט דערלאנגען».

אַסקעטן האבן ליב געהאט מיט אייזערנע רינגען דעם גוף פייניגן. טאָלסטאָי האט שטענדיג זיך געפייניגט, און יעדעס מאל, ווען אים האט זיך איינגעגעבן ווי עס איז פארקלענערן אין זיינע אויגן זיין אייגענעם ווערט, יעדעס מאל, ווען אים איז געלונגען ארייגקומען אין א שטימונג פון פולקומענער עניוות, פלעגט ער זיך שפירן בעסער.

דעם רוסישן שרייבער און סלאַוויאַנאָפיל סטאַכאָוויטשן שרייבט ער וועגן זיין ראמאן «אַננאַ קאַרעניגאַ»:

«מיר איז העסליך אלץ, וואס איך האב אנגעשריבן, און איצט ליגן די קארעקטן פארן אפרילבוך (זיין ראמאן האט זיך צוערשט געדרוקט אין א זשורנאל), און איך האב מורא, אז איך בין ניט אימשטאנד זיי צו פארריכטן. אלץ איז אין זיי שלעכט, און אלץ דארף מען איבערמאכן, אלץ, וואס איז אפגעדרוקט, און אלץ איבערמעקן.

און אוועקוואַרפן און אפזאגן זיך און זאגן: אנטשולדיג, ווייטער וויל איך שוין מער ניט.

און לויבט ניט מיין ראמאן. פּאַסקאַל האָט זיך ארומגעגארטלט מיט א גארטל מיט טשוועקעס, און יעדעס מאל ווען ער פלעגט דערפילן, אז אים פרייט, וואס מען לויבט אים, פלעגט ער איינ־קוועטשן דעם גארטל. איך האב געדארפט פאר זיך אויך אזא גארטל.»

אקארשט זיינען פון דרוק ארויס טאָלסטאָיס בריוו. זיי נעמען ארום א פעריאָד פון 62 יאר. זיי שפּיגלען אפּ אלע עטאפּן פון זיין אומגעהויערן געראנגל מיט זיך אליין. פון זיי איז צו זעהען, אז פון זיינע יונגע יארן ביז דעם לעצטן טאג האט ניט אויפגעהערט ארבעטן אין אים דער גייסט פון אַנאַליז. ער האט געהאט רעכט צו גלויבן אין אראפּברענגען דעם אמת און יושר אויף דער וועלט נאר דורך זעלבסט־אויסבעסערונג. ווארום דעם גאנצן שווערן וועג פון אזא פערזענליכער אנטוויקלונג אין זין פון דעם אייביגן אידעאל האט ער אליין דורכגעמאכט. די ליידן זיינען געווען אפּטמאל זעהר שטארק. ווארום טאָלסטאָי האט זיך ניט איין מאל געפילט שוואך, און אים פלעגט זיך דוכטן, אז אים איז באשערט נאר שווימען איבער דעם גרויסן ים און קיינמאל דעם ברעג ניט דערגרייכן. די בריוו זיינען פול מיט פרייד און טרויער. פרייד – ווען ער פלעגט זעהען, אז אים איז געלונגען דעם אינערליכן פיינד גובר צו זיין; אז לאנגזאם, לאנגזאם – נאר ער דערנעהנטערט זיך צו זיין אידעאל; אז אים גיט זיך אויך איין פון דעם פּילפּאכיגן אריבערצוגיין צו דעם איינפאכן, צום דארפישן, צו דער פּסיכאלאגיע פון גאָטס וואנדערער. דאן קומט אויף אים אן א זעלטענע שטימונג. אויף די פריהערדיגע געניאלע ווערק, וועלכע שטעלן אים אויף איין שורה מיט האָמערן, קוקט ער מיט א איראנישן שמייכל און זאגט גאנץ ערנסט, אז דער דארפישער פּעדקע שרייבט בעסער פון אים. ער רעכנט, אז אין א פּולקום פארשטענדליכער און איינפאכער שפּראך

איז אוממעגליך עטוואס שלעכטס צו שרייבן. און די שפראך פון פעֶדקען איז פארשטענדליך און איינפאך. אין די ליכטיגע מאמענטן פון שלום מיט זיך אליין איז טאָלסטאָי גליקליך. נאר געוועזן זיינען אנדערע מאמענטן, פון שווערע געדאנקען, ווען דער יאַסנעפּאָליאַנער געני איז הילפלאז, ווי א קליין קינד. דער, צו וועמען פון אלע עקן וועלט פלעגט מען גיין נאך גייסטיגער ישועה, איז געווען פאר־טרויערט פון צווייפל אין זיינע אייגענע כּוחות. עס איז שווער צו לעזן אהן ציטערניש זיין בריוו צו איינעם א באקאנטן, וועלכן ער שרייבט:

«גיט א קוק אויף מיין פריהערדיגן און איצטיגן לעבן און איר וועט זעהען, אז איך סטארע זיך בעסער צו ווערן. איך האב ניט ערפילט אפילו איין צענטויזנט־חלק, דאס איז אמת, און איך בין שולדיג אין דעם, נאר איך האב ניט ערפילט ניט דערפאר, וואס איך האב ניט געוואלט, נאר איך האב ניט געקענט. לערנט מיך אויס, ווי ארויסצורייסן זיך פון דעם נעץ פון פארשיידענע תּאוות, וועלכע האבן מיך ארומגעכאפּט. העלפט מיר, און איך וועל טאן, וואס איר וועט הייסן. נאר אהן אייער הילף וויל איך און האף אויס־צופירן. באשולדיגט מיך, איך אליין טו דאס אויכעט, אבער באשול־דיגט מיך, און ניט דעם וועג, אויף וועלכן איך גיי און וועלכן איך ווייז די, וועלכע פרעגן מיך, וואו איז, נאך מיין מיינונג, דער וועג.

ווען איך ווייס דעם וועג אהיים און וועג גיי איבער אים א שיכורער, שאקלענדיג זיך, טא שוין זשע איז דורך דעם דער וועג ניט ריכטיג, אויף וועלכן איך גיי».

טאָלסטאָי איז קיינמאל ניט געווען קיין פארגליווערטער דאג־מאטיק, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואס ער האט געלערנט די וועלט. דער פייער, וועלכער לייטערט אויס, האט אויף איין רגע ניט אויפ־געהערט ברענען. אט איז א מענש, וועלכער האט קיינמאל ניט געזאגט «גענוג, איך האב שוין דערגרייכט!» אים האט זיך אלץ געדוכט, אז ער טוט ווייניג, אז זיינע זינד זיינען ניט פארגעבן. ער, דער אמתער צדיק הדור, האט ביז דער לעצטער צייט וידוי געזאגט.

ער האט געדארשט זיך מקריב צו זיין, און אין עלטער פון 83 יאר איז ער אוועק גלות אפריכטן...

יאָ! עס וועלן פארבייגיין דורות, דורות און מענשן וועלן נאך מער לעבן, דערמאנען זיך אן איין לעגענדע, וועלכע דערציילט, וויאזוי אמאל פארטאג, ווען אלץ איז נאך געווען מיט פינסטערקייט באדעקט, האט דער «גרויסער לעוו» זיין געצעלט פארלאזט און אוועק אין דער ווייטעניש, ווי א ארימער, ווי א אומבאוואוסטער וואנדערער, און פארגעסן וועלן אלע דעם קיניג ליר, וועמען די טעכטער האבן אין וואלד אריין פארטריבן, און ער האט געבלאנדזשעט נאקעט, בארוועס. ווארום אין דער וועלט וועט זיך טראגן א הייליגער שאטן פון א גייסטיגן קיניג, וואס האט זיך אליין פון זיין קיניגרייך פארטריבן און אוועק גלות אפריכטן...

III

צוויי דאַטעס.

— איר ווייסט, ווי אלט איך בין? האט געפרעגט טאָלסטאָי מיט 5 יאר צוריק זיינעם א גאסט א יאַפּאַנישן תּלמיד טאָקו־טאָמי.

— אייך וועט ווערן 78 יאר אטדעם אווגוסט, האט געזאגט דער יאַפּאַנישער תּלמיד.

— ניין, 28, האט געענטפערט טאָלסטאָי, מיינענדיג דערמיט זיין נייגעבארן ווערן אין מאמענט פון דעם גייסטיגן קריזיס. ער אנ־ערקענט זיך נאר פון דעמאָלט אן, נאר פון דער צייט, ווען עס האט אנגעהויבן קלינגען איבער דער וועלט זיין רעליגיעזע פראפאגאנדע. דעמאָלט איז ער ערשט געבארן געווארן פארן אמתן לעבן. טאָל־סטאָי מעקט אויס אלע פריהערדיגע יארן, וואס האבן, לויט זיין מיינונג, קיין ממשות ניט.

אבער וועלכע דאטע נעמט אן די מענשהייט? 78 אדער 28? וואס איז וויכטיגער: «אַננא קארענינא» «מלחמה און שלום» אדער «וואס

איז מיין אמונה», «מיין וידוי»?ביידע וויכטיג, אבער וואס איז וויכטיגער? ענטפערן אויף אזא פראגע איז ניט אזוי גרינג. ווארום דא האנדלט זיך וועגן דער בחירה צווישן קינסטלער און נביא. גרויס, אומגעהייער גרויס איז דער ווערט און די באדייטונג פון קונסט, ניט נאר אלס אייביגער קוואל פון עסטעטישע פארגניגן. אבער קיין איין קונסטווערק האט נאך ניט געמאכט קיין איבערקערעניש אין דער וועלט, דער קינסטלער האט קיינמאל ניט געפירט נאך זיך לעגיאנען מענשן. איך מיין ניט לעגיאנען קנעכט, נאר מענשן אין העכסטן זין פונם ווארט. נאר אט קומט דער נביא פון דער וויסטעניש און צינדט אן מיט פייערדיגער ליבע אלע הערצער, און דער מענש אונטער דעם איינדרוק פון זיינע, דעם נביאס, באגייסטערטע ווערטער הייבט זיך אויף אויף אזא מדרגה, וועגן וועלכער פריהער איז גאר שווער געווען צו חלומען. דער קינסטלער קען אויסבעסערן דעם מענש, ווארום אלץ, וואס איז שיין, בעסערט אויס, און דערהייבט, און דערהעכערט. נאר דער נביא ראַטעוועט. ווען מיר שטייען אין א גרויסער געפאר, קען אונז דאן העלפן נאר דער נביא, ניט דער פאָעט. וואס זשע איז דער וואונדער, וואס איבער דער גאנצער וועלט האבן זיך פארשפרייט טאָלסטאָיס תלמידים און ניט נאר אנערקענער פון זיין געניאלער קונסט. וואס זשע איז דער וואונדער, וואס דאס, וואס האט דערנעהנטערט טאָלסטאָיען צו שעקספירן, איז אין די אויגן פון דער מערהייט געווען שוין ניט אזוי וויכטיג, נאכדעם ווי ער איז אריינגעבראכט געווארן אין דער משפחה פון בודאַן. עס וואלט געווען לעכערליך צו פאדערן פון דער מענשהייט, זי זאל באוויינען דעם קינסטלער, וויבאלד זי פילט מיט אלע פעדימער פון איר נשמה, אז עס איז געשטארבן דער נביא.

טאָלסטאָי האט זיך אפגעזאגט פון זיין פריהערדיגער קינסטלערישער טעטיגקייט. מיר קענען, פארשטייט זיך, ניט זיין אזוי ראדיקאל און אפזאגן זיך פון דער גרויסער טיפער וועלט, פון דער

גאלערעע טיפן, בילדער, וואס געפינען זיך אין זיינע ווערק: דער ווילדער, דער נאטורמענש, דאס אלטע קינד, די אַדאַ יעראָשקאַ, די ערהאבענע געדאנקען, וואס באוועלטיגן דעם פירשט באָלקאָנסקי פאר זיין טויט, און די מוראדיגע שרעק און דעם געשריי פון איוואַן איליאיטש, די פּסיכאלאגיע פון די מאסן, ווען זי צערייסט אויף שטיקער ווערעשטשאַגינען, און אלע אינטעליגענטע, גייסטיגע איבערלעבונגען פון פּיער בעזואוכאָווו, דער קלוגער כיטרער נאַפּאָלעאָן, און אלס זיין היפך דער איינפאכער פאטאליסט קוטוזאָוו, און ווייטער, ווייטער אָטדי גאנצע ציילע דארשטיגע זיילען: לעווין, נעכליודאָוו, ניקאָלאַי אירטעניעוו, אָלענין, וועלכע זיינען בלויז טאָלסטאָיס אווטאָביאָגראַפיע אין בילדער, און די פרויען אין טאָלסטאָיס ראָמאנען, און דער גאנצער אלטער רוסישער אַדל – ווער איז אימשטאנד אויסצושעפן דעם ים? און איז דען ניט אנגעגרייט שוין לאנג דער פּרעכטיגער היכל, וואס זאל אריינגעמען טאָלסטאָיס שעדעוורס?

און דאך ... גיט א קוק אויף דעם טראקט, וואס פירט צו יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. עס טראגט זיך א רייטער, צעטראגן, פארטרויערט, און די אויגן זיינען אנגעשטרענגט, זוכן עפּעס. דאס איז דער קראנקער רוסישער שרייבער גאַרשין. ער קען שוין מער ניט לעבן פון די אלע אינערליכע ליידן, פון אזוי פיל ניט פארענטפערטע פראגן, און ער איילט צו טאָלסטאָיען, דעם מאראליסט, ניט דעם קינסטלער, ער איילט זוכן רוה פאר זיין קראנקער נשמה ביי דעם, וואס האט אנגעשריבן «מיין וידוי». און אלע, אלע: דער פּראָפעסאר, דער סטודענט פון טאָקיאָ, דער בודיסט פון קאַלקוטע, דער סעמינאריסט און דער גזלן טשורקין, אלע האבן זיי געגארט ניט קיין עסטעטיק, נאר שטילע ווערטער פון ליבע און טרייסט.

פאר די פיל פרעגנדע האט טאָלסטאָי געהאט נאר איין ענטפער: הייבט אן פון זיך אליין. זאל זיך רעטן די איינצלנע פּערזענליכקייט, און, אזוי ווי די געזעלשאפט באשטייט פון אזוינע

איינצלטע פערזענליכקייטן, קען זיך אויף אזא אופן די גאנצע וועלט ראטעווען.

«אוממיגליך, האט געענטפערט די וויסנשאפט, דער איצטיגער פאזיטיוויזם, דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבן, דער מענש איז גאר ניט אויף אזוי פיל פריי, אז ער זאל טאן, וואס אים הייסט דער גאט פון זיין נשמה».

מיר ווייסן, אז טאָלסטאָי האט זיך דעמאלט צעקריגט מיט דער וויסנשאפט.

«שווער, האט געזאגט דער מענש, איך ווייס ניט אויב ביי מיר וועט זיין אויף אזוי פיל כחות».

און זיין גאנצע מאראל, זיין גאנצער פערזענליכער לעבן איז אפגעגעבן געווארן נאר אויף דעם, צו באווייזן, אז עס איז יא מיגליך. קיינער האט נאך ניט אויפגעהויבן דעם מענש אזוי הויך, ווי טאָלסטאָי מיט זיין לערע, מיט זיין גלויבן און אויסבעסערן די וועלט דורך פערזענליכער גייסטיגער מיה. אויף זיך אליין האט ער דערוויזן, אז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז קען מען דערגרייכן דעם אידעאל, צו וועלכן עס שטרעבן אייגנטליך אלע.

צי איז ער געווען גערעכט? אפשר האט ער טאקע מגזם געווען און ארויפגעווארפן אויף דעם מענש א שווערע לאסט, וועלכע עס איז אוממיגליך אויסצופירן?

ווען ער וואלט ניט געווען גערעכט, וואלט ער דאן ניט געווען אזוי טייער. די מענשהייט האט א ריכטיגן חוש... אין איצטיגן יארהונדערט האט נאר טאָלסטאָי פארטיידיגט די אמתע נאטור פון דעם מענש, דאס הייליגע אין אונז, דאס געטליכע אין אונז, נאר ער אליין האט אהן א אויפהער גערעדט, אז דער שווערד איז א איבעריגער, אז עס איז לעכערליך די פארברעכערישע דארש־טיגקייט אונזערע נאך צו קלייבן, נאך צו זאמלען. ער, נאר ער האט ניט אויפגעהערט אנצווייזן אויף דער שיינער גאטס וועלט. «גייט אין פעלד, גייט אין פעלד, באפרייט זיך פון אייערע שווערע

קליידער, שווערע מנהגים, שווערע געדאנקען. מער גלויבן אין זיך, איר זייט א סך בעסער ווי די פּראָפעסאָרן ריידן אייך איין».

אין דעם דור פון שרעקליכער פארקנעכטונג פונם מענשנס גייסט האט געדארפט קומען דער גרויסער באפרייער, וואס האט צעריסן אלע קייטן און געזאגט דעם מענשן: «ד ו ק ע נ ס ט». אין דעם איז טאָלסטאָיס קראפט, אין דעם איז זיין ווירקונג אויף דעם איינצלנעם און אויף דעם כלל.

ער האט אנגעשריבן טאקע א סך ביכער. נאר קענען דען אטדי אלע ביכער איבערגעבן די לעגענדארע פּאָעמע פון זיין פּערזענליכן לעבן, די פּרעכטיגע שיינקייט פון אלע זיינע שטרעבונגען?

ז י י ן ל ע ב ן א י ז ז י י ן ג ר ו י ס ע ר ב ו ך. דאס גרעסטע בוך פאר דעם לעצטן יארהונדערט. יעדע בלאט ברענגט אונז אין דער גרעסטער פארוואונדערונג. אבער די טיפסטע ליבע און באַוואונדערונג ווערט אפגעגעבן די בלעטער, וועלכע דערציילן אונז וועגן טאָלסטאָי דעם אוטאפיסט, טאָלסטאָי דעם דענקער און מאָראַליסט. פון דעם מאמענט, ווען ער איז געקומען צו זיך אין דארף, אין יאַסנאַיאַ־פּאָליאַנאַ, און האט אנגעהויבן לערנען מיט די דארפישע קינדער, פון דעם מאמענט אן פארשטעלט דער מאָראַליסט דעם קינסטלער.

מיר וועלן אלע בענקען נאך דעם ערשטן מער, ווי נאך דעם צווייטן. ווארום מיר נויטיגן זיך אין דעם נביא מער, ווי אין דעם קינסטלער ...



ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

(פאט. ע. אָ. האָפּפּע, ניו־יאָרק)

ראבינדראַנאַט טאַגאָרע.

I

אז מען גייט פארביי די ביכערמאגאזינעס און מען זעהט אלע ביכער וועגן בודיזם, וועגן כינעזישער פאעזיע, וועגן יאפאנישע טענץ פון לעווקאדיא הירן, און ביכער וועגן קאנפוטצע, לאַאָטצע, קען מען אין אמתן מיינען, אז א גרויסע צאל געהיימע, פלינקע אגענטן פירן א אקטיווע פראפאגאנדע לטובת זייערע לענדער, די לענדער פונם ווייטן מזרח.

מען קען מיינען, אז ערגעץ וואו ארבעט א צענטראלביורא, וואס האט אומעטום זיינע אפטיילונגען און זייער ציל באשטייט אין געווינען די סימפאטיע פון דעם אייראפעאישן מענשן צו די גייסטיגע אוצרות פון אזיע.

אבער, ווען מען זאל שוין יא ווען ריידן וועגן אגענטן, איז עס קיינער אנדערש ניט, אויסער דעם מענשס הארץ, דעם מענשס נשמה, וואס איז אפגענארט אין אירע בעסטע און הייליגסטע האפע־נונגען. עס פארשטייט זיך, אז געמיינט זיינען די אידעלע הערצער און די אידעלע נשמות. פאר הארטע, מגושמדיגע נאטורן, פאר נאטורן מיט דער מיאוסער, סוחרישער פעהיגקייט זיך שנעל צו־צופאסען, עקסיסטירן ניט קיין אנטוישונגען. די וויכטיגסטע פעהיג־קייט פון אזוינע ברייות באשטייט אין דעם, וואס מען קען זיי מיט קיין זאך ניט איבערלעבן. זיי איבערלעבן די גרעסטע קאטאסטרא־פעס. מטושטש, צעדולט ווערן זיי העכסטנס נאר איין מינוט, די צווייטע מינוט ווערט שוין אפגעגעבן דעם צופאַסן זיך, דער טרחה זיך צו אקלימאַטיזירן. מגושמדיגע, זיך צופאסנדיגע לייט איז דאָ

א סך· די מערהייט באשטייט פון אזוינע· ניט זיי אבער מאכן די געשיכטע· גאט צו דאנקן· ניט זיי· ניט צו זייערע טירן שטויסט זיך א נייע אידעע און בעט· צערטליך· גאסטפריינדליך אויפגענומען צו ווערן· און שטארבט אפּ א גרויסע אידעע· הערט מען יאמערן און קלאָגן ניט פון זייערע רייהען· די מענשליכע געזעלשאפט האט דאך ניט געקענט אזא עפּאכע· אין וועלכער עס זאל זיך ניט כאטש א קליינער הייפעלע געפינען אזוינע· וואס זאלן ווירקליך קענען טיף ליידן· ווען געטער שטארבן אפּ· און וואס קענען זיך אויך טיף פרייען· ווען עס טראגן זיך פונאנדער בשורות וועגן דעם מולד פון נייע אידעעס· און פעלן אטדי בשורות· פעלט דער בת־קול· דאן לאזן זיך די איידעלע נשמות וויט וואנדערן און זוכן נייע אידעעס· אדער זיי גייען אהין· אין יענע גליקליכע לענדער· פונוואנען אייביגע· גרויסע אידעאלן זיינען נאך ניט פארטריבן געווארן· · ·

די וועלט־מלחמה האט צוגענומען ביי מיליאנען מענשן דאס לעבן· האט צעשטערט א אומגעהייערע צאל פון שטעט· האט איינגעשלונגען הונדערטער מיליארדן פון דעם פאלקס עשירות· די טויטע האט מען טיף און אפט אפילו ניט טיף באגראבן אין דער ערד· די צעשטערטע שטעט טארצען נאך ווי סקעלעטן· אבער מיר קענען זיך פארלאזן אויף דעם מענשנס ענערגיע· זי וועט ניט לאנג באקלאגן די חורבנות· אָ! די מענשליכע ענערגיע! זייט זיכער· עס וועט ניט אסך יארן דויערן און די שטעט וועלן אויפס ניי אויפגעבויט ווערן מיט שענערע גאסן· מיט גערטנער· פארקן און ווילעס· דערוויל זיצט זיך א בוכהאלטער איבער ביכער און טראגט ארייַן די וועלט־היזקות אין די נויטיגע ספעציעל דערצו אויפגעשטעלטע רובריקעס· קיין זאך פארגעסט ער ניט· אויסער אַ קלייניגקייט· · · אבער פאר איידעלע הערצער און איידעלע נשמות איז אטדי קלייניגקייט אלץ· דער גרעסטער· דער שרעקליכסטער היזק· אטדי קלייניגקייט הייסט: פארלארן דעם גלויבן אין דעם אייראפעאישן מענש! אין אייראפע! אין דערזעלביגער אייראפע· וואוהין דאָסטאָיעווסקיס העלד· דער

גרויסער צווייפלער איוואַן קאַראַמאַזאָוו, האט ליב געהאט אפט פארן. אמת. אויך דאן האט אייראפע אויסגעזעהען גאר ווי א בית־עולם, אויף דעם בית־עולם זיינען אבער געוועזן טייערע, הייליגע קברים. עס דוכט אבער, אז אפילו דער בית־עולם איז פארשוועכט גע־ווארן... ניטא קיין הייליגקייטן מער, און עס לוינט ניט מער צו פארן...

עס וואלט געוועזן העכסט אומנארמאל, העכסט אומנאטירליך, ווען די קאטאסטראפע, וואס דער אייראפעאישער מענש האט אליין ארויסגערופן, און ער אליין, מיט זיין יאגעניש נאך רייכקייטן, וועלט־ליכע גיטער, איז שולדיג אין איר, זאל ניט גורם זיין (ביי מענשן מיט א ערהאבענער נשמה) די טיפסטע אנטוישונג, וועלכע מען קען זיך נאר פארשטעלן. עס זיינען דא פיל אזוינע, וואס וואלטן דעם צושטאנד פון זייער נשמה געקענט אויסמאלן מיט די ווערטער פון איינעם גאָרקיס א העלד:

«עס טרעפט זיך, אז דו טראכסט, טראכסט. און מיטאמאל ווערט אלץ פארשוואונדן פון דיר, פונקט ווי דו וואלסט פארזונקען געווארן ערגעץ וואוהין. אין דער נשמה איז דאמאלס, ווי אין א קעלער, פינסטער, פייכט און גאר פוסט. טאקע גארניט ניטא! עס איז אפילו שרעקליך... פונקט ווי דו וואלסט גאר ניט געוועזן קיין מענש, נאר עפעס א תהום, א פינסטערע, טיפע גרוב.»

אין א פייכטן, פינסטערן קעלער קען מען אבער לאנג ניט לעבן. מען זוכט א וועג ווי אזוי ארויס. מען זוכט דעם וועג צו ליכט. און דעריבער, ווען איך זעה ווי מענשן איילן אויף אן אונטש וועגן כינעזישער ליריק, ווען איך זעה ווי גיך עס פארקויפט זיך און פאדערט אלץ נייע און נייע אויסגאבן דאס בוך וועגן בודיזם, האב איך קיין גרונט ניט צו באנוגענען זיך מיט א ביליגן סקעפטיציזם און זאגן, אז שולדיג איז אין דעם די מאדע און אז אויך אטדי מזרח־מאדע וועט, ווי אלע אנדערע, פארבייגיין. פארקערט, עס איז קיין ספק ניט, אז דער כסדר וואקסנדיגער אינטערעס צו דער חכמה פון מזרח, צו

זיין פאעזיע און זיין קונסט, באפרידיגט די נויטיגסטע באדערפענישן פון דעם מענשנס אנטוישטער און טיף באליידיגטער נשמה. דאס איז דער שרעק פאר יענעם תהום, וועגן וועלכן עס רעדט דער ציטירטער העלד פון גאָרקי. פאר דעם אייראפעאישן מענשן האט אזוי ווי דורכגעשוועבט זיין גאנצע געשיכטע און ער האט דערזעהען, אז דער וויכטיגסטער, דער דאמינירנדיגער מאמענט אין איר איז: דער געראנגל. דער געראנגל מיט דער נאטור, דער געראנגל פון די מענשן צווישן זיך. ער איז דערצויגן אויסשליסליך אין דער אטמאספערע פון נצחון און מפלה, און אויף אזא אופן, אז די מפלה האט זיך אלעמאל געֿרעכנט פאר א חרפה, ווען אפילו זי איז פארגעקומען דערפאר, ווייל דער צד, וואס האט די מפלה געליטן, האט פארמאגט א צארטערע, העכערע נשמה. דער נצחון איז אלעמאל באזונגען געווארן, ווען אפילו ער איז דערגרייכט געווארן נאכדעם, ווי עס איז באזייטיגט געווארן יעדער מאראלישער באגריף, נאכדעם ווי מען האט דערשטיקט דעם קול פון די אייביגע גרונט־געזעצן. דעם אייראפעאישן מענש האט מען שטענדיג ארויסגעלאזן אויף דער ארענע פון לעבן מיט דעם לאזונג: כאַפּען, ראנגלען זיך, מנצח זיין, אפשטויסן דעם צווייטן און וואס גיכער זיך אוועקזעצן. די וועלט דארף דעמזעלביגן פנים האבן, ווי א ניט גומערירטער טעאטער: ווער עס קומט פריהער, דער האט א פלאץ. די גאנצע קולטור, די גאנצע טעגליכע מאראל איז אויפגעבויט געווארן אויף דעם פרינציפ פון געראנגל. פאר דעם פרינציפ האלטן זיך די קאנסערוואטיווע ווי די ראדיקאלע פארטייען.

אבער אייביגער געראנגל, הייסט עס דען ניט אייביגע אומרוה, אייביג פילן דעם שונא, וואס ליגט פארבארגן אין א טונקעלן ווינקעלע אוןווארט דארטן אויף דער שעה, ווען ער וועט קענען מיט שאנסן אויף ערפאלג אנפאלן? מען דארף שטענדיג זיין אין דעם צושטאנד פון זיך קענען פארטיידיגן און קענען אנפאלן. די גאנצע קראפט, די גאנצע ענערגיע ווערט אויף דעם פארניצט, און

דאס, וואס האטווירקליך א ווערט, דאס, וואס איז ווירקליך אייביג, ווערט ניט געאכט. דאס איז כאראקטעריסטיש ווי פאר דעם איינצעלנעם אייראפעאישן מענש, אזוי אויך פאר די אייראפעאישע מדינות. דער רעזולטאט איז, פארשטייט זיך, אומעטום דערזעלביגער, זעהר א קלאגעדיגער. אמת מען האט ערווארבן מאטעריעלע עשירות, עס איז פארפולקומט געווארן די ארגאניזאציע, אבער דאס אלץ איז געקויפט געווארן פאר א צו טייערן פרייז, און דערביי איז ניטא די זיכערקייט, ניטא די באווארעניש, אז פון א זייט ערגעץ וועבט זיך ניט א אינטריגע, א אינטריגע פון די, וועלכע האבן גרונט צו זיין אומצופרידן. אויף די רייכע ווארט שטענדיג דער בונט פון די ארימע, און די גאנצע מלוכה דארף רעכענען שטענדיג מיט דער מעגליכקייט פון א מלחמה, ווארום אלעמאל לוגט ערגעץ א שונא, וואס איז מקנא, א שונא, וועלכער האט זיך שוין פארריכט פון דער אויסגעשטאנענער מפלה און וויל אויספראבירן דאס גליק פון א נצחון. עס דוכט זיך, אז כדי צו רעכענען אזא לאגע פאר נארמאל, דארף מען פארמאגן זעהר גראבע, זייער מיאוסע השגות וועגן דעם לעבן, מען דארף זיין גראב און ווילד. מען איז עס טאקע. ווען מען רייבט אפ דעם אויבערשטן לאַק פון דער ציוויליזאציע, זעהט מען ערשט דענסטמאל, ווי מען איז עס, ווי מען איז דורכגעדרונגען מיט אזוינע גראבע, מיאוסע השגות.

און דער אייראפעאישער מענש, וועלכער וויס נאר אטדעם פרינציפ פון געראנגל, איז מיט אלעמען אין קריג. אים האבן פיינט די אונטערדריקטע, «ווילדע» פעלקער, אים האבן פיינט די חיות, ער איז צעקריגט מיט דער נאטור. דער אייראפעאישער מענש איז פולשטענדיג איינזאם. די פאעטן זיינען די ערשטע געוועזן, וואס האבן געפילט די גאנצע פארדארבנדיגע ווירקונג פון דעם שרעקליכן פרינציפ פון געראנגל, און, אינדערצייט ווען די אפיציעלע וויסנשאפט האט נאר דאס געטאן, וואס זי האט באשיינט, באגרינדעט אטדעם פאלשן, געפערליכן פרינציפ, באוויינט דער פאעט דעם

רעזולטאַט פון דער אנווענדונג פון דעם פרינציפ אינם לעבן. באַ־ווייזט די אפגעריסנקייט, די אפגעזונדערטקייט פונם מענש, זיין צעקריגט־זיין מיט דער נאטור, דאס, וואס אלע האבן אים פיינט, די חיות, די פייגלעך, די בלומען אפילו.

ווען איך לייען אזוינע אומעטיגע שורות, דערמאנט זיך מיר א געדיכט פון ראבינדראַנאַט טאַגאָרע, דורכגעדרונגען מיט א גאנץ אנדערער שטימונג, מיט א שטימונג פון הארמאניע און ליבע. דער פאעט דערציילט, ווי אין א מאַי־נאכמיטאג א הייסן, ווען די ערד און אלץ אין דער נאטור קרעכצט אונטער דער דריקנדיגער היץ, הערט ער פון דער זייט, וואו עס ליגט דער טייך, א קול: «קום, טייערער». ער פארמאכט דאס בוך, גייט צו צום פענסטער און זעהט א גרויסן בויוואָל מיט א שמוציגער פעל שטייענדיג ביים טייך; און א קליין יינגעלע, ביז די קני אין וואסער, רופט אים שווימען. «איך האב אנגענעם א שמייכל געטאן, און אין מיין הארצן האב איך דער־פילט א ווינטל פון צערטליכקייט», ענדיגט דער פאעט די סצענע...

אין יענע ווייטע לענדער, וואו דאס לעבן איז געגרינדעט ניט נאר אויף דעם פרינציפ פון געראנגל, וואו עס הערשט ניט די העס־ליכע איילעניש און יאָגעניש פון די אייראפעאישע מענשן, אין יענע ווייטע, נאך אונזער, אויף דער נארישער גאוה געשטיצטער מיינונג, אפגעשטאנענע, איינגעשלאפענע לענדער איז די אטמאספערע ניט אזוי פארסמט מיט שלעכטיגקייט און שטענדיגע מחלוקות, ווי אין אייראפע. דער טעמפ איז א לאנגזאמערער, ווייל די נשמה וואַכט און געניסט די רוה פון דער אייביגער קלוגקייט. אין יענע לענדער איז וויניגער מחלוקות צווישן מענשן און בעסערע באציהונגען צווישן די מענשן און חיות. «קום, טייערער!» רופט דאס קליין יינגל צום גרויסן בויוואָל...

קייזערלינג אין זיין באדייטנדן בוך «דאס רייזעטאגעבוך איינעס פילאזאפען» זאגט, דאס אין אינדיע האט מען פאר א טיגער ווייַ־ניגער מורא, ווי פאר א הירש אין אייראפע, און ווייטער זאגט ער,

אז די אינדיש־בודיסטישע וועלט מאכט אין א פולע הינזיכטן דעם איינדרוק פון א גן־עדן. די מענשן פון אטדער וועלט שטעלן זיך גאנץ אנדערש פאר די אויפגאבן פון מענשליכן לעבן, זיי זיינען פריהער פאר אלץ ניט אוועקגעגאנגען אין קנעכטשאפט צו די זאַכן. דאס ענדליכע, צייטווייליגע האט ניט פארשטעלט דאס אומענדליכע, אומשטערבליכע. ניט נאר דער בודיסטישער מאנאך דארף גיין אין וואלד אריין, רוהען אונטער דעם בוים און אפגעבן זיך מיט הויכע מחשבות. מחשבות פאראליזירן דעם ווילן? דער ווילן צו וואס? צו מאכט, צום אנזאמלען עשירות, צו כבוד? צוליב אטדעם אטעם האט דער אייראפעאישער מענש פארוואנדלט זיין ערד אין א אַרענע פון ליידנשאפטליכן געראַנגל, האַס. ער לעבט צווישן איין קאַטאַ־סטראפע און דער צווייטער. אין א פויזע דערמאנט ער זיך, אז צווישן אים האבן געלעבט פילאסאפן, דענקער און פּאָעטן. נאר ער דערמאנט זיך נאר, כדי אויסלאכן זיי פאר זייער אומפראקטישקייט. דער אייראפעאישער מענש האט אויך ליב אפט זאגן, אז ער גלויבט אין עפעס, אין אמתן אבער גלויבט ער נאר אין איין זאך. אין דעם ערפאלג. דאס איז זיין איינציגע רעליגיע.

אזוי ווי דער פונדאמענט פון דער איצטיגער געזעלשאפט איז דער בארבארישער, בהמהשער פרינציפּ פון געראנגל און אזוי ווי אטדער בהמהשער פרינציפּ שטייט פארט אין סתירה צו דער מענש־ליכער נאטור, שטראפט דער גורל די מענשן פאר זייער גיין אויף שלעכטע וועגן, שטראפט אין דער פארם פון פארשיידענע קאַטאַ־סטראפעס. ווען די קאַטאַסטראפע איז קליין, גייט זי דורך איבער די נשמות פון די מענשן ווי קליינע וועלן. עס דערמאנט אָן עפּעס, אבער עס דערמאנט נאר אויף א ווײַלע, באלד פארגעסט מען עס. עס קומען אבער אמאל קאַטאַסטראפעס, וואס ווירקן, ווי א שרעק־ליכער שטורם. צו אזעלכע געהערט די לעצטע קאַטאַסטראפע. צי איז עס א וואונדער, וואס א סך דוכט זיך, אז זיי האבן פארלארן דעם גרונט אונטער די פיס, און זיי זוכן זיך א נייעם גייסטיגן פא־

טערלאנד; צי איז עס א וואונדער, אז א סך באטראכטן פאר א אידעאל פון א גליקליך דורכגעלעבטן לעבן דאס לעבן פון אטדעם לעווקאדיא הירן, וועלכער האט פארברענט הינטער זיך אלע שיפן פון דער אייראפעאישער קולטור און מיט דער גאנצער נשמה, מיט אלע מחשבות זיינע אוועק אין דער פאעזיע און אין דער קלוגקייט פון מזרח. ער געפינט ניט מער קיין פרייד אין זיין אלטן נאמען לעווקאדיא הירן, ווייל דאס איז צונויפגעבונדן מיט דעם עבר, פול ביטערניש און באליידיגונגען, עס דערמאנט צופיל אייראפע, וועלכע ער וואלט וועלן פארגעסן. קאִיצומי וואַקומאָ פאסט בעסער צו זיין איצטיגער שטימונג. ער אימיטירט ניט, ניט נאר אויסערליך נעמט ער אויף די יאפאנישע קולטור, נאר טיף אינערליך ווערט ער דורכגעדרונגען מיט איר; ניט מיט דער נייער, וואס איז אנטליהען געווארן פון אייראפע, נייערט מיט דער אלטער, דער אמתער, וואס האלט אין זיך פארבארגן די אייביגע נשמה פון דער נאציע. ער שרייבט וואונדערבארע, אומגעוואוינליך שיינע ביכער. אנטפלעקט נאך אמאל יאפאניע, איר פאעזיע, איר קולטור, וואס שטייט א סך העכער פון דער קולטור, וועלכע די מאדערניזירטע יאפאנער, אקארשט אומגעקערט פון די אייראפעאישע אוניווערסיטעטן, פירן איין ביי זיך אין לאנד. געוויס פירן זיי איין די אייראפעאישע קולטור, באזונדערס די, וואס טויג אויף צו פארטיידיגן זיך אין אנ־פאלן. אבער צו דעם פרעמדן, וואס האט זיך געקאנט אזוי איינ־לעבן אין דעם גייסט פון א אלטער נאציע, פון א אלטער קולטור, און ניט נאר דאס, נאר ער האט דורך זיינע קינסטלערישע באשריי־בונגען געשטעלט א אייביגן מאנומענט יאפאניע, צו אטדעם פרעמדן זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל פון טיפסטער דאנקבאר־קייט און פארערונג. ווען לעווקאדיא הירן איז געשטארבן, האט יאפאניע מיט א אמת געטרויערט, און דער רעדנער, וועלכער האט גערעדט אויף זיין קבר, האט פארזיכערט, אז דאס פארלירן פון נאך עטליכע קריגס־שיפן ביי פארט־ארטור, וואלט מען ניט אזוי שמערצ־

ליך געפילט, ווי דעם טויט פון אטדעם מענש: און די יאפאנער האבן זעהר טייער געהאלטן זייערע קריגס־שיפן...

ווען מען דערמאנט זיך און מען טראכט וועגן דעם, וויאזוי דער אייראפעאישער מענש האט זיך געפלייסט צו מאכן צו בלאָטע אזוינע באגריפן, געפילן, ווי נאציאנאליזם, פאטריאטיזם און וויאזוי דאס, וואס האט באדארפט זיין נאר דער שיינער אויסדרוק פון פילזייטיג־קייט, פילפארביגקייט פון קולטורן, האט ער פארוואנדלט אין א מקור פון ביטערסטער שנאה צווישן פעלקער, ווען מען גיט וועגן דעם א טראכט, איז מען כמעט נוטה אוועקצוגיין ווייט פון דעם קוואל, וואס איז פאראומרייניגט געווארן, וואס איז, מחמת דער פארגיפטונג, געווארן א קוואל פון שלעכטסקייט, פון טויט. מען קומט כמעט צום שלוס, אז אפשר איז מער אמת, מער יושר און מער ערהאבענער אינהאלט פארהאנען אין דעם לעבן פון א מענשן, וועלכער קומט אין א פרעמדן לאנד, לעבט צווישן א פרעמדן פאלק, פרעמד אין זיין גלויבן, מידות, שפראך און ראַסע, און באזעצט זיך דארטן, געווינט דורך די ערהאבנקייט פון זיין כאראקטער, דורך די לויטערקייט פון זיין לעבן די אלגעמיינע אנערקענונג און סימפאטיע פון דעם פרעמדן פאלק און, ווען נאך א לאנגן פארנעם אפגעלעבטן לעבן, שטארבט ער, באוויינט מען אים אויפריכטיג, און נאך זיין אָרון גייען די מענשן, וואס זיינען אים תחילת אזוי פרעמד געווען דורך דעם גלויבן, מידות, שפראך און ראַסע...

פריהער, מיט יארהונדערטן צוריק, ווען די מענשן האבן אויפ־געגומען, איבערגעלעבט יעדער זאך אינטענסיווער, אוממיטלבארער, האט יעדע טיפע אנטוישונג אזויווי אויפגעבורעט, ביז די טיפענישן אויפגעטרייסלט די נשמה פונם פאלק און געגעבן דעם שטופ, דעם אימפולס צו רעליגיעזע באוועגונגען. איצט פעלן די אמאליגע טעמפעראמענטן, עס פעלט יענע ברענענדיגע פאנטאזיע, עס איז אבער פון דער אנדערער זייט געוויס קיין ספק ניט, אז ניט ווייניג איז די צאל פון די, וואס וואלטן וועלן אפווישן דעם אייראפעאישן

שטויב פון זייערע פיס און גיין אין פריווילעגן גלות אין יענע ווייטע, פארצויבערטע לענדער, וועלכע זיינען לויט דער מיינונג פון דער טומלדיגער און אומאנגענעם באשעפטיגטער אייראפע, אפגע־שטאנען, אפגעשטארבן, אבער וואו, פונדעסטוועגן, פאר די, וואס קענען זיך גוט איינהערן, שלאָגט דער קוואַל פון אמתן לעבן, און דערווייל ווי אנגענעם, ווי זיס איז עס כאטש צו לייענען ביכער, וואס מאכן אונז באקאנט מיט די דאזיגע לענדער, לייענען כאטש אין איבערזעצונגען די חכמים, פילאסאפן און פאעטן פון מזרח.

ראבינדראַנאַט טאַגאָרעָ, דער באדייטנדסטער דיכטער פון אינדיע, האט נאך פאר דער מלחמה געוואונען די אלגעמיינע אויפמערקזאמ־קייט און איז אנערקענט געווארן פאר דער גרעסטער פאעטישער ערשיינונג פון דער איצטיגער צייט. זיין ערהאבענער נאמען האט אבער א גאנץ באזונדערן קלאנג איצט, אין צוזאמענהאנג מיט דער גרעסטער אנטוישונג, וועלכע דער בעסערער אייראפעאישער מענש האט דורכגעלעבט.

II

«ווען איך בין יונג געווען, איז מיין לעבן געווען געגליכן דער בלום, וואס ווערט אן פון די סך בלעטלעך אירע איינעם, צוויי און פילט קיינמאל ניט דעם היזק, ווען פרילינגדיגער ווינט קומט בעטן א נדבה ביי איר טיר.

אצונד ביי דעם סוף פון מיין יוגנט, איז מיין לעבן א פרוכט, וואס האט שוין ניט מער וואס צו שפארן אוןווארט, ביז זי וועט זיך אינגאנצן קענען אפגעבן מיט איר גאנצער זאפטיגער שווערקייט.»

עס פאלט אונז ארויף אויפן זכרון אטדער פארגלייך, ווען פון טאַגאָרעס ליבעסלידיק גייען מיר איבער צו די אנדערע זיינע ביכער, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט שיינער, הויכער קלוגקייט.

אבער לאמיר בלייבן א ווײלע אין דעם גארטן, וואו די בלום פאַרלירט אהן זארגן אירע בלעטלעך. לאמיר באטראכטן דעם פעריאד פון טאַגאָרעָס שאפן, ווען ער ערשײנט פאר אונז אלס דער זינגער פון ליבע.

גן־עדן־בלומען, גן־עדן־ריח. מיר, אײנוואוינער פון דער ארימער, פארבלאָזער אײראפע קענען ניט אטדי געשטאלטן, אטדי פארבן, אטדי אראָמאטישע, שמעקנדיגע ווערטער. די טראפישע פלאנצונגען ווײסן ניט פון דעם געמאטערטן, לאנגזאמען וואקסן. אײן נאכט איז גענוג, אז דאס, וואס איז נעכטן קוים קענטיג געווען אויף דער ערד, זאל פארוואונדערן אונזער בליק מיט דער שײנקײט, רײכקײט און פולקײט פון פארמען. און דעם מענשנס שפראך אין יענע זוניגע לענדער איז אויך זאַפטיג, רײך מיט פארבן. א פשוטער ישובניק דארטן זעהט שוועבנדיגע געשטאלטן אין בילדער, וואס ווערן אין צפון געבארן נאר אין דער פאנטאזיע פון א פאָעט. אונזער שפראך אין פארגלײך מיט דער שפראך פון דעם מזרח־מענש גיט דעמזעלבן קאנטראסט, ווי ווען מיר וואלטן פון א קלײנעם גערטעלע, וואו עס דארבן־שמאכטן עטליכע פארשטויבטע בײמלעך, מיטאמאל זיך אריבערגעטראגן אין א מערכענהאפטן, פארצויבערטן טראפישן גארטן, וועלכער פארבלענדט אונז מיט דער פראכט און וואונדערבארקײט פון זײנע בוימער, בלומען און פלאנצונגען. ווי רײך, פארביג מוז אבער די שפראך נאך ווערן, ווען זי דארף איבערגעבן די אומרוהיגקײט פון א פארליבטער נשמה און די בענקעניש פון א הארץ, וואס ציטערט. דער אײנוואוינער פון א נאָווגאָראָדער גובערניע, פון א ליטווישער שטעטל אדער פון דעם צפונדיגן טײל אין נארוועגן, וואוהין עס דרינגן זעלטן ארײן שטראלן פון דער זון און וואו עס איז אזוי ווײניג ליכט פארהאַנען, דוכטן זיך אויס, ווי הילפלאָזע שטאמלער, ווענדן אן די גרעסטע כוחות, זוכנדיג א בילד, ווען עס דארף איבערגעגבן ווערן די טיפע פרײד אדער דער טיפער שמאַרץ. אבער דער אײנוואוינער פון דעם אינזל צײלאָן האט

גאנצע אוצרות פון שמעקעדיגע ווערטער, פון פארביגע, פיגורליכע אויסדרוקן, און די דאזיגע רייכקייט באקומט ער אלס א מתנה פון דער מערכענהאפטער נאטור, וואס רינגלט אים ארום. זיין אויג האט שטענדיג די מעגליכקייט צו זעטיגן זיך מיט פראכטיגע פארבן, און זיין אויער הערט די שענסטע קלאנגען פון דעם גן־עדן־פויגל. עס פארשטייט זיך, אז די ליבעסלידיק פון א פאעט פון מזרח, און נאך פון אזא ווי ראבינדראַנאַט טאַגאָרע, מוז בלענדן און פארפלעפן דורך דער אומגעוואוינליכער רייכקייט פון בילדער און געשטאלטן, אויף אזוי פיל, אז מען פילט זיך ווירקליך ווי פארכישופט. ניט דאס אליין אבער, ניט נאר דער בליהענדער טראפישער גארטן, ניט נאר די פארבן און ריחות ציהען צו אונזערע נשמות און געווינען אונזערע הערצער. ניט דאס אליין איז עס. די יוגנט פון שפאניע אדער איטאליע, ווען עס פליהט דורך דורך זייערע הערצער דער פייל פון ליבע, קענען אויך פארביג שיין ריידן. ווערטער פעלן זיי אויך ניט. די קופלעטן צו א שפאנישן פאלקסטאַנץ, צו דעם פאַנ־דאַנגאָ, זאגן עדות, אז די איינוואוינער געפינען זיך אונטער א בלויען הימל, אז די שטערן אויף אטדעם הימל זיינען גרויס, און אז די לופט איז אָנגעזעטיגט מיט וואונדערבארע ריחות און מיט טענער פון גיטאַרע.

«נעם, קינד, אטדעם אפעלסין, וואס איך האב אפגעריסן אין מיין גארטן; שנייד עס ניט מיט דעם מעסער, ווייל אין אים איז מיין הארץ», אדער:

«ווען איך וואלט געהאט טויזנט נשמות, וואלט איך דיר זיי אלע אוועקגעגעבן. איך האב זיי ניט; נעם בעסער טויזנט מאל איינע» אדער:

«זיי ניט אזוי גרויס ביי זיך, סעניארא, וואס דו שטאמסט פון א הויכן יחוס: עס זיינען פארהאנען לייטערס אויך צו הויכע טורעמס».

זעהר שיין, זעהר רייך מיט בילדער, אבער אין דערזעלבער צייט ווי אפט אין די טונקעלע געסלעך פון סעוויליא אדער וועגעציע בלינקט דער שווערד, מיט וועלכן דער אייפערזיכטיגער שטעכט זיין

קעגנער. די אומגליקליכע ליבע ענדיגט זיך מיט א קאטאסטראפע. גיפט און מעסערס ווערן גענומען צו הילף. אויף נקמה, דערפאר, וואס אימעצנס הארץ איז געבליבן טויב און האט ניט געענטפערט אויף די טענות פון דעם פארליבטן. דער עלעמענט פון קאמף ווערט דורך דעם אייראפעאישן מענשן ארייגעטראגן אויך אהין, וואו עס פאסט מער אדער די גליקליכע פרייד אדער דער טיפער שמאַרץ. די גרויסע ליידן, וועלכע מען דארף העלדיש אריבער־טראגן — אריבערטראגן, ליידנדיג אליין, אבער אהן קללות אויף די ליפן, אהן שרייענדיגע, ווילדע זשעסטן.

ווי אנדערש באווייזן זיך פאר אונז די מענשן פון דער ווייטער אינדיע אין די לידער פון ראבינדראַנאַט טאַגאָרע. דארטן איז דער הימל פון ליבע טיף און ריין, ער איז אפט באצויגן מיט וואלקנס פון שטילן שמאַרץ, אבער קיינמאל ניט מיט די שווערע, געדיכטע כמארעס פון האַס און גערודער. קיינמאל זיינען זיי ניט אזוי גע־דיכט, אז די שטראלן פון האפענונג זאלן ניט קענען דורכדרינגען. ניין, די שטראלן פון האפענונג זיינען שטענדיג דא, און געבן צו די געשטאלטן פון די פארליבטע א באזונדערן חן, בפרט נאך א באזונדערן, ווייל די האפענונג ווערט געשעפט פון דעם קוואל פון ערהאבענעם גייסט און טיפער רעליגיאזיטעט.

לויט די עדות פון אלע די, וואס האבן זיך באשעפטיגט מיט פארשונגען פון דעם מזרח ניט דערצו, אז זיי זאלן אים בעסער קענען עקספלאָאטירן אדער מכניע זיין, נאר פארקערט, כדי זיך עטוואס צו לערנען ביי אטדי כלומרשט אפגעשטאנענע פעלקער, לויט די עדות פון אטדי געוויסנהאפטע און אידעלע באַאבאכטער, איז די רעליגיע ביי די מענשן פון מזרח ניט בלויז הענגען געבליבן אויף די ליפן, נאר זי איז טיף ארייינגעדרונגען אין הארצן. די סימוואלן און טראדיציעס פון גלויבן עקסיסטירן ניט נאר דערצו, כדי מען זאל זיך אן זיי דערמאנען אין אפיציעלע יום־טובדיגע טעג, נאר זיי זיינען אין אמתן א רעגולאטאר פון דעם וואכעדיגן לעבן.

«אלע אַרטן פון קונסט — זאגט לעווקאדיא הירן — און דאס רוב אינדוסטריעס דערציילן דעם אויג, וואס איז מסוגל געוואר צו ווערן סימוואלן, בודיסטישע לעגענדעס; און אין האנטווארג און אין דער שטוביגער אינדוסטריע איז ניטא קיין איין ארטיקל, אנהייבנדיג מיט שפילווארג פאר קינדער ביז צו די מעבל פון א מאגנאט, וואס זאל ניט אויף וועלכן עס איז אופן אנטהאלטן דעם חוב פון דאנק צום בודיזם. בודיסטישע געדאנקען קען מען אויסלייענען הן פון די וואלוועלע וואָלענע סחורות פון אָסאַקאַ והן פון די זיידענע, מיט פיגורן אויסגעמאלטע, געוועבדער פון קיָאָטאָ. רמזים אויף דער בודיסטישער שיטה געפינט מען אין די אלייען פון די גערטענער, אויף די לאנגע שילדן, אין די אומגעוואוינליך אויסדרוקספולע נעמען פון געוויסע בלומען און פירות, אין די נעמען, וועלכע מען גיט די בערג, בערגלעך, קאסקאדן, דערפער, אפילו די סטאציעס פון מאדערנע באנען».

אזא ארומרינגלען זיך מיט סימוואלן פון אמונה איז פאר דעם בודיסט ניט נאר א פארגניגן פאר די אויגן, ניין, מיט די דאזיגע סימוואלן זעטיגט ער זיין הארץ און נשמה. די ערהאבענע שטימונג לייגט דעם שטעמפל אויך אויף דעם כאראקטער פון דעם טעגליכן לעבן. קייזערלינג, ריידנדיג וועגן דער גייסטיגער הויכקייט פון דעם בודיסטישן גייסטליכן און וועגן דער באזונדערער ווייכקייט, וואס ווייהט פון זיין פיגור, זיין אלץ פארשטיין, זיין גוטסקייט און זיין קענען שטיין העכער פון די זאכן, קייזערלינג רעדט אויך וועגן דעם, אז «ביז א געוויסן באוואונדערנד גרויסן גראַד זיינען די בודיסטישע גוטע מידות, די מידות פון דעם גרעסטן טייל בודיסטן».

אטדי מידות טובות, וואס פארבן אפ דעם מענשנס נשמה אין דעם טאן פון צארטקייט און פון ווייכן, לירישן פעסימיזם (אלץ איז אזוי פארבייגייענדיג און נישטיג, דער מענשליכער «איך», וועגן וועלכן מיר מאכן אזוי פיל ליארם, איז נאר א אילוזיע), אבער וויגן פאראיינס איין מיט א זיסער האפענונג (דער מענש האט שוין גע־

לעבט אין אומצייליגע וועלטן פריהער, און ער וועט נאך א אומ־ענדליכע צאל לעבנס לעבן, אויך נאך דעם ערשטן טויט), אטדי מידות טובות האבן ניט געקענט ניט האבן א ווירקונג אויף אויף דעם כא־ראקטער און אויף דער פארם, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דאס געפיל פון ליבע. דא זינגט די נשמה, וואס איז באנומען מיט ליבע, אנדערש ווי די נשמה פון דעם אייראפעאישן מענשן. מען דארף ניט מיינען, אז זי פילאסאפירט בודיסטיש, ניין, זי זינגט, פרייט זיך און וויינט פארבארגן. די ברייטע ארבל פון דעם קלייד פון א יאפאנערין זיינען זעהר באקוועם אויף צוצודעקן דעם פנים, ווען ער איז פארפינסטערט דורך צער... זיין זיינען אומגעוואוינ־ליך רירנד, אטדי קליינע, ציטערדיגע מימאזישע פרויען, ווען זיי שטייען אזוי איינגעבויגן מיט דעם צוגעדעקטן פנים און וויינען אויס זייערע טרערן... אבער אנדערש וויינען זיי און אנדערש זינגען זיי.

ווי ניט געוואוינט קלינגט פאר דעם אויער פון דעם איירא־פעאישן מענש די ליבעס־טענה פון די ווייטע, רמזדיגע און שיינע נשמות אין די שירים פון ראבינדראַנאַט טאַגאָרע.

איך ליב דיך, מיין געליבטער
זיי מיר מוחל מיין ליבע
גלייך ווי פויגל, וואס האט פארלארן דעם וועג,
בין איך געפאנגען.
מיין הארץ, וואס איז פארטרייסלט, האט פארלארן
זיין שלייער און איז געבליבן נאקעט.
דעק עס צו מיט רחמנות, ליבער
און זיי מיר מוחל מיין ליבע.

ווען דו קענסט מיך ניט ליבן, מיין געליבטער,
זיי מיר מוחל מיינע ליידן.
קוק ניט אויף מיר אזוי מיט אומחן פונדערווייטן.

איך וויל זיך בגניבה פארקלייבן אין מיין ווינקל
און זיצן ביים פענסטער,
מיטביידע הענט וויל איך מיין נאקעטע חרפה צודעקן
קער אפ דיין פנים פון מיר, מיין געליבטער,
און זיי מיר מוחל מיינע ליידן.

ווען דו האסט מיך ליב, מיין געליבטער,
זיין מיר מוחל מיין פרייד
ווען מיין הארץ טראגט זיך אוועק אויף שטראָמען פון גליק,
לאך ניט, וואס איך פארגעס זיך,
ווען איך זיץ אויף מיין טראן און הערש
איבער דיר מיט דער אכזריות פון מיין ליבע, ווען
איך שענק דיר מיין לייטזעליגקייט ווי א געטין.
פארטראג מיין שטאָלץ, געליבטער
און זיי מיר מוחל מיין פרייד.

אטדי דאזיגע ליבעסלידער אין דעם בוך «דער גערטנער» גיבן איבער מיט א זעלטענער טיפקייט און שיינקייט אלע גאַמעס פון א באַ־אומרוהיגטן און ציטערדיגן הארצן, אבער אין דערזעלבער צייט קלינגען זיי אויך ווי א תפילה, עפעס א העכערע, באצויבערנדיגע וועלט ווארפט אפ א ווּאונדערבארן שיין, און פונדאנען נעמט זיך אטדאס הויכע און ערהאבענע, וואס עס גיט זיך אונז איבער אין די לידער פון ראבינדראַנאַט טאַגאָרע. אומזיסט וועלן מיר אין זיי זוכן דער פארניכטנדן שטורם פון אייפערזוכט, דעם געשריי פון יאוש און די שבועה אויף נקמה.

די רעליגיע אין דעם מזרח מיט איר טיפער ווירקונג אויף דעם פראקטישן לעבן האט ווייכער, פארנעמער געמאכט די מידות, האט געמאכט די מענשן פאסיווער (פאר דעם אייראפעאישן אויער, וואס איז געוואוינט נאר הערן געשרייען פון גערואנגל, נצחון און מפלה, קלינגט דאסווארט «פאסיווקייט», ווי א צייכן פון דעגענעראציע).

די רעליגיע׳ וועלכע איז ניט נאר געבליבן הענגען אויף די ליפן (און דערפאר טאקעווירקט זי אזוי) האט גורם געוועזן׳ אז דאס געפיל פון ליבע זאל געפינען זיין אויסדרוק אין דער זוניגער פרייד׳ אז קיין זאך שטערט ניט די נשמות זיך אויסקלינגען און אויסזינגען אין דער זיסטער הארמאניע׳ אדער · · · אומגליקליכע׳ וואס די תפילות פון זייער הארץ זיינען ניט דערהערט געווארן! פארגעסענע׳ אפגענארטע׳ אומזיסטווארטנדיגע איז דאך אזוי פיל פארהאן! · · · אדער אין טיפן אומעט׳ אהן יאוש׳ אהן די גוואלדיגע געשרייען׳ אין אומעט׳ וועלכע גיסט זיך אויס אין א שיינער הכנעה·

ווארום די דאזיגע וועלט׳ אין וועלכער מיר לעבן׳ איז נאך ניט די הויפטוועלט· און ניט די איינציגע׳ ניט די לעצטע· אזוי גלויבט מען אין מזרח· די העלדין וואַשיטי פון דעם בודיסטישן ראמאן «עולה־רגל קאַמאַניטא» פון דענישן שריפטשטעלער העליערופ׳ ליידט געוויס זעהר שטארק׳ וואס זי לעבט געשיידט פון איר געליבטן׳ אבער צי שווערן זיך ניט די פארליבטע אין יאפאניע׳ אין אינדיע׳ אז זיי וועלן געהערן איינער דעם אנדערן ניט נאר אין דעם משך פון אטדעם איין קליינעם צופעליגן לעבן׳ נאר אויך אין דעם משך פון נאך א סך אנדערע פאלגנדע לעבנס? אוןווירקליך׳ דער צווייטער טייל פון העליערופס ראמאן׳ וואו ער שילדערט זיינע העלדן שוין אין דעם צווייטן לעבן׳ מאכט א גרעסערן רושם· אטדער צווייטער טייל׳ אין וועלכן וואַשיטי באגעגנט זיך מיט איר געליבטן קאַמאַניטא אויף דעם טייך פון גן־עדן· זיי זיצן אויף די בלעטער פון דעם געטליכן לאָטאָס און דערציילן איינער דעם אנדערן דאס אריבער־געלעבטע אין דער צייט פון זייער טרענונג· דורכגערעדט זיך׳ פליהען דאן זייערע נשמות אויף עקסקורסיעס אין אלץ נייע און נייע וועלטן · · ·

ווען מען ווערט נעהנטער באקאנט מיט דעם מזרח׳ מיט דעם׳ ווי מען לעבט דארטן׳ ליבט׳ גלויבט׳ און ווי אטדער גלויבן פארבט אפ אין פארקלערטע ערהאבענע פארבן דאס לעבן׳ פארשטייט מען׳

ווי ריכטיג דער פאַרנעמער דענער העליערופֿ האט אין זיין ראמאן איבערגעגעבן דעם גייסט און די שטימונג פון דעם מזרח. דאס, וואס האט זיך אונז איינאנהייב, מחמת אונזער ניט וויסן, אויסגעדאכט אויסגעטראכט, איז, ווען מיר באקומען די מיגליכקייט טיפער אריינ־צובליקן אין דער פרעמדער שיינער וועלט, די ווירקליכקייט. און פאר אטדער ווירקליכקייט, וואס איז אזוי ניט ענליך צו אונזערער, מוזן מיר שטיין פארוואונדערט און אזוי ווי פארצויבערט.

אנדערש, בעסער ווייזן אויס די מענשן דארטן און אנדערש, בעסער זייערע פאעטן. אפילו אין דעם טייל פון זיין שאפן, וואו טאַגאָרע באזינגט דאס אלגעמיינע, אייביגע געפיל פון ליבע, קלינגען זיינע לידער אנדערש, זיי קלינגען ווי א תפילה. א מין געטליכע פארקלערטקייט, עפעס אזוינס גאנץ וואונדערבארעס, פאר וואס מיר האבן גאר קיין נאמען ניט, ציהט אונז צו זיינע לידער און מאכט זיי אונז באזונדערס טייער.

ווי שיין זיינען זיינע פאַרלאָזענע פרויען! ווי שיין, מיט וועלכער פארנעמקייט פון הארצן טראגן זיי אריבער זייער אומגליק, זייער צער און פיין!

אָ מוטער, דער יונגער פרינץ איז געגאנגען פארביי אונזערע טירן,
און די פריהמארגיגע זון האט געגלאנצט אויף זיין וואגן.
איך האב אראפגענומען דעם שלייער פון מיין פנים, אראפגעריסן
די רובינענע קייטל פון מיין האלז און אווארף געטאן אים אויף
דעם וועג.
וואס קוקסט דו אויף מיר אזוי פארוואונדערט, מוטער?

איך ווייס, אז ער האט מיין קייטל ניט אויפגעהויבן:
איך ווייס, די רעדער האבן זי צעריבן,
און זי האט א רייטן סליאד געלאזן אין דעם שטויב,
און קיינער ווייס ניט, וואס דאס איז געווען פאר א מתנה,
און פאר וועמען צוגעגרייט.

אבער דער פרינץ איז פארבייגעגאנגען פארביי אונזערע טירן,
און די צירונג אויף מיין ברוסט האב איך אים
אויף דעם וועג א ווארף געטאן.

און דאס, וואס פאר דעם אייראפעאישן מענשן, ווען עס האנדלט זיך ביי פסיכאלאגיש קאמפליצירטע און פארוויקלטע זאכן, איז אומ־מיגליך אהן א טראגישן, דאס רוב בלוטיגן סוף, ענדיגט זיך ביי די העלדן פון ראבינדראַנאַט טאַגאָרע מיט א באצויבערנדער הארמאניע. מיט א הארמאניע, וואס האט איר גרונט אין א העכערן געזעץ, וועלכער געוועלטיגט איבער די מענשן, אבער ניט יענע טענדעציעזע הארמאניע, ניט יענער «צער אהן היזק», מיט וועלכן עס ענדיגן זיך די פיעסן אדער דערציילונגען פון מאראליזירענדן און מעלאדראמא־טישן מין, וואס ווערן געשריבן פאר דער בעסערער געזעלשאפט. מען פארשטייט זעהר גוט, פארוואס אין טאַגאָרעס דערציילונג «דאס געזיכט» ווערט דאס קאמפליצירטע, פארוויקלטע פארענטפערט אייג־פאך, הארמאניש, ווייל די נשמות פון זיינע מענשן זיינען אנדערש געשאפן, קלוגע נשמות.

וואס פאר א מייסטערשטיק איז אט די דערציילונג!

דער דאקטער אבינאַסי מיינט, אז זיינע מעדיצינישע ידיעות און די גרויסע ליבע זיינע צו זיין ווייב קומאָ איז פולשטענדיג גענוג, כדי מיט א זיכערער פעולה צו היילן אירע קראנקע אויגן. דאַדאַ, דער ברודער קומאָס, מיינט אנדערש. ער פאָדערט ענערגיש, מען זאל רופן א גוטן ספעציאליסט. ווען ער ברענגט אמאל – אז אבינאַסי איז ניטא אינדערהיים – א דאקטער, הערט זי אויס אויפ־מערקזאם די עצות, אבער די פארשריבענע רפואות גיסט זי אויס. זי גלויבט נאך אלץ, אז פאר אירע אויגן קען ניט זיין וועלכע עס איז סכנה, וויבאלד א ליבנדער מאן היילט זיי. זי ווערט בלינד. און זי טרייסט איר מאן, ווען ער טענהט אין יאוש: «קומאָ, איך בין דאס דער, וואס האט דיך בלינד געמאכט». זי נעמט זיין האנט אין איר

האנט און זאגט: «דו האסט געטאן דאס, וואס איז געווען נויטיג. דו ביסט זיך באגאנגען מיט דעם, וואס האט געהערט פאלקאם דיר. שטעל זיך נאר פאר, אז עס וואלט געקומען א פרעמדער דאקטער און וואלט צוגענומען ביי מיר דעם ליכט פון מיינע אויגן, וואס פאר א טרייסט וואלט איך דעמאלט געהאט? און איצט קען איך פילן, אז אלץ האט פאסירט צום בעסטן און א טרייסט איז פאר מיר צו וויסן, אז אונטער דיינע הענט האב איך פארלארן דאס ליכט פון מיינע אויגן. ווען ראנכאנדרא האט דערזעהען, דער לאטאס אליין קלעקט נאך ניט אום גאט צו דינען, האט ער געבעטן צונעמען ביי איםביידע אויגן אנשטאט דעם לאטאס, און אויך איך האב מיינע אויגן אפגעגעבן פאר מיין גאט.»

עס געשעהט אין ריידן דאס, וואס קען געשעהען צווישן מענשן אויך אין אייראפע, דאס הייסט מען שווערט זיך אייביגע ליבע, און עס פארשטייט זיך, אז די הויפטזאך שווערט דער, וועלכער וועט וויניגער פון אלץ זיין ביכולת די שבועה צו האלטן. אבינאַסי וויל אויף קיין פאל ניט מסכים צו דער עצה, נעמען אין הויז אריין א אנדער ווייב, וועלכע זאל קענען טאן אלע ארבעט. ער וויל אלץ אליין טאן. ער וועט זי קיינמאל, קיינמאל ניט פארלאזן. ער, וואס איז שולדיג אין איר אומגליק, מוז דאך לכל הפחות מיט דער אומ־באגרעניצטער ליבע, מיט דער טריישאפט און איבערגעגעבנקייט אויסקויפן זיין שולד. אבער קומאָ רעדט אים אפ צו נעמען אויף זיך אזא קרבן, זי איז אין איין שרעק, וואס ער האט געגעבן אזא שבועה, און פונדעסטוועגן פרייט זי זיך אין פארבארגענעם ווינקל פון דער ווייבערשער נשמה, זי פרייט זיך פאָרט, וואס ער האט די שבועה דאך געגעבן, ווי אין אייראפע. אבער דאס, וואס געשעהט דערנאך, ווען אויף דעם האריזאנט באווייזט זיך אן אלטע קרובה, וועלכע ברענגט אין הויז פונם דאקטער די יונגע שיינע מיידל כעמאַנגיני (אבינאַסי האט שוין לאנג געהאלטן דעם טאג, אין וועלכן ער האט געגעבן די שבועה, פאר זעהר א אומגליקליכן, פאר א טאג,

אין וועלכן ער האט באַגאַנגען די גרעסטע נאַרישקייט און ער האָט אַלץ געטראַכט, וויאַזוי מאַכט מען עפּעס, אַז מען זאָל די שבועה ניט דאַרפֿן האַלטן) מיט דעם געדאַנק זי חתונה צו מאַכן, פֿון דעם מאָמענט אָן הייבן מיר זיך אָן צו פֿילן אין אַ אַנדער וועלט, צווישן אַנדערע מענטשן, מיט אַן אַנדער ניגון אין דער נשמה. מען דאַרף זיך פֿאַר־שטעלן אַזאַ לאַגע אין דער פֿאַמיליע (אַ יונגע ווייב, וואָס ווערט בלינד צוליב דער אומפּאַרזיכטיגקייט פֿון מאַן, דער מאַן, וועלכער גיט אַ שבועה און האַט זעהר גיך דערנאָך חרטה, אַ קרובה, דער טיף פֿון די ניט געבעטענע מומעס וואָס קומען אַליין און ניט אַלעמאָל מיט לויטערע פּלענער און די יונגע, שיינע כעמאַנגיני, וואָס שפּילט די ראָלע פֿון אַ קאָנקורענטין) ערגעץ אין אַ פּאַריז, אין אַ מאַדריד אָדער אין אַ ווענעציע. וואָס פֿאַר אַ קוויטן וואָלטן דאָס אויסגענייט אויף אַזאַ קאַנווע אַזוינע אייראָפּעאישע שריפֿטשטעלער, ווי אַ גאַבריאַל ד׳אַנונציאָ, בלאַסקאָ איבאַניעס, אָדער אַפֿילו אַרטור שניטצלער (מען דערמאָנט זיך זיין דערציילונג «דער טויט»), וואָס פֿאַר אַ מעגליכ־קייט צו שאַפֿן די אַטמאָספֿערע פֿון האַס, פֿון אינטריגעס! אָבער אין דעם הויז פֿון דעם דאָקטער אַבינאַשי הערט מען ניט קיין קללות, קיין געשרייען, און עס קומען ניט פֿאַר קיין סצענעס פֿון אייפֿערזוכט. כעמאַנגיני, וואָס אויף איר האָט באַדאַרפֿט אויספֿאַלן די ראָלע צונעמען דעם מאַן ביי דער בלינדער קומאָ, בינדט זיך צו צו איר מיט אַ זעלטענער צערטליכקייט. זי ווייס גאָר ניט, וואָס פֿאַר פּלענער די מומע האָט דאָ צונויפֿגעשפּינט, און ווען זי דערוויסט זיך וועגן דעם, וויל זי צוריקפֿאָרן אַהיים. דעם רינג, וואָס אַבינאַשי האָט איר געשענקט, וואַרפֿט זי אַרויס דורכן פֿענסטער. און ווי ענדיגט זיך די דערציילונג טאַגאָרעס? דווקא דאַן, ווען די וואָלקנס איבער דער אומגליקליכער קומאָ זיינען באַזונדערס געדיכט געוואָרן, צוליב אַבינאַשיס פּלוצליכן אָפּפֿאָר, כלומרשט צו אַ ווייטן פּאַציענט, אין אמתן אָבער, ווי דער ריכטיגער אינסטינקט פֿון אַ באַליידיגטער האַרץ פֿון אַ ווייב טרעפֿט, צו כעמאַנגיניס עלטערן, דווקאַ דעמאָלט,

ווען דער לעזער פון זיין זייט גרייט זיך צו באדויערן דעם גורל פון קומאָ און אומעטיג שאקלען מיט דעם קאפ וועגן דער נישטיגקייט פון דעם מענשנס שבועה, דווקא דעמאלט, ווען די פרוי, וועלכע פילט זיך אפגענארט, זוכט טרייסט אין טרערן און תפילות, דער לעצטער עיר־המקלט פון אלע פארלאזענע, דווקא דעמאלט גייט אימעצער שטיל אריין אין צימער און קומאָ הערט א שטילן, צארטן פליספערן «שוועסטערל». כעמאַנגיני! זי איז געקומען מען זאל זי בענטשן. קומאָ בענטשט. «דו זאלסט גליקליך זיין». גאט האט איר תפילה ניט דערהערט. נאר כעמאַנגיני איז נאך אלץ ניט צו־פרידן.

«ליבע שוועסטער! — זאגט זי — דיין בענטשן אליין איז נאך פאר מיר ווייניג. דו דארפסט אונזער גליק פולקום מאכן, דו דארפסט מיט אטדי געהייליגטע הענט אויך מיין מאן אויפנעמען. ערלויב מיר אים אהער צו ברענגען.

איך האב געזאגט: «יא», ברענג מיר אים.

אין עטליכע רגעס שפעטער הער איך באקאנטע טריט און דעם פרעג: «קומאָ, וואס מאכסטו?»

איך האב זיך א ווארף געטאן אויף דער ערד מיט א געשריי «דאַדאַ»!

און כעמאַנגיני לאכט.»

דאַדאַ, קומאָס ברודער, האט גאר ניט געטראכט חתונה צו האבן, אבער די ליידן פון זיין שוועסטער האבן אים געצוואונגען צו אט דעם שריט. איצט ווייגט קומאָ, אבער שוין מיט די טרערן פון פרייד.

דאַדאַ קלייבט איבער אירע האָר און כעמאַנגיני לאכט. די ליבע, ווילדע מיידל!

דאן קומט אויך צוגיין דער פארשעמטער מאן, וואס איז געפארן עובר זיין די שבועה. ער איז גליקליך, וואס דאַדאַ האט דאס ניט צוגעלאזן. פארשעמט, אבער גליקליך. ער ווייס אז קומאָ איז זיין געטין.

קומאָ וויינט, לאכט פאראיינס, און זאגט:

ניין, ניין, ניין! איך וויל ניט מער זיין א געטין... איך בין איינפאך דיין קליינינקע, אייגענע ווייב. איך בין א גאנץ איינפאכע פרוי.

«ליבסטע, ענטפערט ער, איך האב אויך עפעס, וואס איך וויל דיר זאגן. פארשעם מיך ניט דורכדעם, וואס דו רופסט מיך אָן דיין גאט.»

איינפאכע גוטע מענשן, ניט קיין אויסגעטראכטע העלדן, ניט קיין אילוסטראציעס צו מאראלישע דרשות, נאר לעבעדיגע, רעאלע מענשן, אבער זיי לעבן אונטער א אנדערן הימל און מיט א אנדערן ליכט אין דער נשמה. א ריינערן, אטדאס ליכט ווארפט יענעם באזונדערן חן, וועלכן מיר פילן אין אלצדינג, וואס ראבינדראַנאַט טאַגאָרעָ שרייבט, אפילו דאַן ווען ער טרעט ארויס פאר אונז ניט אין דער ראלע פון א חכם, פון א לערער, נאר ער רעדט צו אונז מיט דער שפראך, וועלכע מיר קענען, דאכט זיך, גאנץ גוט, ווען ער זינגט אונז זיינע לידער פון ליבע.

III

אבער דער פאעט, וועלכער פארזיכערט פאַטעטיש זיינע פריינד, אז ער וועט קיינמאל ניט זיין קיין נזיר, דער פאעט וואס האט אפילו קיין צייט ניט אפגעבן זיך מיט דעם טרויער וועגן דער געליבטער, וואס האט אים פארלאזן, ווייל: «די יוגנט אנטלויפט מיט יעדן יאר אוועק; די פרילינגסטעג זיינען קורץ; פון גאר א קלייניגקייט וועלכן די צארטע בלומען און דער ווייזער פון דעם זייגער דערמאנט מיך, אז דאס לעבן איז נאר א טראפן טוי אויף איין לאָטאָסבלאַט» — יא, דער פאעט, וואס ליבט דאס לעבן און דארשט נאך אים, פילט פאראיינס א טיפע בענקשאפט צו ווייטע מיט סודות פולע וועלטן, צו יענער וועלט.

«איך בין אומרוהיג, איך פיל א דארשט נאך ווייטע זאכן.»

דאס וויטע, דאס וואס איז פול מיט רזים, רופט אים, ציט אים צו זיך מיט א אומגעוואוינליכן כוח, אבער:

«איך פארגעס, איך פארגעס שטענדיג, אז איך האב
ניט קיין פליגלען צו פליהען, אז איך בין צו דעם
שטיקל ערד צוגעבונדן אויף אלע צייטן».

ער איז אומרוהיג, ער איז א «נע־ונד־ניק אין זיין אייגענעם הארצן», און די פלייטע רופט אים אלץ צו יענע וויטעניש, וואס זיינען פול מיט רזים, צו וועלכע עס בענקט זיין נשמה. אבער

איך פארגעס, איך פארגעס שטענדיג, אז
די טירן זיינען אומעטום פארמאכט,
וואו איך טו איינזאם וואוינען.

דער באקאנטער יאוש פון אלע זוכענדע נשמות. דער שריי פון דעם געני אין דער צייט פון גייסטיגן קריזיס. פון אטדעם קריזיס גייט טאַגאָרע ארויס א מנצח. די מורא פאר די כלומרשט צוגעמאכטע טירן איז געוועזן אביסל צו גרויס. און אויך פליגלען זיינען פאר־האנען אפילו צו פליהען גאר הויך. איצט גיט ער צו מוט זיין הארץ און הייסט עס זיך עפענען, אראפרייסן פון זיך דעם שלייער. די קנאספן דארפן האבן די נאכט און דעם טוי, אבער די אויפגעבליהטע בלום דארף האבן פרייהייט און ליכט. זאלן פארשפעטיגן די, וואס דארפן פארשפעטיגן, אבער זיין הארץ דארף אויף קיינעם ניטווארטן.

און יענע סודות און רמזים פון דעם הימל, וואס זיינען פריהער געוועזן פארבארגן פון אים, ווייל ער האט זיי ניט געקענט לייענען, אדער ווייל ער האט זיי פאלש געלייענט, האבן זיך אים איצט גע־עפנט. און ער באזינגט דעם גרויסן מייסטער וועמענס רייד זיינען אזוי איינפאך:

איך פארשטיי דעם קול פון דיינע שטערנס
און דאס שווייגן פון דיינע בוימער.

מיט א שיינעם פאַנטעאיזם זיינען דורכגעדרונגען זיינע לידער און טיפע חכמה ווייהט פון זיינע שורות. טאַגאָרעס ביכער: «אפגע־קליבענע פירות», «גיטאנדזשאלי» דערווייטערן פון אונז יענע צייט, ווען ער איז געוועזן דער אדוואקאט און דאלמעטש פון נשמות, פארצויבערטע דורך ליבע. א חכם שטייט איצט פאר אונז. צו אטדער הויכער מדרגה מוז קומען יעדער מענש, וואס זוכט. אזוי אדער אזוי, די אויפוואכונג מוז קומען. דער קיניג סודאָדאַמאָ ווערט געווארנט פון די בראמאנען, אז זיין זון, פרינץ סידדאטא, וועט ווערן א פולקומער בודאַ. דער מלך וויל שטעלן דאס לעבן פון דעם פרינצן אין אזעלכע תנאים, אז קיינע ביטערע מחשבות זאלן ניט קענען אריין אין זיין קאפ. ער לאזט פאר אים בויען דריי פאלאצן, נאך די דריי אינדישע יאָר־סעזאָנען. פרעכטיגע, מערכענהאפטע גערטענער. א האַרעם מיט די שענסטע ווייבער. און קיין זאך, וואס קען, חלילה, דערמאנען וועגן די שמערצן און ליידן פון דער וועלט, דארף ניט דערגיין צו אים. האט עס געהאלפן? ניין, דאס האט ניט געהאלפן. סוף כל סוף באגעגנט ער פארט, גייענדיג שפאצירן, א איינגעהויקערטן זקן און אט דאס באגעגעניש וועקט אויף אין אים מחשבות וועגן די יסורים און די נשמה, וואס האט ביז איצט קיין זאך ניט געוואוסט, ווערט דורכגעדרונגען מיט א טיפן מיטלייד צו די מענשן. און ער פארלאזט די פאלאצן, די פרעכטיגע גארטנס, די שיינע ווייבער און גייט אוועק אין גלות. ער ווערט אויפגעוועקט צו א נייעם, פולקומען לעבן. ער ווערט בודאַ.

אזוי צי אזוי, נאר מען קומט צו דער התעוררות. עס עפענען זיך פלוצלונג די אויגן אדער מען הייבט אן קוקן אויף דער וועלט, אויף די זאכן מיט דעם אמתן, דריטן, אינערליכן אויג, און אלדאס פריהערדיגע זעהט אויס ווי א מיראַזש, ווי דאס ניט אמתע, ווי דאס ניט ווירקליכע. מען ווערט א קלוגער, ניט קיין איינגעשפארטער פארבעסערער פון דער מענשהייט, ניט קיין סעקטאנט, ניט קיין סאַוואַנאַראָלע מיט זיינע שרעקליכע קללות, נאר א חכם, וואס דאס

דארף אומבאדינגט הייסן: א שטילער, באצויבערנדער קול (דער חכם הערט דאך אלע קולות, ער ווייס, אז ניט ער אליין רעדט, ער רעדט און פאראיינס הערט ער און האָרכט זיך איין; פונדאנען די שטילקייט פון זיין ריידן), מילדער אויסדרוק פון דעם געזיכט, א מין העכערע ליבקייט און שטענדיג שטראלנדיגע אויגן, ווייל שטענדיג זעהען זיי דאס ווייטע און שיינע. אזוי דארף פאר אונז אין אונזער פאנטאזיע שוועבן ראבינדראַנאַט טאַגאָרעס געשטאלט (אגב אזא פארשטעלונג איז ניט פאלש: קייזערלינג אין זיין שוין ציטירטן בוך, דערציילט וועגן זיין וויזיט אין טאַגאָרעס הויז אין קאלקוטע און באמערקט: ראבינדראַנאַט, דער פּאָעט, האט אויף מיר געמאכט דעם רושם פון א גאַסט פון א העכערער, מער גייסטיגער וועלט). און עפעס ווי פרעמד ווירקט עס, ווען מען לייענט זיינע געזאנגען, לעגענדעס אין א ענגן צימער און ניט אין דעם גרינעם וואלד, אונטער א געדיכטן בוים, אדער אויף א בערגל אדער אויף א ברעג טייך. אהין ווילט זיך אונז גיין און הערן די לעגענדעס וועגן סודאס דעם גערטנער, וועלכער האט אפגעריסן אויף זיין טייך דעם לעצטן לאָטאָס, וואס דער ווינטער־שטורם האט נאך איבער־געלאזט, כדי צו פארקויפן אים דעם קיניגביים שוועל פון פאלאץ.

«דארט האט אים געטראפן א עולה־רגל, וועלכער האט צו אים געזאגט: «פאדער דיין מקח פאר דעם לעצטן לאָטאָס ־ איך וויל אים ברענגען בודאן»

סודאס זאגט: ווען דו ווערסט מיר באצאלן א גאלדענע מטבע, וועט ער זיין דיינער. דער עולה־רגל צאלט.

אין דער אייגענער רגע באווייזט זיך דער קיניג און וויל קויפן די בלום; ווארום ער קלייבט זיך אויף דעם וועג צו בודאן און טראכט: מען דארף צו זיינע פיס אנידערלייגן דעם לעצטן לאָטאָס, וואס בליהט ווינטער.

ווען דער גערטנער האט ערקלערט, אז מען גיט אים דערפאר א גאלדענע מטבע, האט דער קיניג אנגעבאטן א צעהן מאל

גרעסערן מקח, אבער דער עולה־רגל האט אטדעם פרייז נאך פארטאפלט.

דער גערטנער, וועלכער איז געווען א קארגער, האט געהאפט אויף גרויס געווינס פון דעם, וואס זיי דינגען זיך. ער האט זיך פארנייגט און געזאגט: איך קען ניט פארקויפן אטדעם לאָטאָס.

אין דעם פריהמארגיגן שאטן פון דער לאָנקע אויף יענער זייט שטאטוואנט שטייט סודאס פאר דעם בודא, אויף וועמענס ליפן עס האט גערוהט דאס שווייגן פון ליבע, און וועמענס אויגן האבן געשטראלט מיט פרידן, גלייך דעם מארגנשטערן.

סודאס קוקט אין זיין פנים און לייגט דעם לאָטאָס צו זיינע פיס און בייגט דעם קאפ אין שטויב.

בודא שמייכלט און זאגט: «וואס איז דיין פארלאנג, מיין זון»?

סודאס רופט אויס: «די לעצטע בארירונג פון דיינע פיס».

אדער די מעשהלע פון סאנאטאן:

«סאנאטאן האט געזאגט זיין תפילה אויף דעם ברעג פון גאנג, ווען א בראמין אין צעריסענע, אלטע קליידער איז צוגעקומען צו אים און האט געזאגט: «העלף מיר, איך בין ארים».

«מיין טעלער פאר ארימע איז אלץ, וואס געהערט מיר, זאגט סאנאטאן, איך האב אלץ אפגעגעבן, וואס איך האב געהאט».

«אבער שיוואַ, מיין הער, איז געקומען צו מיר אין חלום, זאגט דער בראמין, און האט מיר א עצה געגעבן, גיין צו דיר».

סאנאטאן האט זיך פלוצלונג דערמאנט, אז צווישן די שטיינדעלעך אויף דעם ברעג טייך האט ער געפונען א ניט אפצושאצנדיגן שטיין, און טראכטנדיג וועגן דעם, אז עס קען זיין, אז אימעצער וועט זיך אין אים נויטיגן, האט ער אים באהאלטן אין זאמד.

ער האט אנגעוויזן דעם אָרט דעם בראמין, און דער בראמין האט, וואנדערנדיג, אויסגעגראבן אטדעם שטיין.

דער בראמין איז געזעסן אויף דער ערד, טראכטנדיג פאר זיך,

ביז די זון האט זיך באהאלטן הינטער די בוימער, און די פאסטוכעס האבן זיך צוריקגעקערט מיט זייערע פיך.

דאן איז ער אויפגעשטאנען, לאנגזאם צוגעגאנגען צו סאנאטאן און האט געזאגט: «מייסטער, גיב מיר דעם קלענסטן חלק פון יענעם רייכטום, וואס פאראכט אלע רייכטימער פון דער וועלט».

און ער האט געווארפן דעם טייערן שטיין אין וואסער.

און וויפיל נאך אזוינע פערלען געפינען מיר אין טאַגאָרעס שאפונג. א געזאנג וועגן דעם הייליגן נאַראָטאַן, וואס האט ניט געוואלט גאט לויבן אין דעם טעמפל מיט דעם גאלדענעם קויל, נאר האט צוזאמענגעקליבן דאס פאלק אונטער דעם בוים, אינמיטן וועג. ווען דער קיניג, וועמען מען האט געמסרט אויף נאַראָטאַנען, פרעגט אים, פארוואס ער האט פארלאזן דעם טעמפל מיט דעם גאלדענעם קויל, און לערנט געטליכע ליבע אינמיטן וועג אין שטויב, און צי ער וויים, אז אויף אויפבויען דעם טעמפל איז אוועקגעגאנגען צוואנציג מיליאנען גאלד, האט נאַראָטאַן געענטפערט:

«יא, איך וויים. דאס איז געוועזן אין דעם יאר, ווען טויזנטער פון דיין פאלק, וואס זייערע הייזער זיינען אפגעברענט, האבן אומזיסט געבעטן הילף, שטייענדיג ביי דיין טיר».

און גאט האט געזאגט: «אטדאס ארימע באשעפעניש, וואס קען ניט געבן א ווינקל פאר זיינע אייגענע ברידער, וויל בויען מיין הויז»?

און ער האט אויסגעקליבן זיין ארט צווישן די, וואס האבן קיין היים ניט, אונטער די בוימער אינמיטן וועג».

«פארלאז מיין לאנד», שרייט אין כעס דער קיניג.

רוהיג ענטפערט דער הייליגער. «יא, פארטרייב מיך, ווי דו האסט דיין גאט פארטריבן».

וועגן הייליגע אסקעטן, וועגן אומשולדיגע, ווי די מלאכים, ריינע, קינדער, וועגן דעם פולקומען בודא מיט זיין אלץ פארשטייענדיגן, אלץ מוחל זייענדיגן שמייכל, און וועגן זיך אליין, ווען עס קומט

שוין ניט אויס צו באקלאגן זיך, אז די וועגען זיינען פארמאכט, די טירן געשלאסן, זינגט ראבינדראַנאַט טאַגאָרע.

און ווען זיינע ליבעסלידער האבן שוין אנדערש געקלונגען, ווייל אין די באקאנטע טענער האט זיך ארייננעגאסן די שטילע מעלאדיע פון א העכערער וועלט, איז אין די אנדערע זיינע ווערק אלץ, וואס איז צייטווייליג, אוועק, און צו אונז דערגרייכט דער קול פון דעם אייביגן, דער קול פון דער גרויסער און אייביגער חכמה.

און ווען אזא מענש, ווי טאַגאָרע, פארלאזט אויף א ווײלע די ריינע ספערעס פון פּאָעזיע און ערהאבענעם מוסר כדי צוווארפן א בליק אין טאל אריין, וואס איז דערפאר אזוי טרויעריג, ווייל מען האט עס פארוואנדלט אין א ארענע פון געראנגלען צווישן מענשן, פון גערעאנגלען צווישן פעלקער, וועט ער דאס טאן, פארשטייט זיך, ניט ווי א פאליטישער שריפטשטעלער, ניט ווי א פאלקסרעדנער און ניט ווי א פירער פון א פאליטישער פארטיי, נאר ווי א מענש, וועמען עס איז געגעבן געווארן צו ריידן נביאישע ווערטער. אזא רושם מאכט זיין בוך «נאַציאָנאַליזם», וואס באשטייט פון דריי רעדן, וועלכע ער האט געהאלטן אויף זיין נסיעה איבער יאפאניע און אמעריקע.

IV

די מזרח־פעלקער, באזיגט דורך אייראפע, האבן געטראגן און טראגן נאך אצונד שווייגנדיג, אבער שטאלץ אטדעם יאָך. אבער אינערליך האבן זיי זיך גערעכנט און רעכענען זיך ניט נאָר ניט ני־דעריגער, נאָר פארקערט העכער, זיי האלטן זיך פאר טרעגער פון א העכערער קולטור. דער אייראפעער מיט קעשענעס, אנגעשטאפּט פול מיט טייערן שלל, און מיט ווערטער וועגן א הויכער מיסיע אויף די ליפּן, האט גאר ניט חושד געווען, אז דארטן, אין דעם מזרח, האט מען פאר אים ניט אזוי מורא געהאט, אלס שטארקער זיגער, מערניט מען האט אים געהאסט, אלס א טיפּ פון מענשן מיט

זיינע נידעריגע השגות וועגן דעם לעבן, און ווען צו זיי האבן דערגרייכט די קלאנגען וועגן דעם, וואס דער אייראפעער דערציילט ביי זיך אינדערהיים וועגן די באזיגטע פעלקער, האבן זיי ניט גע־קענט פארבארגן דעם שמייכל. עס איז ניטא קיין ספק ניט וועגן דער טעכנישער אויסבילדונג און דער מיליטערישער מאכט פון דעם זיגער, אבער פון דער אנדערער זייט וואס פאר א ארימקייט אין פסיכאלאגישן פארשטיין די נשמה פון א אנדער פאלק, וואס פאר א פעלן פון געשמאק. און קומט אמאל דער אייראפעער מיט שבחים, איז עס אלעמאל דווקא דאס, וואס פארדינט שארף פארמשפט צו ווערן. «ער איז געוואוינט געוועזן – זאגט וועגן די באציהונגען פון דעם אייראפעער צום מזרח אָקאַקורא קאַקוצאָ אין זיין «דאס בוך וועגן טיי» – צו זעהען אין יאפאניע א לאנד פון בארבארן, ווען זי האט זיך באשעפטיגט מיט דער צארטער קונסט פון שלום, ער רעכנט זי «ציוויליזירט» זינט זי פארנעמט זיך אויף די מאנדזשורישע פעל־דער מיט הריגות.» ער האט ניט קיין רעכט צו האלטן זיך העכער, צו פילן זיך אויסדערוויילט. ער האט קיין גרונט ניט דערצו. «אבער – באמערקט דער אווטאר – איר האט געוואונען די שליטה אויף דעם חשבון פון אייער רוה. מיר אבער האבן באשאפן די הארמאניע, וועלכע גיט זיך אפשר צו ווייך אונטער אונטער די, וואס באפאלן. אבער גלויבט מיר, דער מזרח איז אין א סך זאכן בעסער ווי דער מערב».

אטדער געדאנק זיצט פעסט אין די מוחות פון די בעסטע פאר־שטייער פון דעם מזרח, ער איז אויך דער געדאנק פון דעם המון. דער אייראפעאישער מענש דארף זיך ניט שפינען קיין שום אילוזיעס בנוגע דעם, וויאזוי עס טראכטן וועגן אים די מענשן אין דעם מזרח. ער דארף וויסן זיין, אז מען האט פון אים גאר קיין הויכע מיינונג ניט. ווען דאס האט זיך אויך געפילט פריהער, ווען א פאעט אדער דענקער פון מזרח איז אויסגעקומען זיך וועגן דעם ענין אפנהאַרציג ארויסצוזאגן, איז עס אצונדער, נאכדעם ווי עס האט זיך מיט

אייראפע געטראפן די קאטאסטראפע (דורך איר אייגענער שולד) ארויסגעטראטן אָפן. מען וואונדערט זיך ניט מער, וואס דער קער־פער פון אייראפע איז פול מיט וואונדן, דאס איז דער רעזולטאַט פון דער שווערער אינערליכער מחלה, פון וועלכער זי ליידט שוין אזוי לאנג. אויב אין אטדי ארויסגעזאגטע מיינונגען הערט זיך אמאל א נאטע פון פרייד, א פארבארגענער געפיל פון נקמה, דארף מען דאך ניט פארגעסן די באליידיגונגען, וואס דער אייראפעאישער מענש האט אנגעטאָן דעם מזרח־מענש. מען דארף ניט משפטן אים דערפאר, וואס ער, זעהענדיג די מפלה פון דער פאלשער סיסטעמע מיט דעם נאמען «אייראפעאישע קולטור», זעהט דעריין פאראיינס דעם נצחון פון זיין שיטה. דער הויכגעשטעלטער און טיף געביל־דעטער כינעזער קוקונמין באטראכט דעם אייראפעער ווי א מענש פון דריטער מדרגה. דער כינעזער, זאגט ער, שטעלט זיך דעם אייראפעער פאר אלס א מענש, פאר וועלכן מען האט נויטיג גלחים און סאלדאטן, וואס זיי זאלן אים איינהאלטן, איינצאַמען. דער כי־נעזער אבער האלט זיך איין אהן דעם גלח און אהן דעם סאלדאט. די לערע פון קאנפוטצע האט אין א משך פון פערטהאלבן טויזנט יאר באוויזן איינצוהאלטן און אייצוצאַמען א באפעלקערונג, וואס איז גרעסער ווי די אייראפעאישע, אהן גלחים, אהן פאליציעס און סאל־דאטן. די אייראפעער, וועלכע שטייען איצט נאקעט, נאכדעם ווי זיי האבן אין א פיריאריגן ווילדן, בלוטיגן שפיל פארלארן זייער גאנצן גייסטיגן רכוש, פריידיגט קוקונמין די שיטה פון דעם מזרח. און ווען ער הערט איצט די פולע טענות וועגן דער שרעקליכער שעדליכקייט פון מיליטאריזם, קען ער ניט פארגעסן, אז נאר מיט דעם אייזערנעם כוח פון מיליטאריזם זיינען די אייראפעער געקומען צו די פעלקער פון מזרח אום זיי צו אונטערדריקן. ניט באגעגע־נענדיג א שטארקן ווידערשטאנד, האבן זיי אייליג פון דעם געדרונ־גען, אז דער מזרח איז אפגעשטאנען, אינדערצייט ווען דווקא די אלטע, הויכע רוחניותדיגע קולטור איז געוועזן דער עלעמענט, וואס

האט געשטערט דעם מזרח־מענשן קאנקורירן מיט דעם אייראפעער בנוגע דער באנוצונג פון גראבער קראפט. קוכונמין ברענגט דעם כינעזישן גלייכווערטל: «פון גוטן אייזן מאכט מען ניט קיין נעגל און פון גוטע מענשן מאכט מען ניט קיין סאלדאטן».

אין אייראפע זיינען געווען צופיל סאלדאטן.

אבער אויב אין אייראפע זיינען געווען צופיל סאלדאטן, דארף מען דען ניט דערפון דרינגען, אז עס זיינען פארהאנען צופיל מענשן, וואס זיינען צעקאלעטשעט דורך דער פאלשער קולטור, דורך דעם, וואס איז שוין גארניט קיין קולטור, מערניט א שאטן.

וועגן דער דאזיגער פאלשער אייראפעאישער קולטור טראגט ארויס זיין משפט ראבינדראַנאַט טאַגאָרע, נאר אזויווי דער בארימטער, איידעלער אינדישער פּאָעט טראגט אין זיין הארצן א גרויסע ליבע צו מענשן, אזויווי אייראפע פארמאגט אסך אזוינס, וואס איז פאר אים ווערט און נאהענט, איר גרויסע ליטעראטור, אירע עטליכע גרויסע מענשן, איז זיין בוך דעריבער ניט נאר א משפט פון א שטרענגן שופט, נאר עס איז פאראיינס א מוסר פון א ווייכהארציגן איידעלן רבין.

פון אנהויב אן, מיינט ראבינדראַנאַט טאַגאָרע, איז דער וועג, וועלכן דער אייראפעאישער מענש האט אויסגעקליבן, געווען א פאלשער. ער האט פארקויפט דאס העכסטע, דאס טייערסטע וואס עס גיט פאר דעם אפגאט: ארגאניזאציע. נאציע אין אייראפעאישן באגריף און, דער עיקר, אין דער אייראפעאישער פראקטיק — איז ארגאניזאציע פון פאליטיק און האנדל. זי איז אלמעכטיג, אטדי ארגאניזאציע, נאר די אלמעכטיגקייט איז געקויפט געווארן מיט א צו טייערן פרייז, מיט דעם איגנארירן, פארניכטן פון דער הארמאניע פון העכערע לעבענספארמען. «דאן איז עס זעהר שלעכט מיט דער מענשהייט. ווען דער פאטער פון א פאמיליע גיט זיך איבער אַזאַרטע שפילן און די התחייבותן צו די זייניגע גייען אוועק אויפן צווייטן פלאן, דעמאלט איז ער ניט קיין מענש מער, נאר א

מאשינע׳ וואס יאגט זיך נאך ריווח· דאן איז ער בכוח צו טאן אזעלכע זאכן׳ וועלכע ער וואלט זיך אין א נארמאלן צושטאנד גע־שעמט צו טאן»·

די אייראפעאישע קולטור׳ אדער׳ ווי טאַגאָרע רופט עס׳ דער אייראפעאישער נאציאנאליזם האבן דערבראכט די ארגאניזאציע פון קראפט ביז צו דער מדרגה פון פולקומקייט׳ דערפאר אבער האט זי זיך ווייניג מיה געגעבן לטובת דעם אידעאליזם· די וועלט איז גע־ווארן א ברייטע ארענע פאר געיעג׳ און אייגנטליך טראכטן די אייראפעאישע פעלקער׳ וואס האלטן זיך אזוי גרויס מיט זייער קולטור׳ נאר וועגן דעם׳ וויאזוי מען זאל די ארענע פון דעם געיעג ברייטער מאכן׳ און דאס איז אייגנטליך דער איינציגער גרונט׳ פאר וואס אטדי פעלקער קריגן זיך צווישן זיך·

און וואס פאר א פנים האט אטדי מענשליכע געזעלשאפט? די מאשינעריע און דער מעכאניזם האבן אים אלנפאלס געמאכט אזוי׳ אז גאט׳ וועלכער האט דאך באשאפן דעם מענש כדי ער זאל זיין מענשליך׳ וואלט זיך שטארקע מיה געגעבן צו דערקענען אין דעם איצטיגן פראדוקט׳ וואס איז אזוי ענליך צו פאבריק־סחורה׳ יענעם גייסטיגן מהות׳ יענע באשעפעניש׳ וואס דארף טראגן דעם צלם אלוהים·

און די טיילן פון דער מענשהייט׳ וועלכע האבן ניט געוואלט גיין נאך דעם אפגאט ארגאניזאציע׳ די׳ וועלכע האבן ניט אויסגע־קליבן פאר א עיקר־האמונה דעם געראנגל פון אלע קעגן אלע׳ זיינען אריינגעפאלן אין קנעכטשאפט·

«איבער אטדעם׳ אנאזייט לעבנדיגן טייל פון דער מענשהייט׳ וואס פארמאגט די נאאיווקייט פון א קינד און די חכמה פון א זקן׳ האט זיך דורכגעטראגן די נאציע פון מערב·

דער טויטער מעכאניזם דריקט אלצדינג׳ וואס לעבט· די אייראפעאישע געזעלשאפט דארף אבער ניט שטאלץ זיין מיט אירע נצחונות׳ מיט איר שליטה· טאַגאָרע רופט אויס: ניט נאר די בא־

זיגטע ראסעס, נאר אויך איר אליין, וואס איר רעכנט זיך פאר פריי, זייט מקריב יעטווערן טאג אייער פרייהייט און דעם מענש־ליכן מהות דעם אפגאט נאציאנאליזם, און לעבט אין א פאר־שטיקטער, פארסמטער אטמאספערע פון חשד, צערייצטקייט און מורא, וואס זיינען פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט».

ראבינדראַנאַט טאַגאָרע האלט שטענדיג דעם שפיגל פאר דער אייראפעאישער געזעלשאפט, פאר דעם אייראפעאישן מענשן און לערנט אים דערקענען זיין אייגענעם פנים. זיינע ברידער אבער פון מזרח לערנט ער, אז זיי זאל ניט פארדריסן, וואס זיי זיינען ניט ענליך צום אייראפעער, נאר, פארקערט, אכטן און ליבן זייער אלטע קולטור, אין וועלכער דער אפגענארטער און אנטוישטער אייראפעער וועט באלד דערפילן א גרויסע באדערפעניש. צו יאפאניע ווענדט זיך טאַגאָרע מיט דער פריינדליכער עצה אפשטעלן אטדעם האסטיגן געלאַף פון נאכמאַכן. אים דוכט, אז זיין פארוואנדטע נאציע איז אביסל צו ווייט אוועק אין דעם זין. דאס מאכט אים דאגות. אים איז אומעטיג פון דעם באוואוסטזיין, אז אין יאפאניע געפינען זיך שוין אסך אזוינע, וואס האבן ליב געקראגן דעם אייראפעאישן מעכאניזם, די אייראפעאישע מאשינע מער ווי יענע לעבעדיגע אידעאלן, וועלכע זיינען געבארן מיט דעם פאלק און וועלכע זיינען אין משך פון א פולע דורות געווען קולטיוויַרט. זיי דערמאנען אים יענע קינדער, וואס באגייסטערנדיג זיך מיט זייער שפיל, גלויבן זיי, אז זיי האבן מער ליב די שפילווארג, ווי זייער מוטער.

דער מזרח קען ווארטן. זיין צייט וועט קומען.

דער מזרח מיט זיינע אידעאלן, וואס האט אין זיין ברוסט דאס ליכט פון דער זון און דאס שווייגן פון די שטערנס דורות לאנגע פארבארגן, זאל רוהיג ווארטן ביז דעם מערב, וואס יאגט זיך נאך תכלית, וועט ניט אויסגיין דער אטעם, און ער וועט זיך אפשטעלן אייראפע ווארפט, אין אירע אייליגע געשעפטליכע נסיעות, פונם וואגאן א פאראכטן בליק אויף דעם שניטער, וואס שניידט זיין

תבואה אויפן פעלד, און אין דער שרעקליכער איילעניש פון זיין נסיעה דוכט זיך אים, אז יענער אויפן פעלד איז זעהר לאנגזאם, און אז ער טרעט אלץ צוריק. אבער די איילעניש מוז אמאל אויפהערן; די געשעפטן פארלירן זייער וויכטיגקייט, און דאס הארץ פון אייראפע ווייגט נאך שפייז, ביז זי קומט ניט ענדליך צום באשיידענעם שניטער, וואס קלייבט אויף זיין תבואה.

אטדי צייט איז שוין געקומען.

«אָ, מיינע ברידער!, ווענדט זיך צו אינדיע איר גרעסטער פּאָעט טאַגאָרע, שעמט זיך ניט צו שטיין לגבי שטאלצע און שטארקע.

און ווייסט: דאס גרויזאמע הייסט ניט דאס גרויסע, און שטאלצקייט דויערט ניט אייביג.»

פון אייראפעס שטאלץ איז גאר ניט געבליבן. עס בלייבט איר נאר צו דערקענען דעם גאנצן אומגליקליכן וועג, איבער וועלכן זי איז ביז איצט געגאנגען, און מער טראכטן וועגן יענע גרויסע מענשן, בעסטע דענקער און פריינד פון דער מענשהייט, וועלכע זיינען ניט מיד צו ריידן די אייביגע ווערטער וועגן אמתן ציל און עֶצם פונם לעבן.

צו אטדי עמודי האש, צו אטדי איידעלע דענקער, אין וועלכע עס לעבט די נשמה פונם נביא, דארף צוגערעכנט ווערן אויך ראבינדראַ־נאַט טאַגאָרע.